# סאָוועטיש
# הײמלאַנד

1

1961

3
Bin
196
1-3
647
71-3

# סאָוועטיש היימלאַנד

צוויי־כאַדאָשימדיקער
ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססרר

Jul - Aug.

יול 1 אווגוסט

1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

# אינהאלט


זײַט

צום לייענער . . . . . . . . . 4

יעכיעל שרײַבמאן. פליגל.— א מאמע. — שוועסטער. — יונג גראָז.— פאָרנדיק. — מײַן מאמע — מײַן לייענערן (מיניאטיורן) . . . . . . . . . 6

מוישע טייף. דאָס געזאַנג וועגן ברידער . . . . . . . . . 10

טעוויע גען. אין דער היימשטאָט 25

אלעקסאנדער טוואַרדאָווסקי. סיביר . . . . . . . . 47

אלעקסאנדער פּראָקאָפּיעוו. דער זיידע . . . . . . . . 49

ליובע וואסערמאן. אייגן בלוט (דערציילונג) . . . . . . . 50

שלוימע טשערניאווסקי. ליבשאפט . . . . . . . . . 52

שמועל האלקין. גוט-יאָמטעוו דיר, מײַן לאנד. — ווען דײַן שטוב האָט מיר פארפעלט. — ווער געקאָנט האָט קלערן. — דערוואַרטונג (לידער) . . . 53

יאנקעוו שטערנבערג. דער גיבער פון יאסנע פּאָליאנע. — איך גלייב זיך ניט. — אין שוויים פון דײַן פּאָנעם. — שטאָק-דעמער-גרוי (לידער) 57

מאָטל גרוביאן. קובינער פרי-מאָרגנס. — קאָנגאָ. — אין קאדיעווקע. — מײַן ערשטע ליד. — א בוים. — לי-דער אָן א סאָף. — מיט מײַנע אויגן (לידער) . . . . . . . . . 61

טשינגיז אײַטמאטאָוו. דזשא-מיליא. ייִדיש—ש. גאָרשמאן . . 65

שלוימע רויטמאן. וואָס אין פידעלע שטעקט . . . . . . . 81

זיאמע טעלעסין. די סלאווי-שע ווערטער. — ווען ניט דער טאָטער... — איך און דער גריך (לידער) . . . 82

ריווע באליאסנע. מײַן ליד . 84

הירש רעלעס. א פונק. — אין פרילינג (לידער) . . . . . . . 85

דאָרע כײַקין. דער אלמאָנע פון קאָנגאָ . . . . . . . . . . 86

דאָוויד בראָמבערג. יורי גא-גארין... — מיר וועלן ניט דערלאָזן, ניין... (לידער) . . . . . . . . . 87

יויסעף ראבין. ראָכל מיט אירע קינדער. — ברוינע צעפּ (דערציילונגען) 89

יאָסל לערנער. הער שוין אוף צו וויינען . . . . . . . . . 94

מאָטל סאקציער. אף דער אנ-גארא. — אן ערנקרײַז. — פון די היגע קוואלן (לידער) . . . . . . . . . 95

פּייסי יאנאָווסקי. אפן צאָפּן. — די ערשטע ליד... (לידער) . . . . 97

מאָטל גרוומאן. לענינגראד . . 99

מייער כאראץ. אופבוי. — זו-מערדיקס (לידער) . . . . . . . . 100


## טריבונע פון שרײַבער


ז. וועגדראָוו. יוגנט — אונדזער אויצער . . . . . . . . . 102

אווראָם גאָנטאר. א געוויינלע-כע מישפּאָכע . . . . . . . . 106


## ליטעראטור און קונסט


ה. רעמעניק. וו. ג. בעלינסקי (צו זײַן 150-טן געבורטסטאָג). — ס. פרײַ. דער וועג צום קאָסמאָס. — נ. אויס-לענדער. א נײַע אויסגאבע פון אָשער שווארצמאנס לידער. — ל. טשער-ניאק. בא די בירָאבידזשאנער שרײַבער 113

ע. פאלקאָוויטש. אָפּשײַ פארן לאָשן . . . . . . . . . . 121

כראָניק . . . . . . . . . 126



**הויפּט-רעדאקטאָר** א. ווערגעליס.

**רעדקאָלעגיע:** נ. אויסלענדער, א. גאָנטאר, ה. דאָבין, מ. טייף, ב. מילער, י. פאליקמאן, ס. פרײַ, ר. רובין.


HARVARD COLLEGE LIBRARY - WIDENER LIBRARY

## די ליכטיקע צוקונפט פון דער מענטשהײַט

אויסבויען די קאָמוניסטישע געזעלשאפט איז געוואָרן אן אומיטלבארע פראקטישע אופגאבע פונעם סאָוועטישן פאָלק. די בעהאדראָגעדיקע אריבער־וואקסונג פונעם סאָציאליזם אין קאָמוניזם — איז אן אָביעקטיווע געזעצמעסי־קײַט; זי איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער גאנצער פארגאנגענער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער קאָמוניזם?

קאָמוניזם — דאָס איז א קלאסנלאָזע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, ווו עס איז אײַנגעשטעלט איינהײַטלעך אלפאָלקיש אייגנטום אף די פּראָדוציר־מיט־לען, פולע גלײַכהײַט פון אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט; א געזעל־שאפטלעכע אָרדענונג, ווו צוזאמען מיט דער אלזײַטיקער אנטוויקלונג פון די מענטשן וועלן אף דער באזע פון דער נאָכאנאנד זיך אנטוויקלענדיקער וויסנ־שאפט און טעכניק אויסוואקסן אויך די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, אלע קוואלן פונעם געזעלשאפטלעכן רײַכטום וועלן נעמען פלייצן ווי א פולער שטראָם און עס וועט פארווירקלעכט ווערן דער גרויסער פרינציפּ „פון יעדן — לויט די פעיקײַטן, יעדן — לויט די באדערפענישן“. קאָמוניזם — דאָס איז א הויך־אָר־גאניזירטע געזעלשאפט פון פרײַע און באוווסטזיניקע ארבעטסלײַט, אין וועל־כער עס וועט זיך אײַנשטעלן א געזעלשאפטלעכע זעלבסטפארוואלטונג, די מי צוליבן ווילזײַן פון דער געזעלשאפט וועט ווערן פאר אלעמען די ערשטע לעבנס־באדערפעניש, וואָס ווערט אופגענומען דורכן באוווסטזײַן אלס נויט־װענדיקײַט, די פעיקײַטן פון יעדן איינעם וועלן אָנגעווענדט ווערן אזוי, אז זיי וועלן ברענגען די גרעסטע נוצן דעם פאָלק.

**פונעם פּראָיעקט פון דער פּראָגראם פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד**

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

## טײַערער לייענער!

מיר גיבן איבער אין דײַנע הענט דעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד". דו וועסט דאָ דערפילן דעם אָטעם פון אונדזער צײַט, וועסט אָפּנעמען א גרוס וועגן דעם ליטעראַרישן לעבן, הערן די שטים פון דער פילנאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראטור. זײַענדיק א טייל פון דער דאָזיקער ליטעראטור, גלייבן מיר צוזאמען מיט דיר, אז אונדזער זשורנאל וועט מיט ווירדע טראָגן דעם נאָמען, וואָס איז אָנגעצייכנט אף זײַן טאָוול.

מיר הייבן אָן אונדזער ארבעט אין א צײַט, ווען די גאנצע סאָוועטישע ליטעראטור איז באפליגלט מיט די אידייען, מיט וועלכע דאָס לאנד גרייט זיך צום XXII פארטיי־צוזאמענפאָר. „...די גרויסע קונסט פון קאָמוניזם, — האָט געזאָגט דער כאווער נ. ס. כרושטשאָוו, — דאָס איז די קונסט פון טיפע געדאנקען, הייסע געפילן און הויכע לײַדנשאפטן, די קונסט, וואָס איז פעיִק צו באגײַסטערן מיליאָנען און מיליאָנען בויער פונעם קאָמוניזם צו נײַע גרויסע אופטוען".

אף די אומענדלעכע ראכוועסן פון אונדזער לאנד קומען פאָר געשעענישן פון ריזיקן פארנעם. דער סאָוועטישער מענטש האָט באהערשט דעם קאָסמאָס, גאנצע קאנטן בײַטן זייער אויסזען, עס זײַנען אופגעהויבן געוואָרן מיליאָנען העקטארן נײַערד, אף א קאָמוניסטישן אויפן ארבעטן שוין און לעבן בריגאדעס, צעכן, זאוואָדן. עס איז די הייליקע פליכט פון אונדזערע שרײַבער — געפינען פאר די היסטאָרישע געשעענישן דאָס הייסע וואָרט און דאָס הויכע געפיל.

* * *

ערנסט זײַנען די אופגאבן, וואָס שטייען פארן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". ער דארף ברייט און אלזײַטיק באלויכטן דאָס לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק, זײַן מעסירעסנפעשדיקן קאמף פאר פרידן אף דער גאָרער וועלט, פאר א גליקלעכער צוקונפט.

די ווערק, וואָס עס האָבן אונדז שוין איבערגעגעבן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, זאָגן צו, אז דער זשורנאל וועט קאָנען אף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ אָפּשפיגלען די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט. אָן א שיר נײַע פארבן אין דער שילדערונג פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט וועלן ברענגען מיט זיך די בעסטע שאפונגען פון די ליטעראטורן פון די ברידערלעכע סאָוועטישע פעלקער, וועלכע וועלן געדרוקט ווערן אין אונדזער זשורנאל. דאָס קאָל פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער וועט קלינגען אין דעם מעכטיקן כאָר פון די ברידערלעכע ליטעראטורן.

נאָך אין 1921 יאָר האָט איינער פון די גרונטלייגער פון אונדזער ליטעראטור פערעץ מארקיש געשריבן: „פריִער פאר אלעמען איז די ייִדישע נײַע דיכטונג א קינד פון דעם רעוואָליוציאָנערן רוסלאנד..." אויך הײַנט, פונקט ווי מיט פערציק יאָר צוריק, מעלדן מיר מיט שטאָלץ וועגן אונדזער אָרגאנישער צוגעבונדנקײַט צום סאָוועטישן היימלאנד, צו דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור.

דער העלד פון אונדזערע ווערק — דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט שוין לאנג אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע לאסט פון דער פארגאנגענהײַט און לעבט מיט א שעפעריש־פראָדוקטיוו לעבן צוזאמען מיט אלע בויער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט.

אין דעם פראט איז וויכטיק אונטערשטרײַכן די באדײַטונג פון דער קינסטלערישער פראָזע, באזונדערס פון דער פארצייכענונג. בלויז דאָס גרינטלעכע דערלערנען די לעבנס־דערשײַנונגען גיט א מעגלעכקײַט שאפן בעעמעס קינסטלערישע, פארבנרײַכע ווערק. אין אונדזערע ראָמאנען, דערציילונגען, נאָוועלן און אויך אין דער דאָקומענטאלער פראָזע וועט פאר דעם לייענערס אויגן זיך אויסשפרייטן א ברייט בילד פונעם סאָוועטישן לעבן.

נ. ס. כרושטשאָוו האָט באם באזוכן מיכאיִל שאָלאָכאָוון אין דער סטאניצע וועשענסקאיא געזאָגט: „אונדזער קונסט איז בארופן טיף און וואָרהאפטיק באווײַזן, ווי־אזוי עס ווערן געבוירן העלדנטאטן, אנטפלעקן די גײַסטיקע וועלט פונעם מענטשן פון אונדזער צײַט, זײַנע געפילן, געדאנקען און שטרעבונגען". אין אָט די ווערטער איז אויסגעדריקט דער בארוף פון אונדזערע וואָרט־קינסטלער: גיין אין דער טיף פונעם לעבן, באווײַזן, ווי די קאָמוניסטישע אידייען באהערשן די ברייטסטע פאָלקסמאסן.

גרויס באפרידיקונג רופט ארויס דער פאקט, וואָס בא די ייִדישע דיכטער דויערט און ווערט ניט אָפּגעשוואכט דער אינטערעס צו דער פאָעמע. דאָס שטימט דורכויס מיט דער דערפארונג פון דער פילשפראכיקער סאָוועטישער ליטעראטור, וואָס לערנט אונדז, אז אין גרויסע צײַטן בליִען אוף גרויסע זשאנרען. באזונדערס איז דערפרייענדיק, וואָס דער גרויסער זשאנער ווערט אויסגענוצט צוליב דער שילדערונג פון דער הײַנטצײַטיקײַט. אָבער אנטפלעקן די גײַסטיקע וועלט פונעם מענטשן פון אונדזער צײַט, זײַנע געפילן, געדאנקען און שטרעבונגען וועט זיך אונדז אײַנגעבן נאָר דעמלט, ווען צוזאמען מיט דער עפּישער פאָרם וועט זיך אופהייבן אף א העכערן שטאפל אויך אונדזער ליריק. דאָס איז באזונדערס שײַעך צו דער פאָליטישער ליד, אין וועלכער עס דארף זיך לאָזן הערן סײַ דער שעפערישער ענטוזיאזם, וואָס איז אייגנטימלעך פארן סאָוועטישן מענטשן, סײַ דער קאמף פאר שאָלעם און סאָציאלער גערעכטיקײַט, סײַ דער פאָלקס־צאָרן קעגן היטלערס יאָרשים, וואָס זײַנען לײדער נאָך ניט אָפּגעמעקט פון דער ערד.

צוטרעטנדיק צו דער ארבעט אין זשורנאל, גלייבן מיר, אז אונדזערע קריטיקער וועלן ווידמען א באזונדערע אופמערקזאמקײַט דעם נײַעם דאָר שרײַבער, וואָס איז איצט טעטיק אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. מערסטנטייל זײַנען דאָס אקטיווע אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין יענע יאָרן זײַנען זיי געווען נאָך יונגע שרײַבער. איצט שטייען זיי פאר אונדז ווי רײַפע קינסטלערישע פערזענלעכקײַטן. מיר וואַרטן, אז אונדזער קריטיק זאָל אופדעקן די אייגנארט פון די דאָזיקע וואָרטמײַסטערס, אָפּשאצן זייער באטײַט פאר דער ליטעראטור פון אונדזערע טעג.

אָט דאָס זײַנען, טײַערער לייענער, די נאָענטסטע אופגאבן, וועלכע עס שטעלט פאר זיך דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".

HARVARD COLLEGE LIBRARY - WIDENER LIBRARY

# יעכיאל שרײַבמאַן



געבוירן אין 1913 אין שטעטל וואַד-ראַשקעוו (בעסאַראַביע). געאַרבעט אַלס דאָרפס-לערער. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1935. וווינט אין קעשענעוו.

## פּליג

אַלאַסט-מאַשין האָט אויסגעלאָדן באַ אונדז אין הויף זאַמד.

קינדערלעך זײַנען אָוונט-צו באַפאַלן די קופּע זאַמד מיט אַלע זייערע געצײַגן.

עקסקאַוואַטאָרס האָבן געגראָבן, אָנגעפּילטע אווטאָס זײַנען געפאָרן אַפּ און אויף. דורך טונעלן האָבן זיך דורכגערוקט צוגן. אַ מיידעלע האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ לאַנגן בעזעם, געצויגן פון אים ריטלעך און געפלאַנצט אַ גאָרטן. אַ ייִנגעלע האָט אַרומגעשטעלט דאָס שטיבל זײַנס מיט קוביקעס, איז אַרופגעקראָכן העט אויבן אויף דעם זאַמד, אָנגעשאָטן זיך אַ פולע פּאָלע, זי פּאַמעלעך אויסגעבויגן, און ס'האָט אָנגעהויבן ראַשיק אַראָפּגיסן זיך אַ זאַמדיקער וואַסערפאַל — גיי ווייס, אַז דאָס שטיבל אונטן איז אַ נאָרוואָס אויסגעבויטע הידראָעלעקטראָסטאַנציע.

דער קליינער אַליק מײַנער יאָגט אַרום. דאָס העמדל איז אים צעכראַסטעט, דער קאָפּ — פּאַריסן. רײַטנדיק אויף אַ שול-ווירע, לויפט ער אָן אופהער אַרום און אַרום, פּײַל אויסן בויגן, לאָזט איבער הינטער זיך, אין זאַמד, טיפע קרײַזן.

איך שטיי און באַטראַכט דאָס קליינוואַרג און דערזע זיך מיטאַמאָל אין אַליקס עלטער:

כ'פלעג אויך ליב האָבן אַ נעם טאָן אַ שטעקן אין דער האַנט, איין עק זײַנעם אַרײַנקוועטשן אין פאַרקנעטענעם ביסל ליים, וואָס פלעגט פון יאָמטעוו צו יאָמטעוו בלײַבן ליגן באַ אונדזער שטוב (אָפּצושמירן אינווייניק די „ערדן"), אין אַנדערן עק שטעקן אָנשפּאַרן זיך מיטן בויך, און אַזוי, אָן אופהער, דרייען זיך אַרום און אַרום אין קרײַז. דאָס פלעג איך אַזוי נאָכמאַכן דער בלינדער קליאַטשע, וואָס האָט אויף אַזאַ אויפן געטריבן די איינציקע מאַשינעריע באַ אונדז אין שטעטל — די „מאַסלאָבאָיקע".

וויפל יאָרן איז דען פון יענער צײַט אַוועק?

— היי, אַליק, שטיי אַ ביסל, וואָס לויפסטו אַזוי?

אַליק ענטפערט ניט באַלד. דער קאָפּ איז אים פאַריסן אַרויף, די אויגן פאַרטאָן אין דער ווײַטקײַט.

— כ'לויף ניט. איך פלי!.. אַרום דער ערד!.. צו דער לעוואָנע! טו, טו, טו-ו!..

## אַ מאַטיע

זי האָט אַראָפּגענומען פונעם טיש די טעלער, אַראָפּגעשאַרט די ברעקלעך און אונדז דערלאַנגט אַן אַלבאָם:

— אָט האָט איר אים דאָ, מײַן וואַלענטינען, ווי מע זאָגט, אין אַלע פּאָזעס!

אַ שוואַרץ קוטשעראַוו ייִנגעלע אין אַ לײַוונטן העמדל. אַ באָכערל מיט אַ פּיאָנערישן טרומייט באַ די ליפּן. און צום סוף, אויף אַ סאַך פאָטאָגראַפיעס, אַ סטודענט אין אַ ווײַסן כאַלאַט.

איין בילד האָט זי גענומען אין די הענט אַרײַן, לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין דעם און צוגעדריקט עס צום קאָפּטל.

— מיר זאָל זײַן פאַר זײַנע ביינער! — מײַן איינציקער...

ביכלאַל האָט זי גערעדט וועגן פּראָסטע וואָכעדיקע זאַכן. נאָר פּלוצעם האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— אין דער פּאַרטיי.... קעדיי אַרײַן אין דער פּאַרטיי, וויפל דאַרף מען זײַן אין קאָמסאָמאָל?

— עס ווענדט זיך ווען און ווער... — האָבן מיר געענטפערט.

— אַ קאָמסאָמאָליעץ איז ער פון זיבעטן קלאַס אָן, דער טאַטע זײַנער האָט נאָך געלעבט...

זי האָט זיך אַ פּאָרע געטאָן באַ די אויגן מיט אַ שפּיץ פאַרטעך און דאָס פּנים אירס איז דערנאָך געוואָרן אָפענער, פרייליכער:

— און איך האָב דאָס אַ ביסל אָנגעווייַנט זיך דערמלט. ניין און ניין! ס'האָט זיך מיר ווי אויסגעדאַכט, אַז מע כאַפּט אים באַ מיר צו, דאָס קינד מײַנס.

זי האָט זיך צעלאַכט און ווידעראַמאָל אָנגעהויבן אײַנקוקן זיך אין זונס בילד. ס'איז אויסגעקומען, אַז זי רעדט די גאַנצע צײַט מערער צו אים, ווי צו אונדז.

— דערנאָך האָט דאָ-אָ, אין אָט דעם צימער טאַקע, געוווינט אַן אַגראָנאָם. כ'ווייס ניט פּינקטלעך, וואָס עס איז געשען: צי האָט ער זיך אָנגעשיקערט, צי אַ מײַסע מיטן ווײַב, — נאָר מ'האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. אַזוי, אַלע טאָג, איז ער, דוכט זיך, געווען אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. נאָר אַז ס'האָט זיך געמאַכט אין קאָלווירט אַ פאַרזאַמלונג זייערע אַ פּאַרטייִשע — ווײַ-ווײַ. דאָ, איבערן וועג, האָבן געוווינט צוויי לערערס, אַז ער האָט געזען דורכן פענצטער ווי זיי גייען, און ער, הייסט עס, בלײַבט אין דער היים, — אַז ער האָט דאָס אָנגעהויבן צינדן איין ציגאַר נאָכן אַנדערן, אַרומשפּאַנען פאַרכמורעט הין און הער איבערן צימער, ווײַ-ווײַ, אַ גרויס ראַכמאָנעס געווען אויף אים.

— כאַווער אַגראָנאָם, — זאָג איך, — אַ מענטש זײַט איר אַ געלערנטער, פון דער אַרבעט האָט מען אײַך ניט אַראָפּגענומען, וואָס זשע איז די מײַסע, וואָס?

שאָקלט ער מיטן קאָפּ, שווײַגט און זיפצט.

— כ'פאַרשטיי ניט, — זאָג איך, — כ'פאַרשטיי כיט, וואָס זי האָט געוואָלט פון אײַך, די פּאַרטיי.

— זײַן אַ מענטש, — ענטפערט ער, — אַ מענטש!

— דאָס זעלבע, — מאַך איך, — וואָס איך וויל פון מײַן וואַלענטינען.

קוקט ער מיך אַזוי אָן און זאָגט:

— יאָ, טיאָטיע אַגאַפּיע, יאָ!

אַ שטיק צײַט האָט ער זיך נעבעך אַזוי געמוטשעט. מ'האָט מאַמעש געזען, ווי דאָס איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש, אין זינען געהאַט איין זאַך: די שטוב און די אַרבעט. פון צײַט צו צײַט איז ער געגאַנגען אין ראַיאָן, געשריבן, דערוויזן, און מ'האָט אים, זעט אויס, מויכל געווען, צוריק אַרײַנגענומען.

און אַצינד וועגן מײַן וואַלענטינען.

פריִער האָט ער געלערנט דאָ אין מעדיצינישן טעכניקום, נאָענט צו דער מאַמעס אויג. איצט אַרבעט ער ערגעץ ווײַט, אַזש פון יענער זײַט בעלץ, אין אַ שפּיטאָל, אַ פעלדשער. ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן? ווער וועט זען, ער זאָל כאָלילע פּונעם גלײַכן וועג ניט אַראָפּ?..

איז זאָגט זשע מיר: נאָכן קאָמסאָמאָל געדויערט אַ סאַך, ביז מע נעמט אַרײַן אין דער פּאַרטיי?

אַ מאַמע האָט גערעדט און גערעדט. און ס'האָט זיך געוואָלט הערן און הערן.

## שאָטנס

איינע הייסט זינע, די אַנדערע — נינע.

ביידע מיידלעך האָבן צווישן זיך אַ סאַך ענלעכס, כאָטש זינע איז אַ צאַרטע, אַ טונקעלע, מיט גרויסע, פאַרטראַכטע קאַרשן-אויגן, און נינע — אַ פולע, מיט אַ ווײַס ליכטיק פּאָנעם און מיט צוויי לאַנגע גילדענע צעפּ אויפן רוקן. זיי זײַנען ביידע מעדיציניִשע שוועסטער אין אַ שפּיטאָל.

ביידע זײַנען אופגעוואַקסן באַ פאַרשיידענע עלטערן, געענדיקט די מעדשול אין פאַרשיידענע שטעט און וווינען איצט אין שפּיטאָל-הויף אין איין צימערל. אַ צימערל מיט הויכע ווײַסע לאָדנס, מיט ווײַס מעבל און מיט אַ סאַך שאָטנס פון בלעטער אויף די ווענט.

ביידע זײַנען נאָך גאָר יונג: ערשט פון דער שול, ערשט פון דער היים.

אַ קילער סאָפּזומערדיקער פרימאָרגן אין דאָרף. די זון האָט זיך נאָרוואָס באַוויזן פון הינטערן וועלדל. ביידע מיידלעך זײַנען נאָך אַ נאַכט-דעזשורסטווע.

די ערשטע גייט אַהיים זינע. זי שפּאַנט אויף דער אויסגעפלאַסטערטער שפּיטאָל-סטעזשקע מיטן כאַלאַט אין דער האַנט. דאָס ווײַסע טיכל אויפן קאָפּ, ציכטיק אויסגעלייגט, ווי אַ מיצל,




HARVARD COLLEGE LIBRARY - WIDENER LIBRARY

איז איצט, נאָך דער אַרבעט, צעפּאַלן און אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. זי האָט דערזשורעט אין געבורטס-זאַל. די דאָקטערשע איז בלויז געשטאַנען בײַ דער זײַט און אכטונג געגעבן. אין אירע, אין זינעס, הענט האָט דעם קינדס קערפּערל צום ערשטן מאָל זיך צעקלונגען. זי האָט געפילט, ווי דאָס פּנים אירס איז פאַרפּלאָנטערט, דאָס האַרץ — קלאַפּט. דאָס קינד האָט זי געוויקלט מיט ציטערנדיקע הענט. די דאָקטערשע האָט געלאַכט דערפון, וואָס זי איז אַזוי אויפגערעגט. נאָר סײַוויסײַ, ווען זי וואָלט איצט ניט באַגעגנט, וואָלט זי אַזוי-אָ אַן אויפגערודערטע געוואָלט אַ זאָג טאָן:

— אַ מענטש איז געבוירן געוואָרן... כ'האָב אים גענומען מיט מײַנע הענט!..

אין צימער צעעפנט זי די לאָדן, עפנט אַ פענצטער, ציט אַראָפּ דאָס טיכל פונעם קאָפּ, טוט אויס די שיך און שטעלט זיך אַוועק ברײַען דאָס מילך. זי שטייט און ווייסט, אַז מילך דאַרף מען היטן, און לויפט פונדעסטוועגן אַלעמאָל צו צום פענצטער, קוקט אַראָפּ צו דער שפּיטאָל-סטעזשקע: עס ווילט זיך איר וואָס גיכער ריידן, דערציילן...

נאָר גראָד הײַנט שפּאַנט גינע אַהיים זייער פּאַמעלעך. דער כאַלאַט איז איר פאַרוואָרפן אויף אַן אַקסל, די שווערע צעפּ פאַרבייגלט אויפן קאָפּ, די אויגן — מיד-פאַרשמאָלטע, פאַרטרויערטע.

זי שפּאַנט און עטעמט אײַן אין זיך די פּרימאָרגן-פרישקײַט. אַ גאַנצע נאַכט איז זי געזעסן לעבן אַ קראַנקן. אַ מענטש אין די יאָרן, אַ קאָלווירטניק. פאַרנאַכט האָט ער געהאַט אַ שווערע האַרץ-אַטאַק. ער איז געבליבן ליגן מיט פאַרגליווערטע טראָפּנס שווייס אויפן פּנים, מיט פאַרגלאָצטע אויגן, אין דעם מינדסטן ריר.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי געזען דעם דאָקטער אַזוי פאַרזאָרגט. אָן אויפהער האָט מען דעם קראַנקן געגעבן זויערשטאָף, אײַנגעשפּריצט קאַמפער. זי האָט געהאַלטן דעם קראַנקנס האַנט, געפאָכעט מיט אַ צײַטונג, אים אַרײַנגעטריפט טראָפּנס אין מויל. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אים געוואָרן בעסער, ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און אפילו אַ שמייכל געטאָן. דער דאָקטער איז אַוועקגעגאַנגען, נאָר סײַוויסײַ איז זי אַ גאַנצע נאַכט געזעסן לעבן קראַנקנס בעט, אַלעמאָל אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן, געגעבן אים אַ לעפל טיי און זיך בעשום-אופן ניט געקאָנט באַפרײַען פון דעם טרויעריקן געדאַנק:

— אַ מענטש איז שיר ניט געשטאָרבן, אַ מענטש...

ביידע מיידלעך זיצן איינע קעגן דער אַנדערער און פרישטיקן. זינעס טונקעלע באַקן זײַנען פאַרפּלאַמט. אויף גינעס ווײַס פּנים זײַנען נאָך דאָ סימאָנים פון דער שרעק, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. זינע האָט גערעדט אַ סאַך. גינע האָט געשוויגן...

יאָ, ביידע מיידלעך האָבן צווישן זיך אַ סאַך ענלעכס. נאָר קיינמאָל זײַנען נאָך בײַ זיי ניט געווען אַזעלכע פאַרשיידענע שטימונגען...

# יונג גראָז

פרילינג. ערגעץ אין אַ ווינקל פון מײַן גרויס-שטאָטיש אויסברוקירטן הויף האָט אין די ערשטע זון-טעג מיט אַ מעסוקענער גיכקײַט, מאַמעש פאַר אַ נאַכט, אַרויסגעשפּראָצט גראָז. גרינע, צאַרטע גראָז-בינטלעך זײַנען דאָ און דאָרט געוואַקסן צווישן האַרטע, גלאַטע שטיינער און צוגעגעבן דעם ווינקל פרישקײַט. ס'איז שווער געווען צו באַנעמען, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען: צי די גראָזן האָבן געשפּראָצט, ווײַל די שטיינער האָבן זיך צערוקט, צי די שטיינער האָבן זיך צערוקט, ווײַל די גראָזן האָבן געשפּראָצט.

דער קלייניקער סעניע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, האַלב אויסגעצויגן זיך, דאָס פּנים אײַנגעגראָבן אין די גראָז-שפּראָצונגען, און פון הינטן, נאָך די באַוועגונגען פון זײַנע אַקסלען, האָט מען געזען, ווי די הענט זײַנע רוען ניט, גייען אום הין און צוריק אויף דער ערד.

— פאַר וועמען נעמסטו דאָס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— וואָס נעם איך? — האָט ער, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, אַזוי-אָ, דורך אַן אַקסל, אויסגעדרייט צו מיר אַ פּאָר פאַרכידעשטע אויגן.

— וואָס איז דאָרט?

— גראָז!.. — האָבן זיך זײַנע נאָזלעכער אויפגעבלאָזן. — יונג גראָז!..

— און דו רײַסט עס?

ער האָט זיך גיך אַ דריי געטאָן צו מיר, אַראָפּגעזעצט זיך, אַ רעגע געשוויגן און דערנאָך מיט פאַרדראָס געזאָגט:

— איך רײַס עס ניט... איך גלעט עס...



HARVARD COLLEGE LIBRARY - WIDENER LIBRARY

# פּאַרנעק

ס'ערשטע האָבן זיך דערזען קוימענס. הויכע-הויכע קוימענס. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווײַזן ווענט, קאָרפּוסן. אין דער מיט — אַ ריזיקער זאַוואָד, אַרום און אַרום צענדליקער נײַע מויערן מיט רויטע טשערעפּענע דעכער. פון די זאַוואָד-קאָרפּוסן ציִען זיך אַוועק באַן-ליניעס. מעגטשן לאָדן אויס וואַגאָנעס בורעקעס. אויף אַן אַספּאַלטירטן וועג יאָגן הין און צוריק מאַשינעס. עס שווינדלען הודך פאַר די אויגן קראַנען-סילועטן, עלעקטרישע סלופּעס, וואַגאָנעטקעס. עס טראָגן זיך דורך פריש-אָפּגעפאַרבטע גאַנעקעס, יונגע ביימלעך בײַ די הײַזער.

אַ נײַ אַרבעטער-שטעטל אויף די מאָלדאַווישע סטעפּעס.

בײַם שאָסיי איז געשטאַנען אַ קליין מיידעלע, פאַרקוטעט אין אַ גרויס טיכל. זי איז אַפּאָנעם נאָרוואָס אַרויסגעקומען פון די דאָזיקע נײַע אַרבעטער-הײַזער. זי האָט אויפגעהויבן אַ הענטל און אָפּגעשטעלט דעם אויטאָבוס.

די אויטאָבוס-טירלעך האָבן זיך צערוקט, און דאָס מיידעלע האָט אַרײַנגעשטעלט דעם פאַרקוטעטן קאָפּ אינעם:

— אין שטאָט אַרײַן?

— אין שטאָט אַרײַן, אין שטאָט אַרײַן!.. — האָט דער אוילעם לאַכנדיק געענטפערט.

דער נײַער „פּאַסאַזשיר" האָט פּאַמעלעך אַרופגעשפּאַנט אויפן טרעפּל — און דער אויטאָבוס האָט גערירט.

עמעצער האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַלט ביסטו, מיידעלע?

— צען יאָר מיט צען כאַדאָשים. אין יאַנוואַר כוידעש ווערט מיר עלף! — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט מיט אַ שאַרף קעלעכל.

— און וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו עס אין שטאָט?

— איך פאָר זיך זען מיטן טאַטן. ער איז אויף קורסן. ביז איצטער איז ער געווען אַ מוליער, אַצינד וועט ער זײַן אַ מעכאַניקער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער שאָפער-קאַבינע, מיטן פּנים צום עולם. און אַלע האָבן געקוקט אויף איר.

ווער ס'האָט צוגעקנאַקט מיט דער צונג, זיך געכידעשט, און ווער ס'האָט אין דעם געזען אַ נאַטירלעכע זאַך:

אַ הריסט מיידעלע... אַ מיידעלע פון אַן אַרבעטער איז אַרויסגעקומען צום שאָסיי, אויפגעהויבן אַ הענטל, אָפּגעשטעלט דעם אויטאָבוס, אויפגעזעצט זיך און געפילט זיך, ווי בײַ זיך אין דער היים.

נו, ווי דען זשע!

# מײַן מאַמע — מײַן לייענער

אַז איך ברענג איר אַמאָל אַראָפּ מײַנע אַ פריש אָפּגעדרוקטע זאַך, צי טאַקע אַ גאַנץ ביכל, אַ כאָרוואָס דערשינענס, איז בײַ אונדז ביידן אַ גרויסער יאָמטעוו.

דאָס פּנים אירס באַקומט אַ הייליקן, קינדערשן אויסזען, די געלע צעקנייטשטע באַקן אירע ווערן מיידלש-ראָזעווע, די אויגן — בלויער, די ווײַסע האָר ווידער, דוכט זיך, גאָלדיק.

זי טוט אָן אויף דער שפּיץ נאָז דעם טאַטנס גרויסע, שאַרפע ברילן. דאָס ביכל נעמט זי אַרײַן אין ביידע אָדערדיקע הענט, ווי זי פלעגט אַמאָל אַרײַננעמען אַ מאַכזער, און הייבט אָן פּאַמעלעך ציִען די שורע, וואָרט בײַ וואָרט, שײַנענדיק, מיט אַ פײַערלעכן ציטער אין קאָל און מיט אַ מין באַזונדערן יאָמטעוודיקן ניגן.

וואָס ווײַטער זי לייענט, אַלץ מער וואַקסט אין איר די האַנאָע. זי פאַרגעסט זיך אַזש, פאַרגעסט מײַן שײַכעס צום געלייענטן. איך הער אויף ווערן אַ י ד, דער מעכאַבער, וואָס האָט דאָס אַלץ אויסגעטראָגן און געבוירן. די העלדן זײַנען מער ניט מײַנע העלדן. זי טוט אַ לאַך, ווען זי הערט פון זיי אַ קלוג וואָרט, שײַנט אויף, ווען זיי טוען עפּעס אָפּ אַ גוטע זאַך, בײַסט די ליפּן, ווען עס פאַרדרייט זיך עפּעס אַרום זיי, און די אויגן אירע צעלײַכטן זיך ווידער, ווען זיי פּלאָנטערן זיך אַרויס. אינמיטן לייענען כאַפּט זי אַלעמאָל אַ קוק צו מיר איבער די ברילן, פרעגט:

— פאַרשטייסט, פאַרשטייסט, האַ?

כאָטש דער גרויסער, איידעלער האַנאָע פון אַ מאַמען, האָט זי אויך די פּראָסטע האַנאָע פון אַ לייענער, און ווײַל, אַז אויך איך, דער זון אירער, זאָל האַנאָע האָבן, ווי אַ זײַטיקער.

און דאָס, כאָטש ס'איז פאַר מיר דאָס שענסטע גליק, איז אַ זאַך, קימאַט אַן אומעגלעכע...

1961.

מ ו י ש ע  ט י י ף



געבוירן אין 1904 אין מינסק. געאַרבעט אין אַ פאַבריק. פאַרענדיקט דעם מאָסקווער מעלוכע-אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1923. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטער-לענדישער מילכאָמע. וווינט אין מאָסקווע.

# דאָס געזאַנג וועגן ברידער

געשען איז דאָס אינמיטן נאַכט,
געזיפט האָט שטיל אַ פרילינגדיקער רעגן,
אַ קינד — אָקאָרשט פון מוטערטראַכט —
האָט מיט געשריי די וועלט באַגעגנט.

גלײַך ס׳וואָלט דערשפּירט פון דרויסן אַ געפאַר,
און וויל צוריק אין מוטערס אינגעווייד.
עס וויינט, ווי ס׳וואָלט דערהערט דעם גזאַר,
וואָס אומגעבראַכט האָט אויך מײַן ייִנגעלע...

פאַרוואָס זשע קומסטו, קינד, אַף אָט דער ערד
מיט אויסגעשריי פון צאָרנדיקן ייִעש?
צי דען דערפאַר, ווײַל האָסט דערהערט
סיגנאַלן פון אַליאַרעם אינעם ייִשעוו?

* * *

וואָס איז געשען אינמיטן נאַכט? וואָס איז געשען?
עס וועקט די שטאָט דער באַס פון אַ סירען.

אָט ווערט ער שטיל און ווידער וואַקסט און רופט,
אַ ווילדער באַסקאָל זעגט די לופט.

און טוט אַ פאַל, פונקט ווי אַ דונער, אַף אַ דאַך:
שטייט, בירגער, אויף! שטייט אויף! זײַט וואַך!

און זקיינעס טײַנען, אַז פון גאָט איז שוין באַשערט,
מע זאָל ניט קאָנען רויִק שלאָפן אַף דער ערד.

און נאָר דאָס רעגנדל — עס גייט און גייט,
די מאַלקע פרילינג שפּילט אַ ניגן אַף איר פלייט...



* * *

דאָס ערשטע רעגנדל האָט שטיפעריש געפּלאַפּלט,
געבענטשט די ערד מיט פרילינגדיקן גנאָד,
און בײַ דער מוטערס ברוסט האָט הייס געצאַפּלט
דער צוקינפטיקער בויער פון דער שטאָט.

דאָ, בײַם געבורט־הויז, זינגט מען ניט קיין סערענאַדעס,
די לײַכטע לידער ווערן דאָ געקעפּט,
דאָ איז די ערשטע און די שווערסטע באַריקאַדע,
וווּ ליבע ראַנגלט זיך, וווּ ליבע לעבט.

ווײַל דעמלט, ווען דו ווערסט שוין עלטער,
ניט איין מאָל אויסגעפּרוּווט פון שטורעמווינט,
פאַרשטייסט, ווי שווער עס איז צו זײַן אַן עלנטער,
ווי גוט צו גיין שפּאַצירן מיט דײַן קינד.

ס׳קאָן זײַן, דערפאַר האָט דאָ לעם הויז געפּלאַטערט
אַ מענטשלעך האַרץ, וואָס האָט פון אומגעדולד געברענט
און ניט געפילט, ווי ס׳האָט דאָס פרילינג־רעגנדל געפּלאַפּלט,
און זיך ניט צוגעהערט צו דער יעלאָלע פון סירען.

* * *

ס׳איז ער —
ניין, ניט קיין הויכער, ניט קיין קוטשעראַווער,
ניין, ניט פון די, וואָס שפּילן העלדן אין קינאָ, —
אַ שטילער יאַט, אַ בלייכער און אַ דאַרער,
דאָרט פון אַ שטעטל ערגעץ לעם בערעזינאָ.

פון יענע שטיבלעך, וווּ מעלאָכע איז — מעלוכע
און וווּ מע האָט פון דוירעסלאַנג געגלייבט,
אַז מוישע האָט צעבראָכן זײַנע לוכעס,
ווײַל רײַכקײַט קומט פון „סיגנויוו", אָרעמקײַט — פון „לוי".

אָ, ברידער אומגעבראַכטע — פידעלעך צעבראָכענע!
זאָל אײַער ניגן זײַן אין האַרץ מײַנעם פאַרהיט.
דאָ, אין די שטעטלעך, אונטער שינדל־דעכער מאָכיקע,
האָט אײַער ליד געקלונגען און געבליט...

* * *

פּײַווע... פּײַוועלע, געדענקסטו,
צי געדענקסטו יענע יאָרן,
ווען מיר פלעגן פרי־באַגינען
גיין צוזאַמען צו דער אַרבעט
אין די לעדערנע טוזשורקעס,
אין די שטיוועלעך פון יוכטע,
איך — אַ מאַשיניסט אַ יונגער,
דו — אַ דאָקטער פון מאָטאָרן.
ס׳פלעגן פייגל אין די נעסטן

אונדז באגריסן, זינגען שירע:
— היי, א ווארע! מאכט א ווארע!
ס׳גייט די יונגע גווארדיע קעמפן,
אז די בייזע ערד זאָל ווערן
א גאנײדן פאר די מענטשן...

און אין אָוונט, נאָך דער ארבעט,
פלעגן מיר אין סאָד שפאצירן
אין די קאָרטענע פידזשאקלעך,
אין געניצעוועטע הויזן,
זעלטן ווען צו זאט געגעסן,
נאָר געזונגען און געלייענט
מאיאקאָווסקים —
Левой!
Левой!
און האָפּשטיינס —
מיר גייען
אין דײַנע פאָרנטיקע רייען,
שפאנענדיקע מענטשהייט!

ווײַטע יאָרן, שווערע יאָרן...
אין די דערפער באלעגופים
צינדן אָן די שײַערס טוווּע.
ווי א בער האָט זיך צערעוועט
אונדזער שטרויענע ראסייע...

* * *

ווי די צוגן, דורכגעפלויגן
זײַנען יענע שווערע יאָרן.
אף די פעלדער פון קאָלווירטן
גיסט זיך אָן מיט מילך דער קאָרן.

דעמלט גראָד, ווען די קוקאווע
האָט געווינטשט אריכעס־יאָמים,
איז דאָס לאנד אונדזערס באפאלן
מיט דעם האקנקרייץ דער האָמאָן.

איך האָב אויך א ביקס גענומען,
זיך געשיידט מיט מײַנע לידער.
דאָרט, וווּ ס׳האָט דער פײַנט געטראָטן,
אלץ אוועק איז קידער־ווידער...

דאָרטן ווײַט, אף יענע פעלדער,
וווּ מען איז אין שניי געלעגן,
דאָרטן, וווּ דער בייזער הימל
האָט מיט פלאם און בלײַ גערעגנט —

אויסגעהארגעט זין און טאטעס,
טעכטער אונדזערע געשענדעט.



טיף אין וואלד דאָרט, אף א צווײַגל,
הענגט א מײַסע, א לעגענדע...

כ׳האָב דאָס מײַסעלע געפונען,
עס פון צווײַג אראָפּגענומען,
און עס גייט מיט מיר צוזאמען,
וווּ איך זאָל ניט גיין און קומען.

...אמאָל, גאָר אמאָל, ערגעץ ווײַט אין דער וועלט,
איז געגאנגען א זאָקן דורך וואלד און דורך פעלד.

דערזעט ער, עס זיצט בא דעם וועג אף א שטיין
א מאלעך א קינד און עס ווײנט און עס ווײנט.

— וואָס ווײנסטו, מײַן קינד? — האָט דער זאָקן געפרעגט. —
מיסטאמע פארבלאָנדזשעט? דו ווייסט ניט דעם וועג?

— אָ, זיידעניו, זאָג, — האָט דאָס קינד זיך געווענדט, —
ווען קומט א צוג אָן פון יענער־וועלט, ווען?

— פון יענער־וועלט, זאָגסטו? ניט פרעג און ניט מאָן,
פון יענער־וועלט קומען קיין צוגן ניט אָן.

— פארוואָס האָט די באָבע אנומלט געזאָגט:
א צוג מיטן טאטן פון יענער־וועלט יאָגט...

— שא, קינד מײַנס, ניט וויין, ס׳איז דער טאטע פאראן,
ער לעבט דאָ ניט ווײַט, אין א גרויסן קורגאן.

— איז וואָלט ער פון דאָרטן א שפילכל געבראכט,
און איך וואָלט ניט ווײנען אין וויגל באנאכט.

— ער האָט ניט קיין צײַט און זײַן ארבעט איז שווער,
ער היילט מיט זײַן בלוט דאָס הארץ פון דער ערד...

— די ערד איז דען קראנק? דאָס הארץ טוט איר וויי?
איז דארף מען זי היילן מיט האָניק און טיי...

— דאָרט טיף אין דער ערד שלײַפט א זקיינע די ציין,
זי לעבט נאָר פון בלוט און פון אונדזער געוויין.

— איז דארף מען זי פאקן, די זקיינע, דאָס שלעכטס,
וואָס אלצדינג פארניכטן און אויסראָטן לעכצט...

— זי גרייט איר רעציכע פארשטעלט און געהיים,
זי האלט אים, דײַן טאטן, און לאָזט ניט אהיים...

* * *

דאָ אפן פעלד, לעם אונדזער שטאָט,
האָט זיך דאָס מײַסעלע אפסנײַ צעקלונגען,

נאָר, ווי א שפּאַרבער, די סירען
האָט זיך א וואָרף געטאָן און עס פאַרשלונגען.

דאָס פרילינג־רעגנדל האָט אופגעהערט,
ווי זיך פאַר עמעצן דערשראָקן,
און איז ארויסגעלאָפן פון דער שטאָט
אין פוסטריט נאָך דעם וואנדערער דעם זאַקן.

און אפן הימלס צאַפּלדיקן ראנד
האָט שאַרף א בליץ געטאָן קיל־גאָלדיק,
דער ערשטער שטראַל האָט אינעם רוים
די וואָלקנדלעך גענומען גאָלן.

ריש־ראַשיק האָט מיט פליגל זיך צעפאָכט
דער בייזער מאָרעשכוירעניק, דער וואָראָן,
דערפרייט זיך מיט דער טויט־געפאר,
וואָס רייַסט זיך פון דער ראַדיאָ און וואָרנט.

און ווי פון א געשמאַקן שלאָף,
ווען ס׳רוט דאָס הארץ און אָטעמט שטיל געלאסן,
האָט פּייַווע זיך א ריס געטאָן פון אָרט —
אלציינס ווי פון א זעץ א טעמפּיק־האסטיקן.

א סטרונע, דאכט זיך, אין דער שטילקייַט האָט געפּלאצט...
פאַרשוווּנדן פלוצעם איז דער ניגון,
וואָס באַם געבורט־הויז האָט א גאנצע נאכט
גערוט אין פּייַוועס הארץ, ווי אין א וויגל...

* * *

...ער גייט פון גאַס צו גאַס,
זייַן גוטן כאָלעם האָט צעפליקט
פון ראַדיאָ־הילכער א יעדיִע:
עס האָט דער טויט דאָ, טיף אונטער דער ערד,
פאַרגרייט דער שטאָט אן אומגעריכטע טליִע.

מע זאָגט, א וואנדערער א זאַקן האָט אנטדעקט
דעם סוינעס פאַרמאַסקירטן אופּטו:
א קעלער באָמבעס, מינעס, דינאַמיט,
וואָס קאָן די שטאָט א הייב טאָן אין דער לופטן.

טייַוואָלאָנישע רעציכע פון דעם האקנקרייץ
האָט ווי געכריפּעט פאַר זייַן מיסע:
איך לעבן! און לאָז אייַך א געשאַנק — דעם טויט,
וואָס וויל ניט פרייַוויליק אוועקגיין אין דעמיסיע.

און עס דערמאָנט דער יאָמער פון סירען:
ניין, לעבן שטיל איז נאָר א גוטער כאָלעם,
און ניט אומזיסט א נייַגעבאָרן קינד
באַגריסט די בייזע וועלט מיט א יעלאָלע.



* * *

די טויט־געפאַר דריקט בלייַיק־שווער,
בריט, ווי מיט זידנדיקן שוועבל,
אין אלע בליקן — א באַגער:
בלייַבן לעבן! בלייַבן לעבן!

די יִשעוו־שטיבלעך, דאָ ניט ווייַט,
דער האָן, וואָס אפן קוימען פלעמלט,
און יעדעס ביימעלע עס בעט זיך, שרייַט:
בלייַבן לעבן! בלייַבן לעבן!

די שטאָט — ניט לאנג ארויס פון אַש,
און איצט — א יונגע יעפּאסטויאַר,
אָן אופגעצאַפּלטע זי ראַשט
לעם יעדער טיר, לעם יעדן טויער.

ס׳גייט קינד־און־קייט מיט האַק־און־פּאַק,
זעט! זעט! די פייגל פליִען פון די נעסטן,
זיי האָבן מיט די שנאָבלען ווי דערטאַפּט,
אז ס׳איז די געגנט דאָ פאַרפּעסטעט.

...אָט בלייַבט ער שטיין אינמיטן שטאָט
און קוקט פאַרדייַגט און פאַרמאַטערט —
דער מענטש,
וואָס אים באַשערט געווען איז גראָד
אין יענער נאכט אפּסניי צו זייַן א טאַטע...

נאָר איין געדאַנק, נאָר איין פאַרלאַנג
האָט ווי א נאָדעלע גענומען שטעפּן:
דאָס קערנדל פון נייַעם זאַנג —
דאָס אייפעלע... זאָל בלייַבן לעבן!

ס׳האָט אים א ריס געטאָן פון אָרט,
א קאַלטער שווייס האָט אים באַשלאָגן,
ער פילט אליין ניט, ווי ער יאָגט,
גלייַך ווי א ווינט וואָלט אים געטראָגן.

צי דען, האָט ער געטראַכט, מייַן גאָט,
כ׳בין ווידער א באַגאַזלטער?
ניטאָ קיין איינער דאָ אין שטאָט,
וואָס זאָל אים אָפּגעבן א מאַזלטאָוו...

דאָס הארץ — עס רייַסט זיך פון דער ברוסט,
דאָס בלוט האָט, דאַכט זיך, אָנגעהויבן פרירן.
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

אין דעם געבורט־הויז — שטיל און פוסט,
פאַרהאַקט די פענצטער און די טירן...

* * *

שוין האלבער טאָג. עס שווײַגט די שטאָט,
ווי אויסגעטאָן פון אלע זאָרגן.
מע זעט קיין מענטש, מע הערט קיין טראָט,
גלײַך אלץ איז פלוצעם אויסגעשטאָרבן.

און נאָר א ווינטל שפרינגט און פליט,
כאַפּט אָן א קאַץ באם אויערל און קיצלט...
און מיטאמאָל די רו צעפליקט
א שארפער קלאַפּ פון מאָטאָציקל.

און ווי א דונער, האַסטיק־ראַש,
צעשיט ער זײַנע הייסע קלאַנגען,
און דער באַפעל איז: פאַקן די מארשאַס!
דעם טויט — די מאכעשייפע פאנגען!

זי כאַפּט די שטאָט באם גאָרגל אָן,
און איר אין אויער גאַליק מורמלט:
כ׳שטעל אײַער לעבן איצט אין קאָן!
א סאָף! א סאָף צו אײַער אורלויב!

...שווײַגט א דערצאָרנטע די שטאָט,
ווי אויסגעטאָן פון אלע זאָרגן.
מע זעט קיין מענטש, מע הערט קיין טראָט,
גלײַך אלץ וואָלט פלוצעם אויסגעשטאָרבן.

יאָ, פונקט אזא — האָט פײַוועו זיך דערמאָנט —
איז שטאָט אָן אומרויִקע דאָן געלעגן,
ווען ער האָט, אײַלנדיק צום פראָנט,
מיט פרוי און קינד אף אייביק זיך געזעגנט.

* * *

אהין! — ווו ס׳ליגט דער טויט פון וויפל יאָר!
ער מוז אליין א קוק טאָן מיט די אויגן...
„בלויז איין מאָל האָט א טאָעם דער מיניאָר!״ —
אהין, ווו ס׳לויערט די געפאר, האָט אים געצויגן.

אהין, צום פעלד! — א פיבערדיקער האַסט
האָט אים דאָס גאַנצע לײַב געפּרעסטלט...
ער איז געלאָפן גאַס נאָך גאַס —
אָט איז דער יישעוו שוין,
זײַן שטיבעלע...
זײַן געסל...

נאָר דאָ האָט אים א בראָך געטאָן די קני,
דאָס האָט זײַן גאַנעקל גענומען טײַנען:



„שטיי, מענטש! ניט שפיל זיך מיטן טויט,
האָסט אויג אף אויג גענוג געזען אים, —
ווער בעט דיך קריכן אין דעם גענעם?״

די פענצטערלעך, זיי רופן אים, זיי ווינקען:
וואָס פעלט דיר, מענטש?
דו האָסט א רויִקן, א זאַטן ווינקל,
פארנעם דאָס טײַערסטע פון האָב־און־גוטס,
אנטלויף!
ניט זײַ קיין העלד! ס׳איז פוסטע טרוימען!
א כאָלעם נאָר, א זייפנבלאָז...

און פײַוועו דאכט זיך, אז דאָס הענדל אפן קוימען
איז שוין קיין הענדל ניט —
נאָר גאָר א האָז...

אזוי —
דער פאַכעד און דער מענטש,
ווי צוויי באָקסיאָרן, צילעווען
דעם לעצטן זעץ דערלאַנגען...
און עפשער ווײַטער וואָלט געדויערט דער געראַנגל —
ווער וועמען וועט דערשטיקן —
ווען ניט זײַן פרײַנט:
יעגאָרס באַקאַנטע שטים
פון דעם רויך־קנאַקנדיקן מאָטאָציקל:
— יעפים!

א רועך אין דײַן טאַטנס טאַטן!
איך זוך דיך שוין אזויפיל צײַט,
איך האָב אין שטאָטסאָוועט אף דער באַראַטונג
מײַן פּלאַן באַשיצט און קוים זיי איבערצײַגט...
נו, פײַוועו־בראַט, קום ראַטעווען די שטאָט,
צי עפשער ווילסטו ראַטעווען די קישנס?

און שוין.
און מער קיין וואָרט.
און ווײַטער האָט זײַן שמייכל שוין פארענדיקט:
נו, טו ווי דיר געפעלט...
ניטאָ קיין צײַט צו פּלוידערן...
ווער קאָן עס איצט דען טראַכטן פון זײַן פעל...
דער טויט פאַר אלעמען איז שוידערלעך...

אזוי געשטאָכן האָט זײַן שמייכל,
אין הארץ ארײַנגעקוקט,
געצופּט א יעדעס פעדעמל פון די געהירן...



1—2603

עס שטייט פאר אים יעגאָר —
די גוט באַקאַנטע בייגיקע פיגור,
די שאַרפע קינבאַקן,
א הײַפל לײַן — די שוועליור.
און פײַערן בלוי־בלימלדיקע אין די אויגן ברענען...
יעגאָר! פון יענע ראַסײַאַנער, יענע,
וואָס קענען, אויב מע דאַרף נאָר, מיט די הענט
א באַרג א הייב טאָן און צעברעכן ווענט,
און מיט דער ברוסט א שטראָם פאַרצאַמען,
און שטיל א טויטער פאַלן אַפן שניי,
פונקט ווי די לערערן פון לענינגראַד — זײַן מאַמע —
שטיל פאַלן אַפן שניי.
ניט ווײַט פון סוינע, וועלכער לאָקערט,
מיט ברויט א פענעצל
און מיט א בוך פון אלעקסאַנדער בלאָקן...

...דאָס שווײַגן האָט געדויערט איין מינוט.
און ניט פון פײַוועס מויל, —
פון זײַנע אויגן, דורך זײַן האַרץ,
האָט אָפּגעקלונגען בייזלעך־האַרט:
„די ערד, ווײַזט אויס, וועט זײַן שוין אונדזער קישן...״

אָ, מאַמעס פון דער גאָרער וועלט! —
באַגלייט מיט ליבשאַפט אין די בליקן
צוויי זין, וואָס יאָגן קעגן טויט
אַף הייסע פליגל פון א מאָטאָציקל.

* * *

אוווּ, אין וועלכן טאָג איז דאָס פאַרלאָפן,
פונוואַנען הייבט זיך זייער פרײַנטשאַפט אָן —
אין איין וואַגאָן זיך צופעליק געטראָפן,
צי אין קאַזאַרמע, אין סאַפּיאָרן־באַטאַליאָן?

נאָר אויב איר האָט א ביקס געהאַלטן,
דאָס האַרטע ברויט געגריזעט מיט די ציין,
און זאַלבעצווייט דעם קאָפּ פון פײַער אויסבאַהאַלטן, —
יאָ, דעמלט וועט איר מיך פאַרשטיין.

אויב איר צוזאַמען האָט פון קעסעלע געשלונגען גריקע־קאַשע,
געמוזט אונטער דעם סוינעס פײַער פויזען, גיין...
די העמדער די געזאַלצענע צוזאַמען אין דעם טײַך געוואַשן, —
יאָ, דעמלט וועט איר מיך פאַרשטיין.

ווײַל פרײַנטשאַפט ניט מיט שוווּעס ווערט געוווּיגן,
און ניט ווען בליקן קרייצן זיך ווי טײַוועדיקע הענט,
נאָר ווען אַף טויט און לעבן צוויי פּאָר אויגן
ווי זעלנער גייען צו איין ציל געווענדט.



יאָ! יאָ! די פרײַנטשאַפט — זי דערקענט מען
דאַן, ווען א צאָרע, ווי דאָס „שייד־וואַסער״, פּרוּווט אויס,
ווען, האַלטנדיק אין האַנט די מינען־„ווענטקע״,
מע גייט צוזאַמען קעגן טויט אַרויס.

זײַן שטאָט, יעגאָרס — בא דער נעווא א באַריקאַדע,
דער הונגער האָט געשטיקט זי אין זײַן נעץ:
ניטאָ, ניטאָ קיין בריוו פון טויטע בירגער לענינגראַדער...
ניטאָ, ניטאָ קיין בריוו פון באָבי־יאַר און טראָסטיאַנעץ...

דאָ, אַפן פעלד, אונטערן פײַער זיך א וואָרט געגעבן,
אַז ווי עס זאָל ניט זײַן, צי גרינג, צי שווער,
נאָר אויב ס׳וועט זײַן באַשערט צו בלײַבן לעבן,
זיך קיינמאָל ניט צעשיידן מער.

* * *

גיך, ווי צוגן, דורכגעפלויגן
זײַנען ווײַטע שווערע יאָרן.
אַף די פעלדער פון קאָלווירטן —
גרינע וואָנצעלעך פון קאָרן.

שיט פון קויש די מאַלקע פרילינג
קערנדלעך פון זון דעם זומער,
און מיט בלעטעלעך די ביימער
צאָלן אָפּ איר מיט מעזומען.

און די שטאָט, צוריק א נײַע,
שײַנט אַרויס, ווי נאָך א כמאַרע.
אין די אָוונטיקע סעדער
בענקען ווידער די גיטאַרעס.

ס׳איז געווען א שיינער כאָלעם
נאָר דער כאָלעם איז פאַרשווּנדן,
און געבליבן זײַנען גריבער,
און אין האַרצן — טיפע ווּנדן.

אין דעם „זאַגס״ האָט מען פאַרשריבן
אַן אַלמאָנע מיט אַן אַלמען...
שווער איז אָנהייבן א לעבן,
ווען מע האָט פאַרלאָרן אַלעמען —

נאָר זי וועקט אים אויף באַגינען,
אים, וואָס איז שוין גרוי געוואָרן,
דעם עלעקטריקער געניטן,
אונדזער דאָקטער פון מאָטאָרן.

און ער שפּאַנט אַף יענע גאַסן,
ווו מײַן יוגנט האָט געזונגען,
און הערט אויס אין נײַע צעכן,
ווי עס אָטעמען די לונגען —

פון די צענדליקער מאָטאָרן,
צי זיי קרייען ניט און פּײַפן,
ווי די אויסגעדינטע זינגער...
פּײַוועו! פרעגט, ווער קען ניט פּײַוועון? —

מיט א קאָפּ — א מאזלבראָכע,
און מיט הענט פון ריינעם גינגאָלד,
אָף דער פאבריקע געקומען
פון א שטעטעלע א ייִנגל.

טרעפט פארנאכט, אָף די בולווארן,
זעט מען פּײַוועון מיט יעגאָרן,
וועלכער לערנט אין קאזארמע
יונגע זעלנער זײַן מיניאָרן.

* * *

א פעלד. א וואלד. ארום — די וואָך.
די יונגע זעלנער שטייען גרייטע.
ס׳איז שטיל. נאָר נאָענט רוישט א טײַך,
א פרילינגדיק דערפרייטער.

ער יאָגט, ער יאָגט, ער רוישט פארשײַט,
און וויל דעם הויכן ברעג אריבער,
א ווינטל טראָגט פון וואלד דעם דופט
פון יונגן בלומענדיקן קיבעד.

דער מאלקע פרילינגס שטראלן־רייץ
וועקט אוף די קנאָספּן קלעפּיק־טערפּקע,
זע, זע! דער אלטער דעמב ווערט יונג,
ווען זי בארירט אים מיט איר קערפּער.

זי ווארפט אראָפּ פון זיך דאָס קלייד
פון גרינגע וואָלקנדיקע האפטן,
און ס׳כאפט זיך אוף צוריק דער וואלד
א ציטעריק־פארגאפטער...

גוטמאָרגן, מענטשן! — קלינגט איר שטים —
איך האָב א נאכט אין וואלד געטרויערט,
די וועלפיכע, די זקיינע טויט,
זי לעבט! זי בענקט נאָך בלוט, זי לויערט!

אָ, דרייסטע מענטשן, זײַט געבענטשט,
פארטיליקט זי, פארטיליקט!
אז רויִק שלאָפן זאָל די ערד
אין וויגעלע פון פרילינג...

די זון פארשווינדט צוריק אין קלייד
פון וואָלקנדיקע האפטן...
און ס׳קוקט נאָך אלץ אָף איר דער וואלד
א ציטעריק־פארגאפטער.



* * *

ווײַזט אויס, אז דער ווינט האָט זײַן טרויער דערציילט
די ביימער, וואָס שטייען פארכאָלעמט...
פון ווײַט האָט געדאכט, אז א פידל אין וואלד
קלאָגט אויס פון זײַן הארץ אַן „אייל־מאָלע״.

א פויגל באהאלט זיך אין צווײַגן־געפלעכט,
ווער נאָך, ווי א פויגל, קען פילן
דעם צאר פונעם בלעטל אָף בוים, ווען דער ווינט
נעמט ווידער יעלאָלעדיק שפילן.

אָ, ניין, ניט דער ווינט! ס׳קלאָגט די מאמעניו־ערד,
און זי וועקט מיט געיאָמער פון טויבן,
די לעבנגעבליבענע וואָרנט און רופט:
וועקט אוף די זאָרגלאָזע, טויבע!

איר הערט ניט, ווי ס׳גייט מיט באהאלטענע טריט
דער טויט, אָט די גיפטיקע זקיינע?
און דאָרט, ווו זי שיט פון איר טאָרבע דעם סאם,
ווערט א קופע פון אש און פון ביינער.

מילכאָמע־אלמאָנעס! בינדט קווייטן אין קרענץ,
יעסוימים פון אלערליי לענדער, —
טוט אָן זיי אָף קעפּ פון צוויי ערלעכע פרײַנט,
וואָס גייען דעם טויט איצט פארלענדן.

ניין, ניט צוליב רום, ניין, ניט צוליב גאָלד —
א כאפּ טאָן דעם טויט און אים פלעטן.
ניט בלויז זייער שטוב, זייער אייגענע שטאָט,
נאָר די וועלט פון פארניכטונג צו רעטן!

* * *

די טוכלע לופט, די פינצטערניש —
פאר ליבע־שפיל פון סאָוועס,
דאָרט אויבן לעבט א נאכטיגאל,
דאָ טיף — דער מאלכאמאָוועס.

„אָ, נאכטיגאל, מײַן נאכטיגאל״ —
האָט דאָ געווים געזונגען
אין די לאקירטע שטיוועלעך
פון פרײַסן־לאנד דער יונקער.

ווו לעבסטו איצט? ווו זינגסטו איצט,
דו ריינער, שיינער אריע,
„אָ, נאכטיגאל, מײַן נאכטיגאל״
די מערדערישע אריע!

ווי הארציק פלעגסטו זינגען זי
אין אָוונט אפן גאנעק
און קוקן אפן רויך, וואָס קנוילט
פון אוישוויץ און מײַדאנעק.

און איצטער זיצסטו ערגעץ שטיל
באם טײַכל מיט דער ווענטקע,
און זונטיק, נאָך דער „גאָטעסדינסט״,
טרינקסט ביר און שפּילסט א „ווענטען״.

איך ווייס ניט, וואָס דערציילן וועסט
אין הימל פארן בעסדן,
נאָר פארגעדענק! ביז וואן דו לעבסט
איך האָב מיט דיר א כעזשבן!

אָט דאָ, ווּ דײַן רעציכע ליגט
טיף אונטער ערד פארבאָרגן,
צוויי מענטשן גייען פאָרזיכטיק
דיך כאפּן פארן גאָרגל.

פונדאנען ביז דער מיט פון שטאָט
זיך ציִען שאכטע־שטרעקעס,
געלאָדענע מיט דונער־קראפט,
קעדיי די שטאָט פארמעקן...

* * *

געווים האָט איר געזען, ווי דער פינצעט
פון מײַסטער פּיקט אין הארץ פון זייגערל — אין הערל,
זײַן אויג — ניין, ניט עס קוקט, — עס טאפּט און רעדט
מיט יעדעס פּיצינק שרײַפעלע און רעדל...

אזוי, פאמעלעך, האָבן פּײַווע און יעגאָר
מיט אויגן דורכגעדרעלעוועט א יעדן אייווער
פון מאלכאמאָוועס פולווערדיקן גאָב,
וואָס וויל די שטאָט פארוואנדלען אין א קייווער.

פון יעדן ווינקל האָט דער טויט געדראָט,
די צײַט האָט טראָפּנווײַז גערינזלט אף די שטיינער,
און ביידע גייען פאָרזיכטיק,
פונקט ווי דער מענטש, וואָס גייט אין צירק אף דראָט,
איין קער — און ס׳ווערט פון אים א הײַפל ביינער.

ווי שטומע מערדער שטייען פולע פעסער דינאמיט,
„דאָס הארץ — אין פויסט!״ (עס זאָל ניט פּלאצן!),
ווי צוויי כירורגן, פאָרזיכטיק, גענײט,
זיי ענדיקן די שווערע אָפּעראציע.

יאָ! יאָ! —
דער כמארנער הימל האָט זיך אויך דערפרייט,
ווען ס׳האָבן זעלנער, ציילנדיק די רעגעס אפן זייגער,
דערהערט פון אונטן דעם באפעל:
זײַט גרייט!
מע קאָן ארויסטראָגן דעם „פּייגער״.



* * *

דורך א גוואלדריס אין א וואָלקן
האָט די זון זיך דורכגעריסן,
און האָט פרײלינגדיק געצאפּלט
אף די גאסן, אף די פּלעצער
פון דער שטאָט.

פריילעך רופן די סירענען,
קלינגט א קאָל פון ראדיאָ־גאָרגל:
אכטונג, בירגער! אכטונג, בירגער!
דער אליארעם איז געענדיקט,
אויס געפאר!

מיט א קישן אונטער פּאכווע,
מיט א קעצעלע אין בוזעם
אײַלט מיט דריבנע טריט א זקיינע,
ציילעמט זיך און קוקט דערשראָקן,
ווי א הון...

און אן אלטער ייִד א פרומער,
קלײַבט א מיניען, גוימל בענטשן:
ווּ זשע זײַנען זיי, די ייִדן?
ניט קיין ייִדן, ניט קיין קריסטן —
שרײַ צו גאָט!

און גראָד דעמלט, ווען די גאסן
האָבן פריילעכע געווימלט,
האָט די לופט ווי אופגעציטערט,
גלײַך פון ווײַטן וואָלט א דונער
אָפּגעהילכט...

און פון רויך א שוואָם א שווארצער
קנוילט זיך, הייבט זיך אופ צום הימל.
וואָס געשען איז? וואָס געטראָפן?
און עס קײַקלט זיך אף גאסן
א געשפּרעך:

— אלץ איז שוין געווען פארענדיקט...
— זײַנען זיי אראָפּ א קוק טאָן...
— נאָכאמאָל געזוכט, גענישטערט...
— צווייען, זאָגט מען, צוויי כאוויירים...
— אפן פראָנט געווען צוזאמען...
— איין סנאריאד האָט מען געפונען
טיף אין פײַכטער ערד פארזונקען...
— צי ווײַל עפּעס ניט דערזען וואָס...
— עפּשער אויסגעגליטשט זיך, עפּשער,
ווען זיי האָבן אים געטראָגן...
— שטילער! עפּעס וויל די ראדיאָ זאָגן...



HARVARD COLLEGE LIBRARY - WIDENER LIBRARY

* * *

ווײַזט אויס, ניט אומזיסט האָט מיט קרוינען א שטראַל
דערשראָקן צעקושט זיך איין מאָל נאָר,
און ס'האָט זיך געדאַכט, אז א פידל אין וואַלד
קלאָגט אויס פון זײַן האַרץ אן „אייל־מאַלע".

נאָר שפּעט באַדערנאַכט, ווען די שטאָט האָט גערוט,
ווען א ליד האָט גענומען מיך קלעמען,
דערהער איך:
א מײַסעלע קלאַפּט, אין מײַן פענצטערל קלאַפּט, —
ווײַזט אויס, שוין דער סאָף פון פאָעמע:

...אמאָל, גאָר אמאָל, ערגעץ ווײַט אין דער וועלט,
איז געגאַנגען א זאָקן דורך וואַלד און דורך פעלד.

און נאָענט נאָך אים, בלויז אָף עטלעכע טריט —
גייט א וואָלף מיט א שעפּס און א קינד אין דער מיט.

דערזעט ער, ווי ס'גייט פונעם טויער אין שטאָט
אַן אוילעם א גרויסער מיט לאַנגזאַמען טראָט.

מע גייט, און עס וויגן זיך שטיל אָף די הענט
צווי מיטעס, באַדעקטע מיט בונט־פרישע קרענץ.

— היי, מענטשן! — שרײַט אויסעט דער אַלטיטשקער, — זאָגט,
ווער זײַנען אָט די, וואָס איר טראָגט?

— דו ווייסט דען ניט, זיידע? האָסט גאָרניט געהערט?
געגאַנגען אָף טויט פאַר דער מאַמעניו־ערד...

— טאָ זאָל זיך פאַר זיי איצט פאַרנייגן די וועלט,
וואָס רײַסן אָף שטיקער צווייפיסיקע וועלף...

— אָף אייביק וועט בלײַבן געלויבט און געבענטשט
דער מענטש, וועלכער שטאַרבט פאַר זײַן ברודער דעם מענטש!

...און ס'גייט די פּראָצעסיע. פון לאַנד צו לאַנד.
דער זאָקן — פאַרויס, ווי א וועגווײַזער, שפּאַנט.

און גלײַך הינטער אים, בלויז אָף עטלעכע טריט,
גייט א וואָלף מיט א שעפּס און א קינד אין דער מיט...
.1961—1959

---



טעוויע גען

געבוירן אין 1912 אין שאַדאָוו (ליטע). פאַרענדיקט דעם כאַרקאָווער מאַשינבוי־טעכניקום און דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פון מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1932. וווינט אין מאָסקווע.

# אין דער היימשטאָט

## (טאָגבוך)

30 אוגוסט 1960.

לאַנגביכער האָבן בײַ מיר ניט קיין מאַזל. די ערשטע צוויי־דרײַ טעג בין איך א מאַסמיד, אָף דער הײַלע פון א גראָבן העפט שרײַב איך אָן מיט שיינע אויסיעס „טאָגבוך", נעם ארײַן דאָס וואָרט אין א פײַן רעמל, דערנאָך, אָף דער ערשטער זײַט, אינעם אייבערשטן ווינקל, פאַרצייכן איך די דאַטע, דערבײַ ניט בלויז דעם טאָג, כוידעש, יאָר, נאָר אויך די שאָ. געוויינלעך איז דאָס א שאָ א באַנאַכטיקע, ווען די שטוביקע לײַט און די שכיינים שלאָפן שוין. ס'איז א געבענטשטע צײַט — אין די אויערן קלינגט די שטילקײַט און דײַן גאַנצע וועלט האָט זיך באַשטאַט אינעם ליכטיקן היימלעכן קרײַז פונעם טישלאָמפּ. מיסטאָמע א גוטע העלפט פון אַלע אַנטדעקונגען, געניאַלע היפּאָטעזעס, מאַלאַנטפולע דערפינדונגען זײַנען געבוירן געוואָרן אין די שטומע נאַכט־שאָען אָדער קאַיאָר, פאַרן זון־אופגאַנג. איך האָב גאָרנישט ניט אַנטדעקט, ניט דערפונדן, נאָר דעם באַגינען זע איך דורכן פענצטער יעדן טאָג, שוין א סאַך יאָרן נאָכאַנאַנד.

גיך ווערן בײַ מיר פאַרשריבן א זײַטל נאָך א זײַטל. איך פאַרצייכן פלײַסיק פון אַלעף ביז טאָף אַלץ, וואָס עס איז געשען אין פאַרלויף פונעם מעסלעס, פאַרשרײַב באַאַריכעס אַלע מײַנע באַגעגענישן, ראַיוינעס, קלוגע (אָפטער — נאַרישע) רייד. דאָס האַרץ איז אָפן און די פעדער לויפט איבערן פּאַפּיר... אָפן דריטן אָדער פערטן טאָג ווערט די האַסמאָדע קלענער, עס באַווײַזט זיך א פאַרדרעכטיקע נייגונג צו קורצקײַט, צו לאַקאָנישקײַט. דער האַסטיקער שטראָם, וועלכער האָט פאַרגאָסן די זײַטלעך, פאַרוואַנדלט זיך אין א שטיל טײַכל, וואָס פוילט זיך צו פאַרכאַפּן אן איבעריק שטיינדל אפן וועג. ווו איז אהינגעקומען דער אימפּעט, די ענערגיע? עס גייען דורך נאָך עטלעכע טעג, און דאָס קורצע לעבן פונעם טאָגבוך איז אָפּגעהאַקט אָף א האַלב וואָרט. צוזאַמען מיטן קאָמפּלעקט אַלטע צײַטונגען טראַנספּאָרטיר איך אים „אין אַרכיוו", דאָס הייסט אין קעמערל, ווו עס וואַלגערט זיך פאַרשיידן אַלטוואַרג.

די צײַט — דער בעסטער שרײַבער — דערשרײַבט אָף איר אויפן דאָס פאַרוואָרפענע העפט. זי באַדעקט מיט א גרויען שיכט שטויב און נעמט צייכענען אָף דעם אַלץ, וואָס איר ווילט זיך. די קאַרטאָנענע הילע ווערט אופגעבלאָזן, דאָס עטיקעטל — פאַרגעלט און פאַרגרינט, די ברעגעס פון די זײַטלעך וויקלען זיך צונויף אין אָן אויסגעגעסענעם, נאַסלעך־קלעפּיקן קנויל. אזא פּאַפּיר ברענט ניט אפילע אין אויוון.

אָנגעהויבענע און אוועקגעוואָרפענע טאָגביכער זײַנען שוין פאַראַן בײַ מיר א גוטע מוץ. נאָר כ'פאַל ניט אראָפּ בײַ זיך און הייב אָן אפּסנײַ, מיט דער באַשיידענער האָפענונג, אז עס וועט עפּשער האָבן א ביסל מער קיעם פון די פריִערדיקע, יעדנפאַלס וועט עס עקזיסטירן אין משעך פון מײַן איצטיקער קורצער קאָמאַנדירונג.

די דאָזיקע רײַזע איז מיר זייער צום האַרצן. ערשטנס, אימפּאָנירט מיר, וואָס אזא גאַנץ געוויינלעכן וויסנשאַפט־טוער, ווי איך, קאָמאַנ-

דירט מען אױף אַ פּאַראַנטװאָרטלעכער באַראַטונג, װוּ מע װעט באַהאַנדלען די פֿראַגן פֿון מעכאַניזירן און אױטאָמאַטיזירן אַ גרױסן מעטאַלורגישן זאַװאָד. צװײטנס, איז די שטאָט אַזאָװסק — מײַן הײמשטאָט. דורך יאָרן און יאָרן פֿאָר איך צו מײַן אָרעמער קינדהײט און האַלב־הונגעריקער יוגנט. דאָ זײַנען אינעם שװערן 1920 יאָר געשטאָרבן מײַן טאַטע־מאַמע, און אין האַרבסט 1941, בײַם דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, זײַנען דאָ אומגעקומען מײַן װײַב און מײַן טאָכטער.

אַ שלאַל דערינערונגען האָט מיך אַרומגעכאַפּט, װען דער דירעקטאָר פֿון אונדזער װיסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט טימאָפֿײ אַלעקסאַנדראָװיטש גאַװרילאָװ האָט מיר דערלאַנגט די צײַגעניש, אַז איך װער קאָמאַנדירט אין דער שטאָט אַזאָװסק, אױפֿן זאַװאָד „יוזשסטאַל“.

— װוּ געפֿינט זיך אַזאָװסק? — האָט מיט מיטגעפֿיל אַ פֿרעג געטאָן די יונגע סעקרעטאַרשע, באַמערקנדיק מײַן צעטומלטקײט, און דער אינזשעניער יאַנאָװסקי, װאָס קומט שטענדיק צו גײן אין קאַנצעלאַריע רײכערן, האָט בײַסמײַסט אַ שפּאַס געטאָן:

— זאָרגט זיך ניט, אױפֿן אַזאָװער פּליאַזש װאַרט אױף אים אַ באַרעמהאַרציקע שװעסטער...

איך הער זיך אָבער ניט צו צו דער פּלאַפּלערײַ, איך גײ זיך קלײַבן אין װעג אַרײַן: צונױפֿלײגן דאָס טשעמאָדאַנדל, קױפֿן אין מאַגאַזין אַ געבראָטן הינדל — דאָס אױסגעפּרוּװטע מײַכל פֿון אַלע פּאַסאַזשירן מיט אַ קאָמאַנדירונג־שײַן אין בוזעם־קעשענע...

31 אױגוסט, 1 באַנאַכט, צוג מאָסקװע—אַזאָװסק, 5־טער װאַגאָן, אײבערשטע פּאָלקע.

...אין אונדזער קופּע אױף פֿיר מענטשן פֿאָרן פֿינף פּאַסאַזשירן. דער „איבעריקער“, פֿינפֿטער, איז אַ דרײַיאָריקער כעװרעמאַן, אַ שטיפֿער אײנער אין דער װעלט. אין משך פֿון עטלעכע מינוט האָט ער באַװיזן איבערקערן די װאַזע אױפֿן טיש, אַראָפּציִען דאָס סערװעטל, אומװאַלגערן דאָס לײטערל. זײַן מוטער האָט געקראָגן אַ „שלעכטן“ בילעט — אױף דער אײבערשטער באַנק. איך װאָלט גערן זיך געביטן מיט איר, נאָר בײַ מיר איז אױך אַן אײבערשטע. באַנק — אַהער, באַנק — אַהין, און מיר װערן באַקאַנט. אונדזער קלײנינקער קאָלעקטיװ האָט װעגן װאָס צו זאָרגן. װען עס באַװײַזט זיך אין קופּע די קאָנדוקטאָרשע מיט אַ פּאַק בעטגעװאַנט, אַטאַקירן מיר זי פֿון אַלע זײַטן.

— טײַערינקע, מע מוז העלפֿן אַ מוטער מיט אַ קינד, — האָט זי אָנגעכאַפּט פֿאַרן אָרבל אײנע פֿון אונדזערע אַלטיטשקע (מיר האָבן צװײ אין קופּע).

— עפּשער זאָל איך קלעטערן אין דער הײך? — האָט די אַנדערע זקײנע אױפֿגעהױבן צו דער סטעליע איר גרױען קאָפּ.

— לאָזט מיך, כאַװײרים פּאַסאַזשירן, זיך אַרומקוקן, אַלץ װעט זײַן רעכט, — האָט אונדז באַרויִקט די קאָנדוקטאָרשע, אַראָפּרײַסנדיק די פּלאָמבעס פֿון די בינטלעך װײַסע לײַלעכער און ציכלעך, װעלכע האָבן געשמעקט אַ ביסל מיט פֿײַכטקײט און מיט זײף.

װירקלעך, אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט די צװײטע אײבערשטע באַנק אין אונדזער קופּע פֿאַרנומען אַ יונג אַ ריז מיט צװײ גרױסע טשעמאָדאַנעס, װעלכע ער האָט, װי אַ פּעדערל, אַרױפֿגעװאָרפֿן אױפֿן „באַגאַזשניק“. אין דער קופּע, פֿונװאַנען ער איז צו אונדז אַריבער, האָט ער שױן באַװיזן קריגן גוטפֿרײַנט. „קום אַרײַן, פֿאַרגעס אונדז ניט“, — האָט מען פֿון דאָרט צו אים געשריִען.

אָפּגעטרונקען טײ און זיך דורכגעשמועסט װעגן אַלץ צוביסלעך, האָבן מיר פֿאַרנומען אונדזערע געלעגערס. קעדײ גיכער אײַנשלאָפֿן, האָב איך אױסגעזוכט בײַ דער קאָנדוקטאָרשע אַ גראָבן בוך מיט דער רעשימע פֿון אַלע אײַזנבאַן־סטאַנציעס און אָנגעהױבן אים בלעטערן.

װאָס פֿאַראַ סטאַנציעס זײַנען גאָר ניט פֿאַראַן אױף דער װעלט! פֿאַראַן אַזעלכע, װאָס שױן אַלײן זײערע נעמען מאַכט אַ גוטע שטימונג, לאַדט אײַן די פּאַסאַזשירן צו פֿאַרברענגען דאָרטן. למשל, אַ סטאַנציע, װאָס הײסט „דאָבראַיע אוטראָ“, אָדער „װוסטרעטשאַ“, „מילאַיע“, „רײַ“, „סאָלאָװײ“, „אוטיעשעניע“... די נעמען פֿון אַנדערע סטאַנציעס זײַנען נאָך אַ זײכער פֿון אַמאָל און עס װילט זיך, מע זאָל זײ גיכער אומבײַטן אױף שענערע: „בעזליודאָװקאַ“, „סאַמאָליובאָװקאַ“, „סאַמאָזװאַנאָװקאַ“, „זשאַבאַ“...

איך האָב אָװעקגעלײגט דעם אײַזנבאַן־פֿאָליאַנט אין אַ זײַט. אַנטקעגן מיר איז שױן געשמאַק געשלאָפֿן אונדזער נײַער שכן. װאָס װײַטער האָט ער אַלץ שטאַרקער געכראָפּעט. אים האָבן צוביסלעך אונטערגעזונגען די אונטערשטע בענק. מיר האָט זיך שלאָפֿן ניט געװאָלט, איך בין אַרױס אין קאָרידאָר און געשטעלט זיך בײַם פֿענצטער.

אַמאָל האָט לעװ טאָלסטאָי באַמערקט, אַז אין דער ערשטער העלפֿט װעג זײַנען דעם רײַזנדערס געדאַנקען דעריקער געװענדט צום אָרט, פֿונװאַנען ער איז אַרױסגעפֿאָרן, די אַנדערע העלפֿט — אַהין, װוּהין ער פֿאָרט. איך בין אָפּגעפֿאָרן אַ קלײן שטיקל װעג, נאָר אַלע מײַנע געדאַנקען זײַנען שױן געװען געריכטעט אַ ה י ן. װידעראַמאָל און נאָכאַמאָל באַהערשן מיך דערינערונגען. אין דער שװאַרצער שױב פֿינקלט דאָס מעטאַלענע הענטל פֿונעם טירל פֿון אונדזער קופּע און עס בלינצלען די לעמפּלעך פֿון דער סטעליע. אַרױפֿגעשנירעװעטע אױף אַן אומבאַמערקבאַרן פֿאָדעם, באַװעגן זיך די פֿײַערלעך צוזאַמען מיט מיר אין דער נאַכט אַרײַן.

פּאַראַלעל מיט אונדז טראָגט זיך אַ פּראַכטצוג. בײדע לאָקאָמאָטיװן (אײנער — אַן עלעקטראָװאָז, דער אַנדערער אַ טעפּלאָװאָז) גײען װי אין אַ געװעט — װער גיכער. דער פּראַכטצוג, װאָס איז אַ ביסל אָפּגעשטאַנען אונטערװעגנס, דעריאָגט אונדז אױף דער נאָענטסטער סטאַנציע, און קאָלזמאַן מיר שטײען, שװינדלט ער פֿאַרבײַ מיטן גאַנצן האַקל־באַקל, דערנאָך העריאָגן מיר אים װידער און הײבן אָן אַריבעריאָגן. דאָס איז ענלעך אױף אַ קינאָ־בילד, װאָס מע װאָלט אָנגעהױבן דרײען, װי געװײנלעך, פֿון אָנהײב, דערנאָך גלײַך פֿון סוף און אין אַ װײַלע אַרום װידער פֿון אָנהײב. אינעם ליכטיקן פֿענצטערל פֿונעם לאָקאָמאָטיװ פֿון פּראַכטצוג שװינדלען פֿאַרבײַ דער קאָפּ און אַן אַקסל פֿונעם מאַשיניסט, זײַן היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק. דערנאָך רודערן דורך אַ פּאָר צענדליקער װאַגאָנעס. זײ לױפֿן גיך, נאָר אונדזער צוג לױפֿט נאָך גיכער, און כ'זע שױן װידער דעם מאַשיניסט, די באַלױכטענע פֿאָדערשטע רעדער פֿונעם לאָקאָמאָטיװ. איך עפֿן עטװאָס פֿון אױבן דאָס פֿענצטער און צוזאַמען מיטן װינט רײַסן זיך אַרײַן פֿאַרשײדענע רײכעס. דער פּראַכטצוג איז אָנגעפּילט מיט נאַפֿט און מיט קלעצער, בעטאָן און אױטאָ־מאַשינעס. די לאַסט־אױטאָמאָבילן זײַנען שפּאָרעװדיק צעשטעלט צו דרײַ אױף צװײ פּלאַטפֿאָרמעס. די פֿאָדערשטע רעדער פֿון אײן אױטאָמאָביל זײַנען אונטערגעהױבן און אַריבערגעװאָרפֿן איבערן הינטערשטן װענטל פֿונעם צװײטן. אױף די דרײַ לעצטע פּלאַטפֿאָרמעס זע איך שטאָלענע רולאָנען, זײ ליגן אײנער אױפֿן צװײטן, הױדען זיך מעיושעװדיק אונטער. אַ פֿאַרבײַשװינדלדיקער לאָמטערן בײַם אײַזנבאַן־װעג באַלײַכט זײערע קײַלעכיקע שװאַרץ־בלאָװע רוקנס, אױף װעלכע ס'איז פֿאַרצײכנט די מאַרקע און דער נומער פֿון „גאָסט“. די רולאָנען האָבן מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט װעגן מעטאַלורגישן זאַװאָד, װוּהין איך פֿאָר איצט, און אױך די קלײנע געשיכטע פֿון מײַן ערשטער ליבע, װעלכע מע װאָלט עפּשער ניט געדאַרפֿט דערמאָנען...

שױן קימאַט צװײ צענדליק יאָר, װי בראָניע ליגט אינעם ברודער־קײװער, זי האָט געהאַט דעם ביטערן גורל פֿון נאָך זעכצן טױזנט אומשולדיקע מענטשן, װעלכע מע האָט אין אַזאָװסק דעם 10 אָקטיאַבער 1941 אומגעבראַכט אין די „אָקאָפּעס“. יעטװידע שטאָט, װוּ עס זײַנען געװען די דײַטשישע פֿאַשיסטן, האָט זיך איר אײגענעם באַבי־יאַר. אין װילנע איז עס — פּאָנאַרי, אין כאַרקאָװ — כאָלאָדנאַיאַ גאָראַ, אין מײַן הײמשטאָט אַזאָװסק רופֿט מען עס „אָקאָפּעס“. אין פֿרײען פֿרילינג װערן די שוצגראָבנס באַדעקט מיט שנײ־בלימעלעך, נאָר גיך װעלקן די בלימלעך אָפּ און די ערד װערט פֿאַרשפּרײט מיט אַ טעפּעך פֿון זאַפֿטיקן גראָז, װאָס װאַקסט זיך צום סוף זומער אַזױ פּאַנאַנדער, אַז מע זעט קױם אַרױס די באַשײדענע מאַציװע אױפֿן ברודער־קײװער. צוליב װאָס נאָכאַמאָל און װידעראַמאָל רײדן װעגן דעם, װאָס איז שױן אױף אײביק פֿאַרלאָרן? נאָר ניט דערמאָנען און ניט טראַכטן װעגן דעם קאָן איך ניט. אין מײַן העפֿט זײַנען נאָך פֿאַראַן אַ סך פּוסטע זײַטלעך און עס װילט זיך מיר, צוליב זיך אַלײן, פֿאַרצײכענען אַ פֿאַרגאַנגען שטיקל צײַט פֿון מײַן לעבן.

אין 1938 האָב איך, אַז עטלעכע־און־צװאַנציקיאָריקער באָכער, געאַרבעט אינעם נאָרװאָס אױסגעבױטן װאַלץ־צעך פֿון „יוזשסטאַל“. דער צעך איז געװען אױסגעשטאַט לױטן לעצטן װאָרט פֿון דער דעמאָלטיקער טעכניק. אַלע װיכטיקסטע אַרבעטן, אָנגעהױבן פֿון אַרײַנלײגן די קאַלטע סליאַבעס* אין די אױװנס און פֿאַרענדיקט מיט צונױפֿװיקלען אין דער „מאָטאַלקע“ די פֿײַערדיקע שטאָלענע סטענגעס, זײַנען געװען קימאַט אינגאַנצן מעכאַניזירט. אַ ביסל מאָדנע האָט דאָ דעריבער אױסגעזען מײַן מאָגערלעכע לאַנגע פֿיגור מיטן נאָך לענגערן אינסטרומענט אין דער האַנט, װאָס איז געװען ניט מער װי אַ פּאָשעטער דראָנג מיט אַן אַרױפֿגעשלאָגענעם אײַזערנעם עק. מיט דער דאָזיקער „קאָטשערע“ האָב איך געהאָלפֿן „אָנטאָן“ דעם רולאָן אױפֿן האָקן פֿונעם הײבקראַן, דערנאָך פֿלעג איך דעם קראַן באַגלײטן צו די פּלאַטפֿאָרמעס, װאָס זײַנען געשטאַנען בײַם טױער פֿון צעך, און דאָרטן, װידעראַמאָל מיט דער „קאָטשערע“, ריכטן דעם רולאָן אַזױ, אַז ער זאָל זיך ניט צעלײגן אין דער ברײט, װי אים גלוסט זיך, נאָר פֿאַרנעמען זײַן פּלאַץ אַקוראַט לעבן די פֿריִערדיקע רולאָנען. די אַרבעט איז געװען אַן אײנפֿאַכע, נאָר זײער אַ הײסע.

דער װאַכטע־מײַסטער, אַ מענטש אָן אַ גאַל, האָט יעדן פֿרימאָרגן געפּאַטשט מיר איבער דער פּלײצע, װי ער װאָלט געפֿרײט זיך, װאָס איך בין נאָך ניט אַנטלאָפֿן פֿון מײַן אָרט. די ברענענדיקע ספּעצאָװקע האָט בײַסמײַסע הילכיק געקנאַקט אױף מיר, װי אַ בױגן בלעך. דער דאָזיקער ליבער מענטש האָט אײנמאָל אַפֿילו באַװיזן אַ קונץ און אַרײַנגעשטעלט מיך אין די צעטלען אױף פּרעמירן צום... אַכטן מאַרט. שױן אין די לעצטע מינוטן, פֿאַרן אַרױסרופֿן אױף דער סצענע, האָט מען דעם טעם באַמערקט און אײַליק מיך אַרױסגעכאַפּט פֿונעם יאַם פֿרױען.

אױבן, אין דער קלײנער קאַבינע פֿונעם הײבקראַן, האָט זיך געפֿונען בראָניע קראַװעץ — דאָס ערשטע ײדישע מײדל פֿון אונדזער שטאָט אַ קראַן־מאַשיניסט. אין דער קורצער צײַט, צװישן אײן רולאָן און אַ צװײטן, פֿלעג איך אױסטרינקען אַ גרױס קענדל צוגעזאַלצן װאַסער, אױסװישן מיטן הײסן אָרבל דעם שװײס פֿון פּאָנעם און דאַן פֿאַרגײַסן דעם קאָפּ אַרױפֿצו, װי איך װאָלט געװאָרט פֿון דאָרטן אױף אַן אָנגענעם קיל װינטל. איך פֿלעג טאַקע דערפֿילן אַ דערפֿרישנדיקע קילקײט, װען איך האָב געזען איר לױטער געזיכט, באַלױכטן מיט אַ צװײענדיקער שײַן — פֿון אױבן, פֿון דעם גלעזערנעם דאַך, און פֿון אונטן — פֿונעם װאַלץ־געשטעל, איבער װעלכן עס שפּרײט זיך די בלענדיק־ליכטיקע, גליִיִקע שטאָלענע סטענגע. אָבער דאָס מײדלשע פּאָנעם האָט זיך נאָך, כוץ

* — שטאָל־פּלאַטן, פֿון װעלכע מע װאַלצעװעט שטאָל־בױגנס.

דעם, געלויכטן מיט אַן אייגענער, אינווייניקסטער שײַן, וואָס האָט געשטראַלט פון די גרויסע שוואַרצע אויגן, שטענדיק אַ ביסל פאַרכידעשטע, און פון דער איידל־טונקעלער הויט. ווען עס פלעגט זיך מיר אײַנגעבן אָן איבעריקע מאַטערנישן, אָן די אויסגעשרייען „ווירא!", „מײַנאַ!" אָפּשיקן דעם קראַן גלײַך צום רולאָן, איז פון דער הייך געפלויגן אַף מיר אַ כּעסדיק וואָרט „מאַלאָדיעץ!". אָפּטמאָל האָט דער קראַן, הוידענדיק זיך אַהין און אַהער, בשום־אופן ניט געקאָנט טרעפן, וווּהין ער דאַרף, און דאַן האָט זיך פון אונטערן דאַך געלאָזט הערן שוין ניט קיין צאַרט קעלכל, נאָר אַ דונער פון אַ בייזער שטיפמאַמע: „בלײַענער פויגל, וווּהין שטופּסטו?".

אין אַזעלכע סעקונדעס פלעגט מײַן מײַקע אַזוי זיך צוקלעפּן צום לײַב, אַז דערנאָך פלעג איך זי שיר ניט צערײַסן באַם אויסטאָן.

— גרישע! — קריגט בראָניע אַף מיר דאַכמאָנעם אין אַ מינוט אַרום. — דערלאַנג אַהער אַ שטיקל אײַז און אַ סיפאָן זעלצער־וואַסער!

— וועסט זיך צוקילן, — ענטפער איך מיט אַ שפּאַס, און ווידער איז מיר שוין גוט, און כ׳האָב האַנאָע פונעם לעבן.

אַזוי האָבן מיר זיך געווערטלט און געשפּאַסט טאָג־אויס, טאָג־אײַן. אין צעך האָט מען שוין אונדז, דאָס פּאָרל, גוט געקענט. לויט דעם, ווי איך פלעג ווערן מאָלע־גדולע פונעם „מאַלאָדיעץ", און כוישעך, ווי די נאַכט, פונעם „בלײַענעם פויגל", האָבן אַ סאַך זיך אָנגעשטויסן, אַז איך בין צום מיידל ניט גלײַכגילטיק. נאָכן הודאָק האָט, געוויינלעך, ניט נאָר די קוריערשע אָדער די טאַבעלשטשיצע, וועמען מע מעג מויכל זײַן די ווײַבערשע נײַגעריקייט, נאָר אַפילע דער וואַכטע־מײַסטער אַ קוק געגעבן אַף מיר, דערנאָך גלײַך אַרופּצו, פּונקט ווי אַלץ, וואָס עס האָט אַ שײַכעס צו מיר, האָט אויך אַ שײַכעס צום מיידל אין קאַבינע.

פאַר אַ דרײַסיק סעקונדעס מאַכט בראָניע דורך די האַלבע מייע טרעפּלעך פונעם שמאָלן, שטאַרק געשלענגלטן אײַזערנעם לייטער, און אָט שטייט זי שוין אַפּן דיל. זי פילט זיך מיסטאָמע בייסמײַסע ווי אַ מענטש, וואָס שטײַגט אַראָפּ פון דער שיף אַפּן ברעג. איך מאַך אַ טראָט איר אַנטקעגן. קוים אַ קוק געטאָן אין מײַן זײַט, לויפט זי אַוועק. און אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום שווינדלט זי פאַרבײַ, אָקאָרשט אַרויס פון „דוש", אַ ציכטיק איבערגעטאָנענע, אין אַ גרין קלייד מיט אַ שנירעלע פּערלמוטערנע קנעפּלעך אַף דער ברוסט. זי פאַרשווינדט הינטער די טויערן פונעם צעך, און איך בלײַב שטיין, ווי אַ גוילעם, פילנדיק זיך אינגאַנצן אָן איבעריקער אַף דער וועלט.

— וואָס זשע שטייסטו? — טוט מיך מיטן בעזעם לײַכט אַ שטויס די אופראַמערן.

איך פלעג אַוועקגיין מיטן פעסטן געדאַנק אָנצושרײַבן אַ מעלדונג, מע זאָל מיך אַריבערפירן אַף אַן אַנדער אַרבעט, אין אַן אַנדער צעך. נאָר אינדערפרי, ווי נאָר כ׳האָב באַנײַעס דערהערט פון איר דעם „מאַלאָדיעץ" אָדער אַפילע ניט אינגאַנצן אַזאַ זיס וואָרט, האָב איך אײַן אויגנבליק פאַרגעסן וועגן אַלע מײַנע נעכטיקע טראַכטענישן און איבערלעבונגען. ווידעראַמאָל בין איך געווען פול מיט די ליכטיקסטע האָפענונגען. בראָניע איז דאָ, לעבן מיר, אַף אַ מעהאַלעך פון אַוועלכן־ניט־איז צענדליק מעטער! אַכט שאָ נאָכאַנאַנד האָב איך די מעגלעכקייט יעדע מינוט קוקן אַף איר, הערן איר שטים, אויספילן אירע באַפעלן. אָבער איינע אַ ניט־פאַרויסגעזעענע געשעעניש האָט שיר ניט אַוועקגענומען בא מיר מײַנע געציילטע גליקלעכע שאָען.

אין איינעם אַ סענטיאַבער־טאָג, גאַנצפרי, ווען די זון האָט קוים אַ שײַן געטאָן דורכן גלעזערנעם דאַך פון צעך און איז גלײַך פאַרשווונדן, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין האַרבסט און צו גוט טאָר מען ניט זײַן, האָט זיך לעבן מײַן „מאַטאַלקע" אָפּגעשטעלט דער שעף פונעם זאַוואָדישן אויסשטאַטונגס־אָפּטייל. ביכלאַל קאָן איך זיך ניט איבערנעמען מיט מײַן זיקאָרן, נאָר זײַן פאַמיליע וועליקאָנאָוו האָב איך פאַרגעדענקט, ווײַל זי האָט אינגאַנצן ניט אַנטשפּראָכן דעם אָנבליק זײַנעם. וועליקאָנאָוו איז געווען אַ מענטש אַ קליינוווּקסיקער, אַן אײַנגעשרומפּענער, כאָטש געהאַט האָט ער צו טאָן מיט זאַכן בלויז פון גרויסן מאַסשטאַב און פון גרויסע גאַבאַריטן. אין זײַן אָפּטייל פלעגן אָנקומען ריזיקע קאַסטנס מיט ווערקשטעלן, וואַלצערס, פאַרשיידענע מעטאַל־קאָנסטרוקציעס, וואָס, שטייענדיק לעבן זיי, האָט וועליקאָנאָוו קוים זיך אַרויסגעזען. די שעפן פון די צעכן, אינזשעניערן פון דער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ און די מיטאַרבעטער פון אויסשטאַטונגס־אָפּטייל, דאָס הייסט די מענטשן, מיט וועלכע ער פלעגט אָפטער ווי מיט אַנדערע, זיך באַגעגענען, זײַנען קימאַט אַלע געווען הויכע, ברייטפּלייציקע; אין זייער קרײַז האָט וועליקאָנאָוו אויסגעזען, ווי אַ קליין קוסטל צווישן הויכע דעמבן, נאָר דאַפקע ער, דער קליינינטשקער, איז געווען דער טאָנגעבער, און די מעכטיקע דעמבן־ביימער האָבן גערן געבויגן די הויכע קרוינען, קעדיי בעסער צו הערן דאָס שטילע גערויש פונעם נידעריקן געוויקסל.

ווען וועליקאָנאָוו פלעגט זיך באַווײַזן אין צעך מיט אַ פּעקל בלויע צייכענונגען אונטערן אָרעם, איז עס געווען דער בעסטער סימען, אַז גאָר אינגיכן וועלן זײַן נײַעס: עפּעס וועט מען אויסשטאַטן, מאָנטירן, איבערשטעלן.

דורכגערעדט זיך מיטן שעף פונעם וואַלץ־צעך און מיט די אינזשעניערן, איז וועליקאָנאָוו אין יענעם פרימאָרגן מיטאַמאָל צוגעגאַנגען צו מיר.

— נו, בראַטאָק, געזעגן זיך מיט דײַן אינסטרומענט, — האָט ער זיך צוגערירט מיט זײַן קליין הענטל צו דער „קאַטשערע", — אינגיכן וועלן מיר האָבן אַ ראָלגאַנג.



די דאָזיקע פּסורע האָט דערפרייט דעם גאַנצן צעך. אַלע האָבן מיך באַגריסט, ווי דעם גרעסטן באַלסימכע. פון טראַנספּאָרט־צעך איז געקומען צו לויפן דער דיספּעטשער, וועלכן איך האָב ביז דאַן קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. אין איין אָטעם האָט ער אָנגעהויבן אויסגיסן פאַר מיר דאָס האַרץ:

— אַלע מײַנע נערוון האָט פון מיר אַרויסגעצויגן דײַן „מאַטאַלקע". אַ קײַלעכיקן מעסלעם נאָר מע קלינגט: „פּלאַטפאָרמעס אַהער, פּלאַטפאָרמעס אַהין", און דער גאַנצער מאַרשרוט איז די גרייס ווי אַ גענעץ. פון איין טויער — אַרויס, אין צווייטן — אַרײַן. איצט וועלן מיר פרײַ אָפּעטעמען...

גלעטנדיק סאָליד מיט צוויי פינגער די אייבערשטע געגאָלטע ליפּ, איז צוגעגאַנגען צו מיר דער געוועזענער עלטערער מײַסטער אַנטאָן זאַכאַראָוויטש פּאָמעראַנצעוו. ער איז שוין געווען אַף פּענסיע, נאָר ער האָט געהאַט אַ דורכלאָזשײַן אין אַלע צעכן פונעם זאַוואָד. מע האָט אים אויסגענוצט אַלס עקסקורסיע־אָנפירער. אָפּטמאָל, שוין גלײַך פון אינדערפרי, האָט מען אים געקאָנט זען אַרומגערינגלט מיט שילער פון דער פּראָפשול אָדער פונעם טעכניקום, און אַנדערשמאָל האָט ער געפירט אַ דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען פון ערגעץ צו פאָרן, אַ גרופּע טוריסטן. אין יענע מינוטן פלעגט דער אַלטער אויסזען פײַערלעך, זײַן שוין לענגלעך פּאָנעם האָט געשטראַלט, די שטאַלטנע פיגור, שוין עטוואָס געבויגן אונטער דער לאַסט פון יאָרן, איז געווען אונטערגעצויגן און אויסגעגלײַכט.

דערנענטערנדיק זיך צו אַוועלכן־ניט־איז הינטערשטעליקן באַציִרק, פלעגט אַנטאָן זאַכאַראָוויטש, אונטערן אויסרייד, אַז באַקוקן אַלץ איז אומעגלעך, היפשלעך פאַרגיכערן דעם טראָט. דער קלוגער מאַניעווער האָט אָבער ניט שטענדיק זיך אים אײַנגעגעבן.

— און וואָס איז דאָס? צו וואָס נוצט עס? — האָבן געטײַטלט די מער נײַגעריקע עקסקורסאַנטן אַף מײַן שטעקן.

— דאָס איז אַ צײַטווײַליקע זאַך, ניט קעדײַ וועגן דעם צו ריידן, — פלעגט ער ענטפערן, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, און האַסטיק גיין ווײַטער.

איצט האָט פּאָמעראַנצעוו, ווײַזט אויס, שוין פאַרגעשטעלט זיך, אַז דאַפקע לעבן דער „מאַטאַלקע" וועט ער זיך פאַרהאַלטן לענגער און באַווײַזן נאָך איין בײַשפּיל פון טעכנישן פּראָגרעס.

פאַרשטעלט מיט אַ האַנט די באַק פון דער שלאָגנדיקער היץ, האָט ער אָנגעהויבן מיר דערקלערן די וויכטיקע נוצן פונעם ראָלגאַנג אין אַזאַ דערהויבענעם טאָן, אַקוראַט ער וואָלט שוין גערעדט פאַר אַ כאָפּטע אַנציקטע עקסקורסאַנטן.

— די ראָלגאַנגען וועלן אַליין, אָן אַ קראַן, אָן פּלאַטפאָרמעס, קײַקלען זיך פון אײַער צעך אין צעך פאַר קאַלטער באַאַרבעטונג... דאָס רופט זיך קאָמפּלעקס־מעכאַניזאַציע... די קאַטשערע וועסטו מיר אָפּגעבן אַף אַן אָנדענק, — האָט ער אומגעריכט אַ זיפץ געטאָן, קענטיק דערמאָנענדיק זיך די אומאָנגענעמע מינוטן, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט מײַן ווערקצײַג.

בא מיר פערזענלעך איז געווען אַ צווייענדיקע באַציִונג צו דער קומענדיקער ענדערונג. פון אַ געוויסער צײַט בין איך אין זאַוואָד געוואָרן טרויעריק באַרימט. ווען אַף אַ באַראַטונג אָדער קאָנפערענץ האָט עמעצער געוואָלט באַווײַזן, וויאַזוי עס לעבט זיך צונויף פאָרגעשריטענע טעכניק מיט קוסטאַרערײַ, פלעגט ער אַרויס אומגעפער מיט אַזאַ לאָשן:

— יעדן פון אונדז, כאַווײרים, איז אויסגעקומען צו זײַן אינעם וואַלץ־צעך און דורכגיין פאַרבײַ דער „מאַטאַלקע". וואָס זשע זעען מיר דאָרטן, כאַווײרים? מיר זעען דאָרטן אַ טרויעריק בילד. עס שטייט אַ יונגער אַרבעטער, אונדזערער אַ יונגער כאַווער, מעגלעך אַפילע אַ קאָמיוגיסט, און אַ גאַנצע וואַכטע לאָזט ער ניט אַרויס פון דער האַנט דעם קיניגלעכן סצעפּטער. איך בעט אַנטשולדיקן פאַרן פאַרגלײַך, נאָר פּונקט מיט אַזאַ פעלדמאַרשאַל־שטעקן האָט נאָך געהאַט צו טאָן מײַן אור־אור־אורבאָבע, ווען זי פלעגט דאַרפן אַרויסשאַרן די טעפּלעך פון אויוון...

געוויס האָט זיך מיר זייער געוואָלט בײַטן די אַרבעט. צום סאָף פון דער וואַכטע פלעג איך בלײַבן אינגאַנצן אָן קויכעס. און דאָך זײַנען אָט די הייסע אַכט שאָ געווען פאַר מיר די סאַמע גליקלעכע פון אַלע 24 אין מעסלעם. איך האָב אַרופגעקוקט צו דער קאַבינקע אונטער דער סטעליע. אָפּטער, ווי געוויינלעך, האָט בראָניע געשריִען „בלײַענער פויגל", וועלנדיק, ווײַזט אויס, דערמיט אַ ביסל פאַרלײַכטערן אונדזער קומענדיקע צעשיידונג. נאָר דער ביטערער צונאָמען האָט הײַנט געקלונגען אין מײַנע אויערן קימאַט אַזוי צאַרט, ווי דער קאָמפּלימענט „מאַלאָדיעץ". זאָל זי רופן, ווי זי וויל, אַבי נאָר הערן איר שטים, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אינעם מעשוגעדיקן איבערפלעכט פון ליכט און שאָטן אונטער דער סטעליע זען איר פּאָנעם, אירע אויגן, איר ברייטן, שיינעם „מאָנצבלשן" שטערן.

מיטיק־צײַט האָט איבערן דאַך גענומען קלאַפּן אַ רעגן. געוויינלעך האָבן מיר אים ניט געהערט, פּונקט ווי מיר האָבן אויך ניט געהערט קיין דונער. נאָר איצט איז אין צעך געווען שטיל: מע האָט אָפּגעשטעלט דאָס וואַלץ־געשטעל. עס איז אַראָפּגעקומען אַ בריגאַדע מאָנטאַזשניקעס. דער הויפּט־מעכאַניקער האָט לעבן „טיטאַן" מיט געקאָכטן וואַסער אויפגעהאַנגען אַן אַרבעטס־גראַפיק. אויבן, אינעם לינקן ווינקל פונעם בויגן פּאַפּיר, איז געווען אַ רעזאָליוציע פונעם זאַוואָד־דירעקטאָר: „אויסער יעטווידער ריי, עקסטרע". דורך די צעעפנטע טויערן פון ביידע עקן צעך האָט אַ צוגווינט שמײַדיק אַוועקגעטראָגן די גאַנצע וואַרעמקײַט.

צוערשט איז געוואָרן אָנגענעם קיל, דערנאָך קאַלטלעך.

איך האָב אָנגעטאָן דאָס רעקל און שוין געקליבן זיך גיין אין גאָרקיך עסן, האָט מיך א רוף געטאָן דער שעף פונעם צעך וויקטאָר פּעטראָוויטש אָלכאָווי. זײַן קאַבינעט האָט זיך געפונען אַף דער „גאַליאָרקע", פּונקט אַנטקעגן וואַלץ-געשטעל. ווען דאָס געשטעל אַרבעט, זײַנען די שויבן פונעם קאַבינעט, די ווענט און די סטעליע העל-אָראַנזשעווע, ווי דער האָריזאָנט באַם זון-פאַרגאַנג. איצט האָט געדוכט, אַז ס'איז דאָ פינצטערלעך, כאָטש עס האָט, ווי שטענדיק, געברענט דער לאָמפּ.

וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט מיך געבעטן זיצן און, ווי ער טוט געוויינלעך, ווען ער וויל מיט עמעצן זיך דורכריידן אַף א געמיטלעכן אויפן, אַראָפּגענומען די ברילן און אַוועקגעלייגט זיי אין א זײַט, זײַן פּאָנעם מיט די „נאַקעטע" צוגעזשמורעטע אויגן איז גלײַך געוואָרן עפּעס היימישער.

— אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר אים לאָזן, — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין פענצטער אַפן וואַלץ-געשטעל. — אײַער אַרבעט, כאַווער, איז איצט געוואָרן איבעריק און זי ווערט אָפּגעשאַפט. איר האָט געאַרבעט גאַנץ גוט, — האָט וויקטאָר פּעטראָוויטש פאָרגעזעצט, — און כ'וואָלט וועלן, איר זאָלט זיך ניט פילן באַאַוולט. איך וועל גערן העלפן צוזוכן פאַר אײַך אַן אָרט לויט אײַער אייגענעם פאַרלאַנג. דער אויסוואַל איז א גרויסער. אין אונדזער צעך איז פאַראַן ניט קיין שלעכטער מאַקער-וואַרשטאַט. מיר וועלן אײַך אַוועקשטעלן בא א גוטן ווערקשטעל... אויב איר ווילט, לערנט זיך אַף אַן עלעקטריקער. צי עפשער געפעלט אײַך זײַן א צייכענער, וועל איך אײַך שיקן אין קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָ...

אין פאַרלעגנהייט האָב איך געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איך האָב געשוויגן, מוירע האָבנדיק, אַז דער שעף פונעם צעך וועט זיך אָנשטויסן, וועגן וואָס איך טראַכט. מיר האָט זיך זייער געוואָלט פרעגן, ווו וועט איצט אַרבעטן די קראַנאָווטשיצע בראָניע קראַוועץ. לויט מײַן האַשאָרע, האָט מען גיכער פון אַלץ זי געדאַרפט שיקן אַפן גרויסן סקלאַד. קראַן-מאַשיניסטן פעלן דאָרטן שטענדיק אויס.

שטיל האָב איך א בעט געטאָן:

— שיקט מיך אַפן סקלאַד פון די סליאַבעס...

וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט מיט פאַרוווּנדערונג א קוק געטאָן אַף מיר און א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אַף „ניין".

— איך אײַצע ניט.

— זאָגט איר, הייסט עס, אָפּ?

— גרינגער פון אַלץ איז אויספילן אײַער באַקאָשע, נאָר איך אײַצע אײַך ניט, — האָט ער איבערגעכאַזערט שוין א ביסל מיט פאַרדראָס. — אינגיכן וועלן מיר אָנהייבן אויסלאָדן די סליאַבעס מיט א מאַגנעט, וועט ווידער אויסקומען אַריבערוואַרפן אײַך אַף א נײַ אָרט.

איר זײַט דאָך נאָך יונג, צײַט א קלער טאָן וועגן א פאַך.

איצט, אין א סאַך יאָרן אַרום, דערמאָן איך מיט דאַנקבאַרקײַט דעם שטרענגן, א ביסל האַרבלעכן שעף פונעם צעך. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז ער האָט זיך געהאַט אָנגעשטויסן, פונוואַנען עס קומט מײַן מאָדנער פאַרלאַנג, נאָר מיט קיין איין וואָרט עס ניט אַרויסגעוויזן.

— אויב אַזוי, וואָלט איך וועלן אַרבעטן בא די טיגלען*, — האָב איך געזאָגט נאָך א געדריקט שווייגן.

— אָט דאָס זײַנען גאָר אַנדערע ווערטער, — האָט לעבעדיק אונטערגעכאַפּט וויקטאָר פּעטראָוויטש. — איך באַמערק, ברודערקע, עס ציט דיך נאָר צו דער היץ, — איז ער פּלוצעם אַריבער אַף „דו". — וועסט זיך אויסלערנען צונויפשטעלן א ריכטיקע שיכטע, אונטערהאַלטן אין אויוון די נייטיקע טעמפּעראַטור, צו דער צײַט אויסגיסן דעם מעטאַל אין די פורעמס, מיט איין וואָרט, וועסט געבן גוטן בראָנדז, וועסטו זײַן דער כאָשעווסטער מענטש אין זאַוואָד...

צום סאָף האָט וויקטאָר פּעטראָוויטש אַרויסגענומען פון דער קליינער ביכער-שאַפע א גראָבן בוך אין א העלער הילע „שמעלצונג פון קאָלירטע מעטאַלן" און מיר אים דערלאַנגט.

— טו א בעט דעם מײַסטער, ער זאָל מיט דיר א ביסל א לערן טאָן טעאָריע.

...עס איז דורך א יאָר... שוין לאַנג קײַקלט זיך א רולאָן נאָך א רולאָן אָן שום הילף פון א מענטשן. איך האָב זיך פאַר דער צײַט אויסגעלערנט מאַכן קאָלירטן מעטאַל. בא די טיגלען איז נאָך הייסער, ווי באַם וואַלץ-געשטעל. דער פלאַם הודעט אינעם אויוון, דער מעטאַל קאָכט. איך דריי אָפּ דעם ווענטיל פונעם פּעסל מאַזוט, גיב צו אין אויוון ברענשטאָף, דער פלאַם ווערט כאָך שטאַרקער. דורך די טונקעלע ברילן שפּיר איך אויפמערקזאַם נאָך, וואָס עס טוט זיך דאָרטן אינעם פײַערדיקן טאָפּ. ווען די שמעלצונג איז פאַרטיק, גיב איך א רוף מיט דער האַנט, און פונעם אַנדערן עק צעך טראָגט זיך צו מיר דער קראַן. אַף איין סעקונדע גיב איך א קוק אַף אויבן, און ווידעראַמאָל, ווי פריִער באַם וואַלץ-געשטעל, ווערט מיר קיל און כיִעסדיק אין די אייוורים. אין דער קאַבינקע איז בראָניע. וויקטאָר פּעטראָוויטש האָט ניט צעשיידט די אַלטע „קאָמפּאַניאָנען".

דער טראָס פונעם קראַן לאָזט זיך נידעריק אַראָפּ צום אויוון.

ניט באַמערקנדיק די פונקען, וואָס שפּריצן אַרום מיר, פאַרקלאַמער איך דעם טיגל מיט א ריזיקער צוואַנג און זעץ אים אַרויף אַפן הייבקראַן.

— ווירא! — טו איך א געשריי. און דער טיגל הייבט זיך געלאַסן אַרויס פונעם אויוון.

---

* טיגל — דאָ: א קיילע פון פײַערפעסטן מאַטעריִאַל, אין וועלכער מע שמעלצט מעטאַל.





דער אָפּשײַן פון צעשמאָלצענעם מעטאַל דערגרייכט ביז צו דער סטעליע. עס גייען דורך עטלעכע מינוט. דער מעטאַל, צעגאָסן אין פאַרשיידענע פורעמס, ווערט גיך אָפּגעקילט און באַדעקט זיך פון אויבן מיט א טונקל הײַטל.

עס איז שוין לאַנג ניטאָ, צוליב וואָס צו פאַרהאַלטן זיך אין צעך, נאָר איך גיי ניט אַוועק, איך וואַרט. איצט אַנטלויפט שוין ניט בראָניע פון מיר נאָך דער אַרבעט. לעבן די פײַערדיקע רולאָנען און קאָכיקן בראָנז האָט זיך גוט אויסגעוואַרעמט אונדזער ליבע. אין א שטיקל צײַט אַרום האָט מען בראָניען טאַקע אַריבערגעפירט אַרבעטן אַפן סקלאַד, נאָר דאָס האָט מיך שוין ניט געאַרט. זי פלעגט קומען צו לויפן אין מיטיק-איבעררײַס רופן מיך גיין עסן אין דער גאָרקיך...

אין 1940 האָבן מיר כאַסענע געהאַט... אַמאָל, קינדערווײַז, האָב איך געהערט זאָגן, אַז די פאָטאָגראַפיע פון א געשטאָרבענעם מענטשן ווערט אינגיכן באַדעקט מיט א טויטער געלקײַט. גיך איז פאַרגעלט געוואָרן די פאָטאָ, וואָס בראָניע האָט מיר צוגעשיקט אַפן פראָנט. אַפן בילד איז זי געווען מיט אונדזער צענכאַראָשימדיק טעכטערל אַף די הענט. קיין אַזאָווסק בין איך אַראָפּגעקומען קימאַט גלײַך נאָך דעם, ווי מע האָט באַפרײַט די שטאָט. עטלעכע טעג אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי אין א כאָלעם, איבער די רויִנירטע גאַסן, נאָכגעפרעגט זיך, באַמיט זיך אַלץ צו דערוויסן, נאָר ווי גענוי מע האָט מיר ניט דערציילט, האָב איך ניט געקאָנט און קאָן ביז הײַנטיקן טאָג ניט פאָרשטעלן זיך איר לעצטן וועג מיטן קינד אין דער קאָלאָנע פון די פאַרורטיילטע צום טויט. א כוישעך, א געדיכטער שווערער נעפּל פאַרדעקט די אויגן...

שווער אין באַן צו שרײַבן ליגנדיק, די פען ציטערט אין דער האַנט, דאָס העפטל גליטשט זיך אַראָפּ פון קישן... און דאָס פענצטער ווערט שוין דורכזיכטיקער, עס נעמט שאַריען אַף טאָג.

אַף די סטאַנציעס האָבן זיך באַוויזן שילדלעך אין צוויי שפּראַכן: אוקראַיִניש און רוסיש, אַרום און אַרום שפּרייטן זיך ענדלאָזע אוקראַיִנישע סטעפּעס.

1 סענטיאַבער.

א הונדערט קילאָמעטער פאַר אַזאָווסק איז דער באַן געוואָרן קימאַט פּוסט. אַף די גרויסע סטאַנציעס פון דאָנבאַס האָבן זיך אַרויסגעפּעקלט א סאַך פּאַסאַזשירן. איך האָב זיך געזעגנט מיטן קוילנגרעבער פון וואָרקוטאַ, וואָס פאָרט אין אורלויב צו זײַן ברודער אין רוטשענקאָווע, אויך א קוילנגרעבער. אַרויסבאַגלייט האָב איך צו דער טיר אויך די צוויי אַלטיטשקע פּענסיאָנערקעס, וואָס נוצן אויס די אומבאַגרענעצטע פרײַע צײַט און ס'ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט אַף אַרומצופאָרן צו די קינדער און אייניקלעך. די קאַשעקעס זײַנען בא ביידע אַלטיטשקע פול מיט קריגעלעך זויערמילך, זויערע אוגערקעס און פרישע עפּל, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין איין צוקויפן אַף די „וואָלוועלע" סטאַנציעס.

עס האָבן זיך אָפּטער גענומען באַווײַזן באַקאַנטע „ראַזיעזדן", „פּאָלוסטאַנקעס". ווידעראַמאָל לאָזן ניט צורו דערינערונגען, וועלכע גריבלען אַרויס פון דער צײַט-טיפעניש פאַרשיידן פאַרוואַלגערט מינץ.

מיט פיל יאָרן צוריק פלעגט מײַן טאַטע פאָרן אַף אַרבעט פון אַזאָווסק אַף א נאָענטער סטאַנציע מיט א שיינעם נאָמען „דאַליאַ". געפאָרן איז ער מיטן אינדערפרייִקן זעקסאַזייגערדיקן צוג, וועלכן איך האָב געוואָלט כאָטשבי איין מאָל זען מיט די אייגענע אויגן, נאָר איך פלעג אים שטענדיק פאַרשלאָפן. געווען איז מיר דאַן א יאָר פינף. סאָפּקאָלסאָף האָט די עלטערע שוועסטער ראַכמאָנעס געהאַט אַף מיר און איינמאָל מיך אויפגעוועקט.

איך בין אַרויף אַפן בערגל, פון וועלכן עס האָט זיך געזען די אײַזנבאַן-ליניע, און די אויגן האָבן גענומען לויפן איבער די שווינדלדיקע וואַגאָנעס. גרויס איז געווען מײַן ווונדער, ווען אַף קיין איינעם פון זיי האָב איך ניט געזען די ציפער „6". פונוואַנען זשע ווייסט דער טאַטע, אַז דער באַן איז א זעקסאַזייגערדיקער? די ציפער „6" איז מיר געווען גוט באַקאַנט. זי איז ענלעך אַף אַן אָפּגעביסענעם „קרענדל", צום אונטערשייד פון א גאַנצן, וואָס איז ווי אַן „8". אַגעוו, סײַ אָפּגעביסענע, סײַ גאַנצע האָב איך דאַן אין מויל ניט גענומען, באַנוגענענדיק זיך דערמיט, וואָס איך זע זיי אין דער „בולאָטשנע".

ס'האָט א פינקל געטאָן דער יאַם. מיר, יינגלעך, געדענק איך, האָבן שטענדיק געהאַט א ביסל אַגמעסנעפעש פאַר אונדזער אַזאָווער יאַם. אינעם לערנבוך איז ניטאָ וועגן אים קיין איין גוט וואָרט, נאָר הוילע כעסרוינעס: דער סאַמע קלענסטער, דער סאַמע פלאַכסטער, מיט א סאַך זאַמדבענק און אַנדערע צאָרעס, וואָס פּאַסן ניט פאַר קיין לײַטישן יאַם. איצט זע איך אים ווידער, אונדזער „באַליידיקטן" יאַם. א גרויער, מיט ווײַסן שוים באַם ברעג, האָט ער א קוק געטאָן אין די פענצטער, און ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן וווּנדערלעך ליכטיק אין וואַגאָן. די טיר פונעם קאָרידאָר איז געווען א ביסל אָפן, און ס'האָט זיך אַרײַנגעריסן א ווינט, דורכגעטראָגן זיך איבער די טישלעך און געלעגערס, אָנגעבלאָזן די גרינגע פאָרהענגלעך, צעקלונגען זיך מיט די לעפעלעך אין די ליידיקע גלעזער. פּלוצעם איז געוואָרן פינצטערלעך. אַף דער אַנדערער פּאָר רעלסן איז געגאַנגען א פראַכטצוג. ווען ער איז אַדורך, האָט מען שוין דעם יאַם ניט געזען, פאַר די אויגן האָט זיך געשפּרייט די פּאַנאָראַמע פון „יוזשסטאַל".

אומגעריכט און בעשעפּע, ווי עס פּאַסט פאַר א געבענטשטן דאָרעמדיקן ווינקל, איז אַוועק א היפשער רעגן, נאָר דער הימל איבער דער „דאָרעם-מאַגניטקע" איז פאַרבליבן ליכטיק, הויך, אין דורכזיכטיק לײַכטע, פאַרשיידנקאָליריקע וואָלקנס.

די שטאָט מאגניטאָגאָרסק רופט מען „הויפּטשטאָט פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיע". מע קאָן נאָך זאָגן, אַז קיין איין הויפּטשטאָט אין דער וועלט האָט ניט אַזויפיל יונגערע שוועסטער, וואָס ווילן זיך אָנרופן לויטן נאָמען פון דער עלטערער: „סיבירער מאַגניטקע", „קאַזאַכסטאַנער מאַגניטקע"... אין בכילײַ האָט מען אויסגעבויט אַן „אינדישע מאַגניטקע". ליפּעצק און אַלטשעווסק, מאַגיל און טשוסאָוואַיאַ צינדן אָן נײַע דאָמנעס, מאַרטען־אויוונס און זאָגן דערבײַ: מיר ווערן אַ „מאַגניטקע".

און אָט איז זי, מײַן „דאָרעם־מאַגניטקע". אופהייבנדיק זיך שטופנווײַז אַלץ העכער צום האָריזאָנט, דערמאָנט דער זאַוואָד אַ גיגאַנטישע שיף. מעגלעך, אַז אַזאַ פאַרגלײַך קומט אַרויף אַפן געראַנק דערפאַר, ווײַל דער זאַוואָד איז לעבן יאַם. עס דוכט זיך, ער וועט באַלד שטיל אַרײַנשווימען אינעם יאַם־אײַנגוס.

הינטערן הויכן פּלויט, צווישן די שטיינערנע ריזן, האָט דורכגעשווינדלט אַ קליין הילצערן שטיבל מיט אַ נידעריק אַראָפּהענגענדיקן דאַך איבער די פענצטערלעך. איין גאָט ווייסט, צוליב וואָס מע האָט עס דאָ איבערגעלאָזט, עפּשער האָט מען געוואָלט, אַז לעם דער כאַטקע זאָל נאָך גראַנדיעזער אויסזען דער זאַוואָד...

הינטערן אײַזנבאַן־אָנשיט שלענגלט זיך אַ גאַנץ ברייטער טײַך מיט פאַרלאָזטע ליימיקע ברעגן. אין אַן אַנדער שטאָט וואָלט אַזאַ טײַך, ווי אונדזער קאַלמיוס, געוויס געהאַט אַ ביסל מער קאָוועד, מע וואָלט אים אַוואַדע אַרײַנגענומען אין גראַניט, געמאַכט לעבן אים אַ פײַנעם סקווער אָדער פּאַרק. נאָר מײַנע לאַנדסלײַט האָבן אַ יאַם, אַ יאַם־פּליאַזש, און זיי ניצן די בריק איבערן טײַך אַ סאַך אָפטער, איידער גופא דעם טײַך. עמעס, מיט דרײַסיק יאָר צוריק, ווען אַפן לינקן ברעג קאַלמיוס האָט מען גענומען פּלאַנירן דעם זאַוואָד, האָבן ניט ווייניק פּאָעטן געווידמעט דעם טײַך זייער אינדוסטריעלע מוזע...

אין שטאָט בין איך אַרײַן ניט דורכן וואָקזאַל, נאָר, ווי אַמאָל, יונגלווײַז, דורכגעשמוגלט זיך דורכן שמאָלן ליקל צווישן וואָקזאַל און דער שאַצקאַמער, ווּ עס הענגט אַן אופשריפט Ход закрыт. אָט אַזוי פאַרבלײַבן ביז די עלטערע יאָרן קינדערישע שטיק. אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ — קיין סימען פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען. ניטאָ אַפילע די שטיינער פונעם ברוק — מע האָט זיי פאַרביטן אַף אַספאַלט. טראַמוויי, אַוטאָבוס, טאַקסי — אַלע מינים טראַנספּאָרט זײַנען אין מײַן רעשוס. ווען איך זע עס אין אַן אַנדער שטאָט, וואָלט עס, פאַרשטייט זיך, ניט אַרויסגערופן באַ מיר קיין ווונדער. נאָר דאָ קוק איך אַף דעם, פּונקט ווי איך וואָלט אַף מײַן לעבן אַזעלכעס ניט געזען.

אין טראַמוויי פרעג איך באַ דער קאָנדוקטאָרשע, וויפל עס קאָסט אַ בילעט.

— ניט טײַערער, ווי אין אַנדערע שטעט, — ענטפערט זי און קוקט מיך אָן, ווי כ'וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

דער טראַמוויי לויפט, קלינגט, נעמט אַף די סטאַנציעס נײַע פּאַסאַזשירן, ס'ראָוו פרויען, שטוב־באַלעבאָסטעס. ס'איז אַרום צען אינדערפרי, און זיי קערן זיך אום פון די קלייטן און פון מאַרק, יעדערע מיט אַ היפּשער מאַסע. דער גאָלדענער האָרעמדיקער האַרבסט פאַרקויפט זײַנע אויצרעס ניט אין קילאָגראַם־פּעקלעך, נאָר עמערווײַז און אין קעסטלעך. דער טראַמוויי זאַפּט זיך אַלץ מער דורך מיטן טערפּקן רייעך פון צײַטיקע פלוימען, באַרן, עפּל. דורך די שפּאַלטן פון די קעסטלעך קוקן אַרויס דורכזיכטיק־גרינע און סאַמעט־שוואַרצע ווײַנטרויבן. איך האַלט דעם קאָפּ אַרײַנגעשטופּט אין פענצטער און באַמי זיך צו געפינען באַקאַנטע געבײַדעס, באַקאַנטע שילדן, באַקאַנטע שטיינער, אין וועלכע עס האָבן אַמאָל צעקלאַפּט זיך יונגלשע באָרוועסע פיס.

אַלטע סימאָנים זײַנען פאַרבליבן זייער ווייניק. אַפן ראָג פון דער ערשטער סלאָבאָדקע־גאַס, ווּ אין די אָוונטן פלעגט זיצן אַן אַלטע אויסגעדאַרטע גריכן מיט אַ קוישל קערלעך, שטייט איצט אַ פירשטאָקיק הויז מיט אַ שילדל, אַף וועלכן איך באַוווײַז איבערצולייענען ЖКО завода „Южсталь“. הינטער דעם דאָזיקן הויז איז אַ שול. דער קלונג פונעם שול־גלעקל און דער קינדערשער טומל דערמאָנען מיר, אַז הײַנט איז דער ערשטער סענטיאַבער. איך האָב געזען אַ סאַך נײַע געבײַדעס, נײַע שולן אין אַנדערע שטעט, נאָר אין מײַן היימשטאָט קוק איך אַף יעדן נײַעם הויז אַזוי, ווי מע וואָלט מיר געגעבן דאָרט אַ דירע.

אָט זײַנען די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן גלײַך צום צענטער שטאָט. דאָ פאַרקערעוועט דער טראַמוויי צום האַפן. די באַריקאַדע פון פּרוכטן, וואָס פאַרשטעלט מיר דעם וועג, קלעטער איך האַסטיק אַריבער און שפּרינג אַראָפּ נאָך איידער דער טראַמוויי שטעלט זיך אָפּ. מיך פאַרדריסט שוין, לעמײַ איך בין געפאָרן, געדאַרפט בעסער גיין צופוס.

מיטן קליינעם טשעמאָדאַנדל אין דער האַנט הייב איך אָן אַרופצוגיין אַף די טרעפּ. זיי דערקען איך, זיי זײַנען געבליבן די זעלבע, ווי אַמאָל. עס זײַנען נאָר צוגעקומען נײַע הילצערנע גרינגעפאַרבטע פּאָרענטשן. קינדווײַז פלעגט אונדז פאַרשאַפן אַ באַזונדער פאַרגעניגן דאַפקע אויסצומײַדן די טרעפּ און לויפן איבער דער שמאָלינקער סטעזשקע, באַם סאַמע ראַנד פונעם טיפן שטיינערנעם טאָל. פונדאַנען, פון די אייבערשטע טרעפּ, האָט זיך באַ די סלאָבאָדקע־יונגלעך אָנגעהויבן די עמעסע שטאָט מיט אַלע אירע אויסערגעוויינלעכע גליקן, ווי, למשל, דער צירק, ווּ עס איז איינמאָל אַרויסגעטראָטן איוואַן פּאָדובני, דער „אילוזיאָן", אין וועלכן מע קאָן זען מאַקס לינדערן און טשאַרלי טשאַפּלינען, דער האָטעל „קאָנטינענטאַל", אַרום וועלכן עס שפּאַצירן אויסשליסלעך אויסגעפּוצטע האַדראָספּענעמדיקע מענער און פרויען, אָפּגערעדט שוין פון דער בעקערײַ, וועלכע פאַרשפּרייט גאַנײדן־רייכעס פון פרישע בולקעלעך און בייגל.





די הויפּטגאַסן פון אייניקע אונדזערע שטעט זײַנען באַוווּסט אין דער גאַנצער וועלט. וועגן דעם לענינגראַדער ניעווסקי פּראָספּעקט אָדער קיִעווער קרעשטשאַטיק האָט מען געהערט אומעטום. אַזאָווסק איז ניט קיין גרויסע שטאָט, און איר הויפּטגאַס, וואָס הייסט „פּראָספּעקט רעספּובליקי", איז באַקאַנט נאָר די אָרטיקע אײַנוווינער. דאָס איז אַ „געוויינלעכע" הויפּטגאַס. אָבער ווי זי האָט זיך געביטן!

איך וואָלט זי ניט דערקענט, ווען ניט די איינציק איבערגעבליבענע אַלטע געבײַדע פונעם מעלוכע־באַנק. אַמאָל איז דער „מעלוכע־באַנק", מיטן ברייטן פּאַראַד־אַרײַנגאַנג, מיט די גרויסע „איטאַליענישע" פענצטער, געווענדטע צום סקווער, מיט דער מאַסיווער דעמבענער טיר, וואָס פירט אין אַ גרויסאַרטיקן זאַל און אין שײַנע קאַבינעטן, געווען די קרוין פון דער שטאָט. אַ געוויסן כיילעק אין זײַן הויכער רעפּוטאַציע האָט מיסטאַמע געהאַט גופא דער נאָמען — „באַנק". עס ווירקט געוויינלעך אַף דער פאַנטאַזיע, ביפראַט ווען אין קעשענע איז ניטאָ קיין פּרוטע. איך וועל ניט זאָגן, אַז די געבײַדע האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן נעבעכדיק, — זי איז פּשוט געוואָרן די סאַמע קלענסטע אַף דער גאַס, פּונקט ווי דאָס פאַרייניגטע־הויז אַף אָכאָטני ריאַד אין מאָסקווע. אין דעם ליגט אויך אַ כיין, ווי אינעם קליינוווּקסיקן סאָלדאַט, וואָס שליסט די שערענגע אַפן לינקן פלאַנג.

אַ גלײַכע, ווי אַ פײַל, זעט מען די גאַנצע גאַס פון איין עק ביזן צווייטן. אינדערווײַטנס, אַפן האָריזאָנט, פון יענער זײַט טײַך, שטאַרצן די טרויבן פון „יוזשסטאַל". צום גליק, זײַנען זיי גענוג ווײַט, און די אײַנוווינער קאָנען האַנאָע האָבן פונעם שיינעם אינדוסטריעלן פּייזאַזש, ניט אַרײַנטעמענדיק דעם רויך אין די לונגען. אַף אַ מעהאַלעך פון עטלעכע קילאָמעטער פונעם זאַוואָד, פּונקט אַנטקעגן אים, נאָר אַפן אַנדערן עק גאַס, געפינט זיך דער דראַמאַטישער טעאַטער, איינער פון די שענסטע טעאַטערן אין דער רעפּובליק; אייניקע זאָגן אַפילע, אַז ער איז דער שענסטער, נאָר דאָס איז שוין אַ גוזמע פון מײַנע לאַנדסלײַט.

גענוג שוין אָבער צו קוקן אַף די הײַזער. איך נעם זיך אײַנקוקן אין די פּענעמער פון מענטשן, מיר ווילט זיך טרעפן כאָטשבי איין באַקאַנטן. איך האָב ליב האָטעלן, נאָר אין דער אייגענער היימשטאָט וואָלט איך אַ באַלן געווען געפינען אַ נאַכטלעגער באַ אַן אַלטן פרײַנט. מידלעך פונעם וועג און פון אַרומגיין, זעץ איך זיך צו אַפן הויכן בענקל לעבן שיכפּוצער. אים דערקען איך, דעם אַלטן גריך, וואָס זיצט שוין דאָ יאָרנלאַנג מיט די בערשטלעך — „טשיסטים־בליסטים". גרויע שפּיזיקע הערעלעך רעמלען אַרום זײַן אויסגעטריקנט אַלט פּאָנעם. די געדיכטע שוואַרצע ברעמען גלאַנצן אַזוי, ווי ער וואָלט זיי אויסגעפּוצט מיט זײַנע סאַמעטענע געווענטלעך. ער האָט אַ טעווע: נאָך יעדער פּראַזע מורמלט ער צו אַ ניגנדל פון עפּעס אַ מיזרעכדיקער ליד. ריידנדיק און אונטערזינגענדיק, האָט ער מיר דערציילט, ווּ עס געפינען זיך דער נײַער מאַרק, דער נײַער טעאַטער און דער אַלטער מוזיי.

— אויב עס וועט ניט זײַן קיין ערטער אין האָטעל, — האָט ער צום סאָף צוגעגעבן, אונטערזינגענדיק אַף זײַן שטייגער, — וועט איר קאָנען איבערנעכטיקן באַ מיר... איך נעם ניט טײַער...

2 סענטיאַבער.

נעכטן בין איך געווען אַזוי מיד, אַז איך האָב ניט פאַרענדיקט באַשרײַבן אַלע אײַנדרוקן פונעם טאָג. ווײַזט אויס, איך שרײַב צופיל פּראָטים, נאָר אַזוי איז דאָס שוין באַ מיר...

אין האָטעל זײַנען קיין פרײַע נומערן ניט געווען. „נאָכמיטיק וועט זיך באַפרײַען אַן אָרט, דאָס טשעמאָדאַנדל לאָזט דערווײַל איבער דאָ", — האָט די אַדמיניסטראַטאָרשע אָנגעוויזן אַף אַ ווינקל לעבן איר טיש. איך האָב אַוועקגעשטעלט מײַן „באַגאַזש" און בין אַרויס אינדרויסן.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַוועק אַף דער גאַס, ווּ איך האָב געוווינט ביז דער מילכאָמע. אָט איז אונדזער הויף. אַ גרינע קאַליטקע, אַ רויטע וואַסער־קאָלאָנקע. וויפל בלוט איז אַוועקגערונען, זינט איך האָב פון אָט דער קאָלאָנקע דאָס לעצטע מאָל אָנגעצאַפּט וואַסער.

דער הויף, ווי די גאַנצע גאַס, איז אופגעבויט אַפסנײַ. ער איז אַרומגעקלעפּט מיט ווײַסע הײַזער, באַצוימט מיט ווערענדעס, באַלקאָנדלעך. לעבן יעדער הײַזקע — אַן אויסגעקאַלכטער „זומערדיקער" אויוון מיט אַ דעכל פון אויבן. אין דער טיף פון הויף האָט אַמאָל געוווינט מײַן אַלטער לערער. אייביק האָט ער קיין צײַט ניט געהאַט, געײַלט, קיינמאָל האָט קיינער ניט געקאָנט גיין מיט אים „אין פוס", ער פלעגט פאַרלויפן פאָרויס. ניט געײַלט האָט ער, מיסטאַמע, איין מאָל — אינעם טיפן האַרבסטטאָג פון איין־און־פערציקסטן יאָר, ווען ער איז געגאַנגען מיט דער קאָלאָנע צו די שוצגראָבנס — צום טויט.

באַם אויוון לעבן שטיבל, ווּ איך האָב אַמאָל געוווינט, זײַנען געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ פרוי און געקאָכט באַקלאַזשאַנעס. דאָס פּאָרפאָלק איז געווען אַזוי פאַרטאָן, אַז זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי איך בין צוגעגאַנגען. דער מאַן איז אַ פאַרפּאַליעטער געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דער שיסל און געמישט מיט אַ גרויסן הילצערנעם לעפל. די פרוי האָט פלײַסיק געגרייט אַ גאַנצע באַטאַריי טעפּ און סלוייִקעס: געוואַשן, געווישט, געשטעלט טריקענען. דאָס נײַע הויז האָט אויסגעזען אַ ביסל גרעסער פון מײַן פריִערדיקן. דער אַלטער לינדנבוים האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָענט צו דער ווערענדע, און קעדײַ ניט אויסהאַקן אים, האָט מען די קרוין געמוזט דורכלאָזן דורכן דעכל, אין אַ ספּעציעל אויסגעשניטענעם כאָלעל. איך האָב

אזא בענימעסדיקער שטילער מענטש זאָל קאָנען כאַפּן פאַר דער האַנט א גאַנעוו, אופדעקן פאַרשווענדונגען, שווינדלערײַען. אָבער לויט די געשפּרעכן, וואָס מיר איז נעכטן אויסגעקומען צו הערן, ענדיקט זיך קימאַט יעדע קאָמאַנדירונג זײַנע דערמיט, וואָס עס ווערן אָפּגעשיקט אין די ווײַטע מעקוימעס אייניקע לײַט, וועלכע האָבן געלעבט צו ברייט אפן מעלוכישן כעזשבן.

נאָכן רעוויזאָר האָט גענומען מאַכן גימנאַסטיק דער „טאָלקאַטש". אין א מײַקע און אין טרוסיקעס, וועלכע ער האָט פון צײַט צו צײַט אונטערגעהאַלטן מיט א פּאָר פינגער, איז ער אימפּעטפול געשפּרונגען פון טיש צו דער טיר און צוריק. פון זײַן טופּערײַ האָט אַלץ ארום זיך געטרייסלט, בעסויכאָם אויך מײַן בעטל. אינגיכן האָט ער זיך אויסגעוואַשן און זיך גענומען וואַשן, ראַזירן. צום סאָף האָט ער אופגעהויבן די פילצענע הוט, וואָס איז בײַם די גימנאַסטישע איבונגען אַראָפּגעפאַלן פון שאַפע, א פּאָכע געטאָן צו אונדז פון דער שוועל און איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר.

איך האָב זיך אויך אָנגעטאָן און בין ארויס אַף דער גאַס. אווטאָבוסן מיטן שילדל „יוזשסטאַל" זײַנען געגאַנגען איינער נאָכן צווייטן. אין א פערטל שאָ ארום בין איך שוין געווען באַם זאַוואָד. אַף זײַן טויער איז אויסגעהאַקט א ציפער 1932 — דאָס יאָר, ווען מע האָט אָנגעצונדן די ערשטע דאָמנע. איך באַקום א דורכלאָז-שײַן — אָן אַלט באַקאַנט קליין האַרט קאַרשאָנדל מיט א סאַך לעכעלעך (ביז הײַנטיקן טאָג ווייס איך ניט, צו וואָס דאַרף מען זיי...)

ווי א יִנגל פון א האַנטווערק-שול, קוק איך פאַרגאַפט אין די זײַטן, הער ניט דאָס פּײַפערײַ פון די לאָקאָמאָטיוון. אַלץ איז דאָ נײַ, אופגעבויט און אופגעשטעלט נאָך דער מילכאָמע. מיר דוכט, אפילע די רעלסן, וואָס שנײַדן דורך דעם זאַוואָדישן הויף אין דער לענג און אין דער ברייט, זײַנען אויך נײַע.

איך גיי איבערן שמאָלן אַספּאַלטירטן טראָטואַר פאַרבײַ דעם דאָמנע-צעך. זעקס דאָמנעס, איינע יִנגער פון דער צווייטער אַף א יאָר-אַנדערהאַלבן. די „זעקסטע, קאָמיוגישע" איז אַלט סאַכאַקל צוויי וואָכן. זי האָט נאָך ניט באַוויזן זיך צו פאַררייכערן און גלאַנצט מיט פרישער פאַרב. אַנטקעגן די דאָמנעס שטייט דער מאַרטען-צעך.

עס איז נאָך געווען פרי. ביזן אָנהייב פון דער באַראַטונג האָב איך געהאַט גענוג צײַט, בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו די שטאָלגיסער.

דורך די צעעפנטע טויערן האָט קאַרגלעך אַרײַנגעזיפּט זיך די מאַגיקע שײַן און באַלויכטן נאָר דעם פאָדערשטן טייל פונעם צעך. דער צווייטער עק האָט זיך מעמושטעשדיק ארויסגעזען פון הינטער די וואַגאָנעס מיט שיכטע. דער גאַנצער גיגאַנטישער „מיטן" פונעם צעך איז באַלויכטן געווען פון פײַערדיקע צינגער, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרטן ארויסגעריסן פון די אויוונס.

איך בין געגאַנגען איבערן צעך און ניט געוווּסט, אז איך וועל דאָ באַלד האָבן א רירנדיקע באַגעגעניש מיט מײַן געוועזענעם שעף — וויקטאָר פּעטראָוויטש אַלכאָוואָי, וואָס האָט אמאָל אזוי פילבאַר צו מיר זיך באַצויגן. איך האָב אים דערזען לעבן דעם לעצטן, צוועלפטן אויוון. ער האָט געשמועסט מיטן שטאָלגיסער. אין דער ערשטער מינוט האָט מיך גענומען א סאָפעק, צי איז עס טאַקע ער, מײַן אַלטער באַקאַנטער. ער האָט געטראָגן שוואַרצע ברילן — ניט קיין „שוץ-ברילן", וועלכע עס טראָגן דאָ אַלע אין צעך, נאָר מיט „נאָרמאַלע" ביינערנע „האָלאָבליעס". אָן עלטערע פרוי, מיט קישעלעך אונטער די אויגן און איידעלע בלאַסלעכע באַקן, האָט אים געהאַלטן פעסט אונטער דער האַנט, ווײַזט אויס, מוירע געהאַט אָפּצולאָזן אים אַף א שפּאַן.

„וויקטאָר פּעטראָוויטש!" — האָב איך א זאָג געטאָן שטיל. ער האָט האַסטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר. איך האָב אָנגערופן מײַן נאָמען, נאָר ער האָט מיך ניט געדענקט. א סאַך מענטשן האָבן געאַרבעט אין וואַלץ-צעך, אַלעמען פאַרגעדענקען איז ניט שײַעך. האָב איך אים דערמאָנט די קאָטשערע, מיט וועלכער איך בין געשטאַנען בײַ דער „מאָטאַלקע". ער האָט זיך צעשמייכלט. זײַן האַנט האָט בלאָנדזשענדיק אויסגעשטרעקט זיך צו מײַנער און איך האָב זי פעסט א דריק געטאָן.

— א-א, איך געדענק, — האָט געזאָגט וויקטאָר פּעטראָוויטש, — כ׳געדענק אויך אײַער קראַן-מאַשיניסטן... — און לויט דעם, ווי ער איז מיטאַמאָל אַנשווויגן געוואָרן, האָב איך פאַרשטאַנען, אז ער ווייסט וועגן איר אומקום. — דערציילט, וואָס הערט זיך בײַ אײַך? — האָט ער געפרעגט אין א ווײַלע ארום. — איך האָב געהערט, אז איר אַרבעט אין מאָסקווע, אין א וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישן אינסטיטוט...

איך האָב דערציילט אינקורצן וועגן זיך.

— מיט מיר, ווי איר זעט, האָט געטראָפן א ביטערע מײַסע, — האָט וויקטאָר פּעטראָוויטש געזאָגט, אָנבייגנדיק עטוואָס דעם קאָפּ. — כ׳בין געווען בײַ פילאַטאָוון, און אין העלמהאָלצס קליניק אין מאָסקווע, די גרעסטע פּראָפעסאָרן האָבן זיך מיט מיר פאַרנומען, נאָר גאַרניט געקאָנט העלפן. אויסגעברענט ביזן דעק... מיט אָט דעם-אָ פּײַערל, — האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פונעם הורענדיקן אויוון.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, וויאַזוי די טרויעריקע געשיכטע איז געשען. אינעם וואַלץ-צעך איז געווען אָן עקסקורסיע פון שילער. א מיידל האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע און איז נאָענט צוגעגאַנגען צום וואַלץ-געשטעל. גראָד אין דער מינוט האָט זיך פונעם געשטעל ארויסגעריסן א בינטל פונקען, וואָס זײַנען געפלויגן גלײַך אַף איר. וויקטאָר פּעטראָוויטש איז צוגעלאָפן, א שלעפּ געטאָן די שילערן אין א זײַט. בײַסמײַסע האָט אים אַליין א ברי געטאָן אין ביידע אויגן. ער איז לאַנג דערנאָך געלעגן אין שפּיטאָלן, א שטיק צײַט אפילע אַרײַנגעפאַלן אין יִיעש, נאָר גיווער געוואָרן זיך. וויקטאָר פּעטראָוויטש קומט איצט אָפּט אין זאַוואָד מיט זײַן פרוי יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, ער פירט דורך עקספּערימענטאַלע שמעלצונגען...

— איר זײַט באַקאַנט מיט דער קערטשער פּראָבלעם? — האָט ער אומגעריכט געפרעגט בײַ מיר.

די „קערטשער פּראָבלעם"! עס איז מיסטאָמע ניטאָ קיין איין מעטאַלורג אַפן דאָרעם פון אונדזער לאַנד, וואָס זאָל ניט זײַן מיט איר באַקאַנט. זאָל נאָר דער אָדער יענער אַספּיראַנט זיך ווענדן צום דירעקטאָר אָדער הויפּט-אינזשעניער פונעם זאַוואָד מיט א ביטע העלפן אים אונטערקלײַבן א טעמע פאַר א דיסערטאַציע, וועלן יענע אים טייקעף, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, אייציענען:

— נעמט די קערטשער פּראָבלעם... זי איז גענוג וויכטיק, מע זאָל מיט איר אַרײַן אין די טעמפּלען פון דער וויסנשאַפט...

— מיך פרייט זייער, — האָט וויקטאָר פּעטראָוויטש זיך אָנגערופן, דערהערנדיק, אז איך בין מיט דער פּראָבלעם באַקאַנט. — איך וועל אײַך בעטן, אז איר וועט זיך אומקערן קיין מאָסקווע, אַרײַנגיין אין דער לענין-ביבליאָטעק אָדער אין דער טעכנישער... עפּשער וועט זיך אײַך אײַנגעבן צו געפינען דעם בוך „מאַרטען-רעלסן אַף דער באַזע פון קערטשער אַרץ" און נאָך אייניקע ביכער...

מיט פאַרגעניגן האָב איך זיך אונטערגענומען אויספילן די קליינע ביטע זײַנע. האַרציק געזעגנט זיך מיט אים און מיט זײַן פרוי, בין איך ארויס פון צעך.

ס׳איז שוין געווען בײַ צען אזייגער. אינעם סקווערל לעבן דער זאַוואָד-פאַרוואַלטונג האָט זיך צוזאַמענגעקליבן א היפּשער אוילעם, דער וועטער איז געווען א זוניקער, אָנ א ווינט. די אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג זײַנען געזעסן אַף די גרינע בענק און שטיל געשמועסט צווישן זיך. עס האָט זיך געדוכט, אז מען איז געקומען זיך אָפּרוען אונטער די פאַרשטויבטע געלבלעכע ביימלעך. נאָר אָט האָט דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד שעוואָליאַגין גענומען מיט צוויי פינגער פון דער לינקער האַנט דאָס שול-גלעקל. גרופּעסווײַז און איינציקווײַז האָט מען אָנגעהויבן אַרײַנגיין אינעם גערוימען זאַל.

עס האָבן זיך פאַרזאַמלט פאָרשטייער פון אַריבער צוואַנציק „פּאָדריאַד"-אָרגאַניזאַציעס, אינזשעניער-ספּעציאַליסטן און הויכקוואַליפיצירטע אַרבעטער. א שעפּטשע זיך געטאָן מיטן הויפּט-אינזשעניער, וואָס איז געזעסן לעבן אים אין פּרעזידיום, האָט ניקאָלײַ סטעפּאַנאָוויטש שעוואָליאַגין נאָכאַמאָל א קוק געגעבן אַפן אוילעם און שטיל, קימאַט ווי פאַר זיך, אָנגעהויבן זײַן רעדע. זייער גיך איז די שטים בײַ אים געוואָרן פעסטער. ער האָט גערעדט וועגן ליקווידירן אין מעשעך פון די נאָענטסטע צוויי-דרײַ יאָר די שווערע פיזישע אַרבעט אין „יוזשסטאַל".

דער וויכטיקסטער „פּאָדריאַדטשיק" — דער הויפּט-אינזשעניער פונעם פּראָיעקטן-אינסטיטוט, האָט פּונקט נאָך פּונקט פאָרגעלייענט דעם אַרבעטס-פּלאַן, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אַף א העקטאָגראַף און וועלכן מיר אַלע האָבן געהאַט בײַ זיך. געלייענט האָט ער אים אומדײַטלעך, מאָנאָטאָן. ניקאָלײַ סטעפּאַנאָוויטש האָט איידל צוגענומען בײַ אים דעם פּלאַן און אַליין אָנגעהויבן פאָרלייענען. אונדזער אינסטיטוט האָט געקראָגן א וויכטיקע אופגאַבע — אווטאָמאַטיזירן דעם וואָג-וואַגאָן, און כוץ דעם — נאָך דרײַ קלענערע אַרבעטן, וואָס איינע פון זיי — „קאַנטעוועןן" די רעלסן — וועט קיין מאַטעריעלע נוצן דעם זאַוואָד ניט ברענגען. די אַרבעט פון איבערקערעווען די רעלסן פון זײַט אַף זײַט איז אין אַמעריקע ביז איצט א האַנט-אַרבעט. דער זאַוואָד „יוזשסטאַל" האָט באַשלאָסן צו מעכאַניזירן אָט דעם פּראָצעס. דאָס וועט באַפרײַען פון שווערער פיזישער מי זעקס אַרבעטער.

אינעם זאַל איז געזעסן דער „כאָסן", וועלכן איך האָב געזען לעבן „דערזשפּאָטאַ", און ווידעראַמאָל האָט ער בײַ מיר ארויסגערופן אַן אומפּרײַנטלעך געפיל, כאָטש שוין ניט אזוי שטאַרק, ווי נעכטן. א פּאָר מאָל האָט ער זיך אופגעהויבן פון אָרט און אַרײַנגעטראָגן גאַנץ זאַכלעכע פאָרשלאָגן. בײַ מײַן שאַכן האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער איז שעף פון דער זאַוואָדישער וואַלץ-לאַבאָראַטאָריע.

נאָך דער זיצונג האָבן מיר אָפּגעגעסן א געשמאַקן מיטיק אין דער זאַוואָדישער גאָרקיך און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אין די סעקציעס און גרופּעס, מען איז זיך צעגאַנגען איבער פאַרשיידענע צעכן. אונדזער גרופּע פון פינף מענטשן איז אַוועק אין רעלסן-צעך. דורכגעגאַנגען דורכן שמאָלן ברײַנדיקן קאָרידאָרל צווישן וואַלץ-געשטעל און די שטאַבעלן ניט-אָפּגעקילטע רעלסן, זײַנען מיר אַרײַן אינעם פּוסטן „קאַבינעט" פונעם עלטערן מײַסטער, אָדער, ווי מע רופט אים דאָ לויט דער אַלטער געוווינהײַט, אָבערמײַסטער.

איך האָב ליב די דאָזיקע פּראָסטע „קאַבינעטן" פון דער „צעך-נאַטשאַלסטווע", ווו אָנשטאָט שטולן שטייט געוויינלעך א לאַנגע שמאָלע באַנק, און אַפן טיש ליגן צייכענונגען, סכעמעס און גראַפיקעס מיט שוואַרצע פינגער-פלעקן אַף זיי. אומזיסט קלינגט דער טעלעפאָן — דער מײַסטער איז קיינמאָל ניטאָ אַפן אָרט און קיינער נעמט ניט דאָס טרײַבל.

פיר מענטשן אין אונדזער גרופּע זײַנען היגע, מיטאַרבעטער פון זאַוואָד. איך איינער בין א „פרעמדער". א קורצע צײַט איז מיט אונדז געזעסן א קיִעווער שרײַבער. ער האָט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט, צי האָבן מיר ניט קיין קאָנפליקטן. ער דאַרף א קאָנפליקט פאַר זײַן קאָמעדיקן ווערק.

## 3 סענטיאבער.

אז מע האלט שוין בא די פופציקער, טוט זיך צומאָל ניט ווילנדיק א טראכט וועגן טויט. ווי ווײַט איז ער נאָך, דער אומגעבעטענער גאסט? ער לאָזט אונדז גריסן מיט א מיקראָ-אינסולטל, מיט אן אָפטן גריבלען זיך אין די אלטע וווּנדן. און ס'איז מיסטאמע ניטאָ אזא מענטש, וואָס זאָל ניט וועלן שטארבן בא זיך אין דער היים און געפינען זײַן רו לעבן די קוואָרים פון די אייגענע. וואָס איז דאָס פאר א קישעף-וואָרט „היים", „היימלאנד", וואָס מיר טראָגן עס דורך דורכן גאנצן לעבן אונדזערן? די דיכטער פארגלײַכן עס מיט דער מוטער, וואָס האָט אונדז געבוירן, אויסגעהאָדעוועט און ארויסגעפירט אין לעבן ארײַן. פונעם ערשטן ביזן לעצטן אָטעם טיילן מיר מיטן היימלאנד אלע פריידן און ליידן.

אין א פרײַער מינוט ציט מיך אף „מײַן" גאס. פונוואנען נעמען זיך אזעלכע סענטימענטן בא א באיאָרטן מאן, א סאָלידן אינזשעניער? פארוואָס ווילט זיך מיר אזוי דורכגיין פארבײַ אונדזער הויף, א קוק טאָן אף דער וואסער-קאָלאָנקע, זען דעם אלטן לינדנבוים? הײַנט האָב איך זיך נאָכאמאָל איבערצײַגט, אז ניט איך איינער בין אזא.

גייענדיק איבער דער גאס, האָב איך באגעגנט א מענטשן, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זײַן באקאנט. ער האָט א פארווינטיקט פּאָנעם פון אן אלטן באלמעלאָכע, וועמען עס קומט אָפּט אויס צו ארבעטן אין דרויסן, מיט א הויט הארט, ווי לעדער. נאָר כיט געקוקט אף די סימאָנים, וועלכע עס האָט אף אים ארופגעלייגט די צײַט, האָב איך אופגעכאפּט א פּאָר שטריכן, וואָס איך האָב נאָך, דוכט זיך, געזען אין מײַן קינדהײַט אָדער יוגנט. אין זײַנע אויגן האָב איך באמערקט יענץ פײַערל, וואָס ברענט דאָס גאנצע לעבן א ביסל מיט אן אומעט, א ביסל מיט א שפּאָטישן שמייכל, אָבער מער פון אלץ מיט האָפענונג. צו מײַן פארוווּנדערונג האָב איך זיך דערמאָנט אפילע זײַן נאָמען. מע רופט אים הירשל גוטים. מיך געדענקט ער שוואך, נאָר לויט זײַנע רייד נאָך האָט ער געקענט גוט מײַנע עלטערן.

— ווי לעבט זיך? — האָב איך געפרעגט בא אים.

אָנשטאָט אן ענטפער האָט ער מיך געבעטן זיך צוזעצן אף דער באנק לעבן זײַן שטיבל, וואָס גייט ארויס מיט צוויי פענצטער אף דער גאס. ער האָט א הוסט געטאָן איין מאָל, א צווייט מאָל, און לויט אָט דעם פּאוואָליעדיקן אויסהוסטן זיך האָב איך פארשטאנען, אז דער מענטש האָט פײַנט אָפּצוקומען מיט איין וואָרט.

— אײַך איז באקאנט דאָס אלטע לידל „גדיע עטא אוליצא, גדיע עטאָט דאָם?" — האָט ער טרויעריקלעך א שמייכל געטאָן. — ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אהער נאָך דער באפרײַונג פון דער שטאָט, האָבן מיר ניט געפונען ניט קיין גאס און ניט קיין שטוב. בלויז די שטיינער פון ברוק זײַנען געבליבן, און יעדער שטיין האָט געבריט דעם טראָט, יעדעם גרעזעלע, וואָס האָט ארויסגעשפּראָצט פון אונטער די כורוועס, איז געווען דורכגעזאפּט מיט בלוט. צום אלטן בעסוילעם איז צוגעקומען א נײַער. פאר איין טאָג האָט מען דאָרטן אומגעבראכט אזויפיל מענטשן, וויפל מע האָט ניט מעקאבער געווען אפן אלטן פאר די הונדערט יאָר, זינט עס שטייט די שטאָט. „אָקאָפּעס" — רופט זיך דער גרויסער ברודער-קייווער. אייגנטלעך, זײַנען דאָס ניט קיין שוצגראָבנס, נאָר ס'איז א קעגנטאנקען-ריוו, וואָס די באפעלקערונג האָט אויסגעגראָבן אף צו באשיצן די שטאָט. די היטלעריסטן האָבן ארויסגעזעצט דעסאנטן פון דער לופט און פון יאם, אָפּגעשניטן אלע וועגן, און די מענטשן, וואָס האָבן ניט באוויזן צו עוואָקוירן זיך, האָבן אינגיכן פארפולט דעם דאָזיקן ריוו מיט זייערע קערפּערס...

גוטים איז אף א ווײַלע אנשוויגן געוואָרן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און א קוק געטאָן פריער אין איין פענצטער פון זײַן שטיבל, דערנאָך אינעם צווייטן, ווי ער וואָלט וועלן זיך איבערצײַגן, אז קיינער הערט ניט אונטער.

— געווען בין איך דאן נאָך יונג, — האָט ער פארגעזעצט, שוין ניט ארײַנקוקנדיק, ווי פריער, מיר אין פּאָנעם, — איך בין געווען יִנגער אף זעכצן יאָר... איצט בין איך נאָך אויך ניט קיין זאָקן, ביז פּענסיע איז נאָך ווײַטלעך, און גרויע האָר זײַנען הײַנטיקע צײַטן ניט קיין באווײַז פון אלטקײַט...

איז אָט, איך דערמאָן זיך איצט די צײַט, ווען כ'האָב זיך אָקאָרשט אומגעקערט אהיים, דאָס הייסט אף דער קופּע מיסט, וואָס איז געבליבן פון דער היים. קוים באוויזן צו זײַן אף קייווער-אָוועס, אף די „אָקאָפּעס", ווו עס זײַנען אומגעקומען אלע אייגענע און נאָענטע, — און וואָס זשע מיינט איר?

עס גייט דורך א כוידעש-צוויי, אפן הארצן איז שוין ניט נאָר צאָרעס און פּײַן — עס האָט זיך דאָרטן געעפנט עפּעס א ליכטיק שפּארונקעלע. איך גיי ארום און באמערק גאָר ניט, ווי איך מורמל דאָס לידל „גדיע עטא אוליצא, גדיע עטאָט דאָם?"... אייניקע מאָל פארגעס איך אפילע, ווו איך בין אף דער וועלט, און הייב אָן זינגען קימאט אף א קאָל. דורכגייער קוקן מיך פארוווּנדערט אָן, נאָר מיך אַרט עס ניט. אין דער זעמליאנקע, וואָס מע האָט געמאכט אפן אָרט פון אן אופגעריסן הויז, האָט צײַטווײַליק זיך באזעצט גיטע פּרילוצקי מיט איר נײַנצניאָריקער טאָכטער צירל — דאָס איינציקע אף אונדזער גאס יִדישע מיידל, וואָס איז געבליבן לעבן. מיר דוכט, ווען ס'וואָלטן געלעבט אלע טויזנטער מיידלעך, וועלכע זײַנען אומגעבראכט געוואָרן, וואָלט איך אלציינס אויסגעקליבן זי, צירלען...

איך בין געוואָרן אן אָפטער ארײַנגייער אין דער זעמליאנקע. אזוי לאנג, ביז צירלס מאמע האָט ניט אויסגעהאלטן און שוין אליין געפרעגט, פארוואָס שווײַג איך. דעמלט האָב איך איר ווי-עס-איז געענטפערט, און זי האָט מיך



ארומגעכאפּט, דערנאָך ארומגענומען די טאָכטער, און, באגיסנדיק זיך מיט טרערן, אונדז געווונטשן מאזלבראָכע...

אף דער כאסענע זײַנען געווען פארבעטן: פון מײַן צאד סטאָליערס און טעסלערס פון „יוזשכטאלסטראָי", פון איר צאד — סעקרעטארשעס און מאשיניסטקעס. צירל האָט דאן געארבעט אלס מאשיניסטקע אין זאוואָד. דעם עמעס געזאָגט, האָבן מיר געוואָלט מאכן א שטילע כאסענע, נאָר דאָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. אין די מאגייפע-יאָרן האָבן מענטשן געזען נאָר לעווײַעס, האָבן זיי זיך אויסגעבענקט נאָך א כאסענע, ווי מע בענקט זיך אוים אין א טריקעניש-יאָר נאָך א רעגן. דאָס איז געווען די ערשטע כאסענע אף אונדזער רוּינירטער גאס.

גוטים האָט ארויסגענומען א סיגארעטל, א דריי געטאָן דעם שפּיץ צווישן די פינגער און שוין פון לעבאטכילע א ביסל זיך פארהוסט.

— נאָך דער כאסענע האָב איך געשלאָסן שוטפעס מיטן זייגערמאכער גדאליע באָקסערמאן און אָנגעהויבן בויען א שטוב. מיר א צימער, אים א צימער און אן אלגעמיינע קיך. הענט האָב איך, ניט צו פארזינדיקן. כוץ דעם, וואָס איך בין א סטאָליער, בין איך נאָך א שטיקל מולער, און א בלעכער, און א גלעזער. אלץ האָב איך געמײַסטרעוועט אליין. ווען מע האָט געדארפט אונטערהאלטן א קלאָץ, אוועקשטעלן זי אפן אָרט, האָבן מיר געהאָלפן גדאליע און מײַן ווײַבל. נאָר גדאליע איז געווען שוואך אין געזונט, אָשווענטשים האָט אויסגעזויגן בא אים די קויכעס, און צירלען האָב איך אינגיכן פון דער ארבעט אינגאנצן באזײַטיקט... ניט באוויזן ארומקוקן זיך און — שוין, פארטיק... זי האָט מיר אָנגעזאָגט די גליקלעכע פּסורע...

דערהערט אזא נײַס, האָב איך זיך געגעבן דאָס וואָרט: איידער נאָך עס וועט געבוירן ווערן אונדזער יוירעש, דארף שוין דאָס שטיבל זײַן אויסגעבויט. איך האָב געארבעט דורך די נעכט, בא דער שײַן פונעם גאס-לאמטערן. ווען איך בין צוגעקומען צו די סטריכעס, איז בא מיר געווען א גאנצער יאָמטעוו. ארומנייען דעם דאך און אנדערע קלייניקײַטן איז שוין א שפּײַ. כאָטש אליין בין איך א סטאָליער, נאָר איך דארף אײַך זאָגן, אז דאָס סאמע אָנגענעמע באם בויען איז דעקן דעם דאך. דו שטייסט זיך אין דער הייך, באנוצסט זיך דערמיט, וואָס קיינער הערט ניט, ווי דײַן שטים פאלשעוועט, און זינגסט זיך מיט האנאָע א לידל. מיטאמאָל דערהערט זיך גדאליעס קאָל, גלײַך ער וואָלט מיר אויסגעשאָסן אין סאמע אויער ארײַן:

— קריכט גיכער אראָפּ! אײַער ווײַב איז געוואָרן ניט-גוט!

דעם עמעס געזאָגט, בין איך ניט איבעריקס געווען צופרידן מיט מײַן שוטעף. אף דער גאנצער גאס, מעגלעך אפילע אין דער גאנצער שטאָט האָט מען ניט געקאָנט געפינען אזא מאָרעשכוירעניק, ווי גדאליע באָקסערמאן. אלע האָבן מיר מילכאָמע-צײַט געגוג אָנגעבידעוועט זיך, נאָר ער, אינעם טויטן-לאגער, האָט איבערגעלעבט נאָך מער. פאר זײַנע אויגן זײַנען שטענדיק געשטאנען די אויוונס פון אָשווענטשים. אין זײַנע אויערן האָבן קעסיידער געהערט זיך געשרייען. א שטיק צײַט איז ער אין לאגער געווען אין דער קאָמאנדע באגרעבער, ער האָט געזאָלט פארברענט ווערן צווישן די לעצטע.

דער רייעך פון טויט האָט בא גדאליען פארטריבן אלע רייכעס פון לעבן. אין זײַן לאָשן זײַנען פארבליבן נאָר די ווערטער: „צאָרעס", „אומגליק", „טויט". די שטוב האָט ער אויך געבויט צוליב דעם, קעדיי גיכער ארײַנקריכן צו זיך אין כיידערל, עלנט פארברענגען די פרײַע צײַט נאָך דער ארבעט און מאטערן זיך אין די לאנגע שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט געהאט צו טאָן מיט זייגערס, נאָר די צײַט האָט ער ניט געוווּסט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט בא אים. אין זײַן אָנוועזנהײַט האָט מען ניט געטאָרט געבן קיין שמייכל, זאָגן א וויץ. „שוין פארגעסן?" „אלץ פארגעסן?" — פלעגט ער ביין א בורטשע טאָן, קוקנדיק מיט פארנעפּלטע אויגן פון אונטערן גרויסן דאשעק, וואָס איז שטענדיק געווען אזוי נידעריק אראָפּגערוקט, אז מע האָט ניט געזען דאָס פּאָנעם.

גדאליע איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען אף מײַן כאסענע. „אף סימכעס בין איך ניט קיין מעכוטן", — האָט ער זיך אָפּגעדרייט פון מיר. און איצט דארף גראָד טאקע ער, גדאליע, אָנזאָגן די פּסורע, אז צירלען איז געוואָרן שלעכט. אין זײַן מויל האָט די נײַס געקלונגען, ווי א גרוס פונעם מאלכאמאָוועס. דאָס בלוט האָט בא מיר גענומען קלאפּן אין די שלייפן און עס האָט זיך מיר פארדרייט דער קאָפּ. ניט טויט, ניט לעבעדיק בין איך אראָפּ פון דאך און ארײַנגעלאָפן אין שטוב... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?.. איצט, אז מיר איז שוין אויסגעקומען ניט איין מאָל, נאָר גאנצע דרײַ מאָל אָפּפירן צירלען אין ראָדילניע, ווייס איך גוט, אז ס'איז ניט אזוי שרעקלעך... ווען דאָס ווײַבל זאָגט „אוי", פאל איך ניט אין כאלאָשעס, — איך נעם א טאקסי און מיר פאָרן לויטן באקאנטן אדרעס צום הויז מיטן שילד „ראָדדאָם". נאָר דעמלט, צום ערשטן מאָל, ווען איך האָב זי דערזען, ווי זי קאָרטשעט זיך פון ווייטעק, ווי דאָס פּאָנעם ברענט, די אויגן — צוויי מאָל אזוי גרויס, האָב איך זיך איבערגעשראָקן ניט אף קאטאָוועס.

— וואָס זשע שטייסטו, קונעלעמל? — האָט זי א זאָג געטאָן. — פיר מיך.

דערהערט „קונעלעמל" איז מיר א ביסל אָפּגעגאנגען דאָס הארץ. ווען איך טו עפּעס ניט ווי מע באדארף, רופט זי מיך קונעלעמל. נו, טראכט איך מיר, ווײַבאלד זי האָט נאָך קויעך רופן מיך מיטן צונאָמען, איז ניט געפערלעך.

אפן אנדערן טאָג שפּעט באנאכט האָט מען מיך אין „ראָדדאָם" באגריסט מיט א זון... איך דערצייל אײַך עס אלץ דערעכאגעוו... ניט דאָס איז דער איקער און ניט דאָס וויל איך זאָגן. איר

האט געדארפט זיין, ווען איך האב זיך באוויזן אף אונדזער גאס מיט מיין געזינדל. דער פורמאן האט געפירט דאס פערדל באם צוימל, איך בין געזעסן פון פארנט אף די קאזלעס, און צירל מיטן אייפעלע אפן הויכן, ווייך אונטערגעשפרייטן הינטערשטן בענקל. דער בענאק האט גאנץ פיין געליארעמט, ווי ער וואלט באשלאסן מוידיע זיין דער גאנצער שטאט, אז עס איז צוגעקומען נאך א היגער בירגער. מיר זיינען ארויס פונעם פאעטאן און אוועק צופוס. געטראגן דאס קינד, פארשטייט זיך, האב איך. מיט יעדער מינוט האט מען אלץ מער געקוקט אף אונדז. די פארזיצערן פון גאס-קאמיטעט, אן עלטערע רוסישע פרוי, האט גענומען צירלען פאר דער האנט און א שטיק וועג געגאנגען מיט איר באנאנד. דער לערער פון אוקראאיניש, בא וועמען איך פלעג אמאל אפט כאפן א „צוויי" אדער א „דריי", האט צום ערשטן מאל אף זיין לעבן מיך א לויב געטאן:

— עפעס וואס באקומט זיך בא אייך אף א „פינף", באוועל גוטים, — האט ער א גלעט געטאן זיינע געדיכטע וואנצעס.

מיט וואס איז געווען צו פארגלייכן מיין פרייד, מיין גליק! אין איין טאג האב איך פארלוירן אלע אייגענע, אלע ברידער און שוועסטער, איצט האב איך געטראגן אף די הענט א ניי לעבן...

נאר מיין פרייד איז שיר ניט פארשטערט געווארן. א פאר צענדליק טריט פון דער שטוב איז אונדז אנטקעגנגעקומען גדאליע. איך דארף אייך זאגן, אז איך גלייב ניט אין זאבאבאנעס, שרעק מיך ניט פאר קיין שווארצע קעץ, ליידיקע עמערס, האלט ניט פון קיין שלעכטאויג. איך האב נאר ניט ליב געהאט, ווען עס גייט מיר איבער דעם וועג גדאליע. דאס הארץ האט א פיאכקע געטאן, איך האב א צי געגעבן צירלען פארן ארבל, זי זאל זיך אפרוקן אין א זייט און אויסמיידן די מארעשכוירע. אבער גדאליע איז געגאנגען גלייך אף אונדז. דער דאשעק פון זיין היטל איז געווען אופגעהויבן עטוואס העכער פונעם ווייטן איינגעקארבטן פאס אפן שטערן. געוויינלעך איז דער דאשעק בא אים אראפגעלאזט נידעריקער, עס האט זיך גוט געזען דאס גריבעלע אויבן בא דער נאז, צווישן די צונויפגעוואקסענע ברעמען, — דאס סאמע פינצטערע ארט אף זיין פנים. ניט ארויסזאגנדיק קיין אייןווארט, האט ער אומגעריכט, מיינס-באלעבאס, מיט א פעסטער האנט פארהויבן דעם אייבערשטן עק פונעם קאלדרעכל און דורכגענומען דאס אייפעלע מיט א שארפן בליק. בא מיר איז אינעווייניק אלץ פארקילט געווארן.... נאר... די ליפעלעך באם קינד האבן זיך צעגומען און עס האט זיך באוויזן אף זיי א סימען פון א שמייכל. צירל האט א געשריי געטאן צו גדאליען:

— זעט נאר, דאפקע צו אייך!..

און דאן האב איך דערזען — אויך צום ערשטן מאל — עפעס ענלעכס אף א שמייכל אף די טרוקענע, בלוילעכע ליפן גדאליעס. מיר



האט זיך אויסגעוויזן, אז דער זייגערמאכער האט ארייננגעשטעלט אין זיין אייגענעם אלטן, אפגעבליאקעוועטן זייגער א נייעם ציפערבלאט און עס האט גאר אנדערש א לויכט געטאן די גאנצע מאשינעריע...

פארמאטערט פון א סאך ריידן, איז גוטים אנשוויגן געווארן. קאלזמאן מיר זיינען געזעסן, איז דער שאטן פון אונדזער באנק געווארן צוויי מאל לענגער און האט דערגרייכט ביזן בוים, וואס איז געשטאנען באם ברעג טראטואר. דער שאטן פונעם בוים האט שוין איבערגעבראכן זיך און ארופגעשפאנט אפן אנטקעגנדיקן פלויט. אף דער גאס האט מען אנגעצונדן עלעקטרע.

— קומט ארייו אין שטוב, — האט מיך גוטים איינגעלאדן.

אין צימער, לעבן איינעם פון די פענצטער, איז געזעסן בא א טישל א וווקסיק יאטל, קענטיק א שילער פון אכטן אדער ניינטן קלאס, און געמאכט די שול-פארגעבונגען. אפן גאנעקל האבן א יינגל מיט א פיצינק מיידעלע עפעס געמיינסטרעוועט.

— וואס מאכט אייער שאכן, — האב איך געפרעגט, דערהערנדיק הינטער דער וואנט עמעצן ריידן. גוטים האט א זיפץ געטאן:

— מיט דריי וואכן צוריק געשטארבן פון א געשווילעכץ... אף דער לעווייע האט מען זיך אפגעשטעלט לעבן זייגער-ווארשטאט, ווו ער האט געארבעט. אין טיפער שטילקייט האט מען געהערט, ווי עס קלאפן די זייגערס—זייער א סאך זייגערס. עס האט געדוכט, זיי באגלייטן אים ארוים אין לעצטן וועג.

...אין האטעל האב איך זיך אומגעקערט שפעט אין אוונט. דער „טאלקאטש" האט אין וועסטיביול געשפילט א פרעפעראנס, די אנדערע שכיינים מיינע זיינען זיך צעגאנגען ווערוווהין. אינעם צימער איז געווען שטיל און איך האב גענומען לייענען רעמארקס ראמאן, וועלכן כ'האב נאך אנגעהויבן אין מאסקווע, — „די צייט צו לעבן און די צייט צו שטארבן". געלייענט ביז צוויי באנאכט. דער איינדרוק — א ווידערשפרעכלעכער. גוט געשריבן, נאר אזא טיפער אומגלויבן אינעם מענטשלעכן לעבן... די העלדן זוכן, ווארפן זיך, שטרעבן, און סאפקאלסאף שטארבן זיי אף אן אומזיניקן אויפן, איבערלאזנדיק נאך זיך פארצווייפלונג און פוסטקייט. בא דעם דאזיקן שרייבער נעמט דער טויט שטענדיק דעם אויבנאן איבערן לעבן. צי איז עס טאקע אזוי אין דער ווירקלעכקייט? אינעם אייביקן געראנגל צווישן טויט און לעבן זיגט דאך דאס לעבן!..

## 4 סענטיאבער.

נאך דער פרימארגן-זיצונג, אף וועלכער מע האט ווייטער באהאנדלט דעם פלאן פון ארבעט, בין איך ארייין אין דער צענטראלער לאבאראטאריע פאר אווטאמאטיזאציע און מעכאניזאציע (פארקירצט רופט מען זי „צלאם"). די פאסטנס פון די מיטארבעטער קלינגען דא מאדנע פארן אויער פון א זאוואד-מענטשן: אינזשעניער-פיזיקער, אינזשעניער-מאטעמאטיקער... טיף אין הארצן וויל איך, אז דער דירעקטאר זאל מיר פארלייגן איבערבלייבן ארבעטן אין „צלאם". וואס שטערט מיר אליין א בעט טאן אים וועגן דעם? ווייזט אויס, דאס ביסל אייגנליבע. עס קאן זיך שאפן אן איינדרוק, אז אין אינסטיטוט בין איך אן איבעריקער, אדער אז איך האב א שווערן כאראקטער, לעב זיך ניט צונויף מיט קיין מענטשן און פלי פון איין ארט אף א צווייטן. נארישקייטן, שטענדיק טראכט איך וועגן דעם, וואס עס וועלן זאגן און קלערן אנדערע... און עפשער האלט מיך גאר אפ ניט דאס?

דא, אין דער היימשטאט, איז מיר ארייין אין קאפ א געדאנק, וואס וועט, ווייזט אויס, מיך שוין ניט פארלאזן, ביז כ'וועל פונדאנען ניט אוועקפארן, — א געדאנק, אז מיין טאכטער לעבט, אז מע האט זי געראטעוועט. אט האט מען דאך געראטעוועט צירלען, הירשל גוטיסעס פרוי, עס האבן זי אויסבאהאלטן פויערטעס פון דער סלאבאדקע.

אין אקטיאבער 1941 איז מיין קינד אלט געווען עטוואס מער פון א יאר; איז דען ניט מעגלעך, אז אין דער לעצטער רעגע זאל זי עמעצער האבן ארויסגעריסן פון די נעגל פונעם טויט? מיט א נייגעריקייט, וואס קאן זיך אויסווייזן צו זיין ניט אנשטענדיק, קוק איך אף יונגע מיידלעך. אינגיכן וועט מען מיך דא האלטן פאר א שטיקל דאן-זשואן. ווו איך זאל ניט זיין, — אין זאוואד, אף דער גאס, אין סקווער, אין אווטאבוס, — דוכט זיך מיר, אז אט וועל איך א דריי טאן דעם קאפ און דערזען מיין טאכטער, און מיר וועלן זיך בײדע דערקענען.

אין שטאטסאוועט האט מען מיר באוויזן א לאנגן צעטל פון אדאפטירטע קינדער. איך האב ארויסגעשריבן די מיידלעך. צווישן די עלטערן, וואס האבן גענומען קינדער אף דערציען, האב איך געפונען דריי פאמיליעס פון מענטשן, וועלכע ארבעטן אין „יוזשסטאל" און זיינען מיר גוט באקאנט. זיי געהערן צו פארשיידענע דוירעס: דער אינזשעניער סאלאוויאוו איז אלט זיבעציק יאר, דער דאמנע-בויער באראבישעוו — בא די פופציק, דער שטאלגיסער ניקאלייי רעוווזין — קוים דרייסיק.

אנגעהויבן האב איך פון רעוווזינען. זיין אדרעס האט מיר, לויט דער קאמפליצירטקייט, דערמאנט די משעריאמושקער אדרעסן אין מאסקווע, ווען מע האט דעם דאזיקן בארימטן ראיאן ערשט אנגעהויבן בויען: אזא און אזא באצירק, אזא און אזא קווארטאל, קארפוס א, ב... אאוו. צום גליק, האב איך ניט לאנג געבלאנדזשעט. א מיידעלע, וואס האט געשפילט אפן טראטואר אין „קלאסן", האט מיר באוויזן דאס הויז און דעם ארייינגאנג.

געעפנט האט מיר רעוווזינס מוטער — ווערא אנדרייעוונא (איר נאמען האב איך שוין געוווסט פון פריער). די ארבל זיינען געווען בא איר פארקאשערט, דער פארטעך אויסגעשמירט, דער קאפ פארבונדן מיט א טיכל. איך האב גלייך פארשטאנען, אז איך בין געקומען ניט צו דער צייט. ווער ווייסט ניט, אז ביים מע ראמט, איז אנגעווארפן און עס איז אן אומארדענונג? פונדעסטוועגן וועט יעדע באלעבאסטע גיכער דריי טעג ניט עסן און ניט טרינקען, איידער אין אזא רומל אופנעמען געסט. „דער טייוול האט דיך איצט אראפגעבראכט" — האב איך איבערגעלייענט אף ווערא אנדרייעוונעס צעהיצט פנים.

— ניקאליי, מען איז געקומען צו דיר, — האט זי א זאג געטאן, פארשטעלנדיק מיטן רוקן דאס קארידארל, פונוואנען עס האבן זיך ארויסגעזען די צעעפנטע טירן. אף דער שוועל האט זיך באוויזן ניקאלייס ברייטפלייציקע פיגור. א פאר רעגעס איז ער געשטאנען און געטראכט, וווהין זיך מיט מיר אהינטאן, דערנאך, עטוואס אונטערהינקענדיק, געלאזן זיך צו דער קיך. ער האט מיר דערציילט, אז מיט עטלעכע מינוט פאר מיין קומען איז מיט אים געשען א קליינע „אווואריע". אראפטאנצנדיק פונעם בענקל, האט ער א ביסל אויסגעלונקען א פוס, נאר איצט פילט ער שוין ניט קיין ווייטעק.

בײדע צוזאמען האבן מיר אראפגענומען דאס געפעס פונעם טישל און זיך אוועקגעזעצט. דער טשייניק אף דער פליטע האט, קימאט ווי אין די ביכער בא דיקענסן, געזונגען א לידל, שאפנדיק א געמיטלעכע שטימונג. דערצו נאך האט מיטאמאל גענומען קלאפן א רעגן איבערן קיך-פענצטער. פון אייביק אן איז באוווסט, אז א שלעכטער וועטער אף דער גאס מאכט היימלעכער דאס געשפרעך אין שטוב...

מיר איז געפעלן געווארן ניקאלייס שטים, צווישן א באריטאן און א באס. אבער ניט קיין אלגעמיינע געשפרעכן האבן מיך איצט אינטערעסירט. איך האב אים געהערט, ווי דורך א כאלעם. איצט, ווען מיר איז שוין אלץ באוווסט, ווילט זיך מיר דאפקע פארשרייבן וועגן ניקאלייען אין מיין טאגבוך. דערנאך וועט מיר זיין אנגענעם צו בלעטערן די דאזיקע זייטלעך און דערמאנען זיך וועגן אונדזער באגעגעניש.

...דעם עלפיאריקן קאליע רעוווזין איז ניט געפעלן געווארן דער סאף פונעם פילם „פראפעסאר מאמלאק". צו יענער צייט האט דאס יינגל שוין באוויזן צו זען „טשאפאיעוו", „שטשארס" און אנדערע קינא-פילמען. אפן עקראן פלעגן צומאל באוויזן ווערן גאנץ טראגישע געשעענישן, אבער דער פינאל אין יעדן פילם איז שטענדיק געווען א גערעכטיקער. טשאפאיעוו קומט אום, נאר א מעכטיקע קאנאנאדע פון אונדזערע הארמאטן צעשמעטערט די סאנים, איידער עס באווייזט זיך אפן עקראן דאס ווארט „סאף". אין „פראפעסאר מאמלאק" איז באגאנגען געווארן איין פארברעכן נאכן צווייטן. פאשיסטן האבן רוינירט און געטייט, געטאן די שרעקלעכסטע מייסים, און — געבליבן אומבאשטראפט, די גערעכטיקייט איז געלעגן א צעטראטענע אונטערן פאשיסטישן שטיוול. דאס יינגל איז ארויס פון קינא א פארוווּנדערטער. אין א קנאפן האלבן יאר ארום האט ער דערזען דייטשישע מאטא-

ציקליסטן אפֿן „פּראָספּעקט רעספּובליקי"... ער האָט אויך דערזען, ווי זיי האָבן אַף דער אַרטיאָם־גאַס דערשאָסן דעם ערשטן סאָוועטישן מענטשן...

ווען מאַלינאָווסקים און טאָלבוכינס מיליטער האָט באַפֿרײַט אָזאָווסק, איז ניקאָלײַען געגאַנגען דאָס פֿערצנטע יאָר. ער האָט זיך ווידער געזעצט אַף דער שול־פּאַרטע אינעם פֿינפֿטן קלאַס. אַלע שילער, אויסער עטלעכע ערשטקלאַסניקעס, זײַנען געווען איבערגעוואַקסענע. ווידער האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט דאָס אַלטע לערנבוך פֿון אַריפֿמעטיק, נאָר די קינדער האָבן שוין ניט ערגער פֿון זייערע לערער געוווּסט דאָס לעבן, און נאָך בעסער האָבן זיי געוווּסט, וויאַזוי עס זעט אויס דער טויט. אין סקווער און אינעם קולטור־פּאַרק זײַנען איצט געווען גרויסע ברודער־קוואָרים. אַף דער קאַרל מאַרקס־גאַס האָט רעוווּזין אויפֿגעהויבן אַ פֿאַרוואַלגערט שילדל, וואָס מע האָט אַראָפּגעריסן פֿון דעם הויז פֿונעם דײַטשישן שעף פֿון זאַוואָד „יוזשסטאַל" „Fried Krupp AC Werk Asow".

...אַ זעכצניאָריק באָכערל איז ניקאָלײַ געקומען אין זאַוואָד. דאָס איז געווען אַ גליקלעכע צײַט, ווען די סוידעס פֿון שטאָלגיסערײַ האָט שוין קיינער ניט געהיט. מע האָט זיי אויסגעזאָגט אַלעמען, ווער נאָר ס'איז געווען נײַגעריק צו וויסן. רעוווּזין האָט פֿאַר איין יאָר דורכגעמאַכט דעם וועג פֿון אַ שוואַרץ־אַרבעטער ביז אַ שטאָלגיסער.

די מאַרטען־אויוונס פֿון „יוזשסטאַל" זײַנען אָריגינעל געמאַכט. אַז עס קומט די צײַט אַרויסלאָזן דעם שלאַק, בייגן זיי זיך אָן און הייבן זיך אָן צו וויגן. די ערשטע צײַט האָט ניקאָלײַ רעוווּזינען זיך אויסגעוויזן, אַז דער אויוון וועט זיך איבערקערן אַף אים. דעם יונג האָט זיך געוואָלט אַנטלויפֿן פֿונדאַנען, ווי פֿון אַ פֿײַערדיקן קראַטער. נאָר אינגיכן האָט ער דערפֿילט, אַז די „אייוועלעך" קענען ניט נאָר בראָטן און ברוען — זיי זײַנען אויך פֿול מיט לעבנס־זאַפּט, זיי נעמען דורך דאָס גאַנצע לײַב און די נשמה מיט אַ וואַרעמקײַט, אָז וועלכער דאָס לעבן האָט שוין דערנאָך קיין טאַם ניט.

...קאָלזמאַן מיר האָבן געשמועסט, האָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט.

— גיי אַרײַן מיטן כאַווער אין צימער, — האָט געזאָגט ווערא אַנדרייעוונא, אַרײַנקוקנדיק צו אונדז, — גענוג שוין צו זיצן אין קיך.

מיר זײַנען אַרײַן אין אַ ריין אויפֿגעראַמטן צימער, וואָס האָט געשמעקט מיט נאָרוואָס אויסגעוואַשענעם דיל און מיט פֿרישע אויסגעפּרעסטע פֿאָרהאַנגען. אין אַ ווינקל זײַנען אַף איינעם פֿון די שטולן געלעגן פֿאָטאָגראַפֿיעס, וועלכע מע האָט בײַם ראַמען, ווײַזט אויס, אַראָפּגענומען פֿון די ווענט. איך האָב געבעטן אַ דערלויבעניש, און מיט געמאַכטן גלײַכגילט גענומען איבערקלײַבן זיי, ביז אין מײַנע הענט האָט זיך ניט באַוויזן אַ פֿאַרביקע פּאָטאָ פֿון אַ מיידל. ווי אַ לעבעדיקע האָט זי מיר אַ קוק געטאָן גלײַך אין די אויגן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, איך הער, ווי מיט אירע עטוואָס צעעפֿנטע ליפּן פֿרעגט זי, צי דערקען איך זי...

— ס'איז מײַן שוועסטער, זי לערנט זיך אין דניעפּראָפּעטראָווסק אין אינסטיטוט, — האָט ניקאָלײַ געזאָגט אַ ביסל פֿאַרוווּנדערט, וואָס איך קוק אַזוי אויפֿמערקזאַם אַף דער פּאָטאָ. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַוועקגעשטעלט די פּאָטאָ אַפֿן טעלעוויזאָר און צוגעשפּאַרט זי צו דער וואַנט. ווען ווערא אַנדרייעוונא איז אַרויס אין צווייטן צימער, בין איך איר נאָכגעגאַנגען און אויג־אַף־אויג מיט איר זיך דורכגעשמועסט. אָט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט:

אין די ערשטע כאָדאָשים פֿון דער מילכאָמע, ווען אָזאָווסק האָבן פֿאַרנומען די דײַטשן, איז אין גרויס נויט געשטאָרבן איר מאַן — אַ שלאָסער פֿון „יוזשסטאַל". ווערא אַנדרייעוונא איז דעמלט געלעגן קראַנק אין אַ ניט־געהייצטן צימער. אין איינעם פֿון די דאָזיקע פֿינצטערע טעג, זי געדענקט ניט פּינקטלעך די דאַטע, נאָר געווען איז עס אין טיפֿן האַרבסט, — האָט זי אַוועקגעשיקט דאָס יינגל פֿאַרקויפֿן אַפֿן „טאָלטשאָק" דעם מאַנס רעקל — איינע פֿון די געציילטע זאַכן, וואָס זײַנען נאָך פֿאַרבליבן אין שטוב.

ווען קאָליע איז אַוועק, האָט זי זיך גענומען באַאומרויִקן און שוין כאַראָטע געהאַט, אַלעמאָל זי האָט אים געלאָזט גיין. מע וועט בײַ אים צונעמען די זאַך און דערצו גוט אָנשלאָגן, אויב ס'וועט ניט געשען נאָך עפּעס ערגערס.

מיט מאַטערניש אַראָפּגעקראָכן פֿון בעט און זיך אָנגעטאָן, איז זי אַרויס אַף דער גאַס און גענומען פּאַוואָלינקע גיין, האַלטנדיק זיך בײַ די פּלויטן, עס זאָל זי ניט אומוואַלגערן דער שטאַרקער ווינט. גייענדיק אַזוי, האָט זי דערזען, ווי פֿון יענעם עק גאַס, פֿון הינטערן קלויסטער, האָט זיך אָנגערוקט אַ מענטשישע מאַסע. עס האָבן זיך דערהערט הייזעריקע געשרייען, אַן אײַנגעהאַלטן געוויין; ווערא אַנדרייעוונא האָט געוואָלט זיך אומקערן צוריק אַהיים, נאָר ס'האָט זיך איר אַזוי פֿאַרדרייט דער קאָפּ, אַז זי האָט ניט געקאָנט מער שטעלן קיין טראָט. לעבן טרעסט „יוזשסטאַלסטראָי" האָט זי זיך, ווי אַן אונטערגעהאַקטע, אַוועקגעזעצט גלײַך אַפֿן טראָטואַר און איז צוגעפֿאַלן מיטן רוקן צו די שטאַכעטן פֿונעם אײַזערנעם טויער. פֿאַר די אויגן האָבן געשווינדלט פֿיס, טויזנטער פֿאָר פֿיס, דערנאָך האָט זיך אַלץ צונויפֿגעמישט און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט איין גרויסן, ריזיקן שטיוול, וואָס שפּאַנט גלײַך אַף איר. מיט די לעצטע קויכעס האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און, קוים גייענדיק, פֿאַרקערעוועט אין דער נאָענטסטער זײַטיקער גאַס, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ סקווערל.

ניט דערגייענדיק עטוואָס ביז דער נאָענטסטער באַנק, האָט זי זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד. אין סקווער איז ניט געווען קיין לעבעדיקער נעפֿעש. שטיל זײַנען פֿון די ביימער געפֿאַלן די בלעטער. פֿון דער גרויסער גאַס האָט טויבלעך זיך דערטראָגן אַהער דאָס זעלבע טופֿערײַ פֿון פֿיס, דאָס געוויין און העכער פֿון אַלץ — די דײַטשישע אויסגעשרייען. און מיטאַמאָל, אינגאַנצן באַזונדער פֿונעם גערודער און געוויין, האָט גאָר נאָענט, בײַם סאַמע אויער, זיך צעוויינט אַ קינד. אַ פֿאַרציטערטע האָט ווערא אַנדרייעוונא זיך אומגעקוקט. דאָס געוויין האָט זיך געהערט אַלץ דײַטלעכער, אַלץ העכער. עס האָט זיך געטראָגן ווי פֿון אונטער דער ערד. אײַנגעבויגן זיך פּאָרויס־צו און דערשלעפּט זיך ביז דער באַנק, האָט ווערא אַנדרייעוונא מיט איין האַנט אַרומגעכאַפּט דאָס פּיסל פֿון דער באַנק און מיט דער אַנדערער אָנגעהויבן אַרומטאַפּן אַרום זיך די ערד. דערנאָך איז זי צוגעקראָכן צו די הינטערשטע פּיסלעך פֿון דער באַנק און דאָ, אונטער די אײַנגעלעגערטע בלעטער, האָט זי אָנגעטאַפּט אַ האַרטלעך פּײַכט קנוילעכל. ווערא אַנדרייעוונא האָט געפּרוּווט דאָס אויפֿהייבן און איז אומגעפֿאַלן מיט דעם צוזאַמען. דאָס קינד, אַקוראַט און גוט פּאַרוויקלט, איז געווען אַ גאַנץ היפּשלעכס. וויאַזוי און פֿונוואַנען האָט זיך עס אַהער גענומען, איז געבליבן פֿאַר ווערא אַנדרייעוונא אַ סאָד ביז הײַנטיקן טאָג. צוגעטוליעט עס און פֿאַרדעקט מיט דער פּאַטשיילע, האָט זי אָנגעהויבן אײַנקוקן זיך אין די זעלטענע דורכגייער, קעדיי אַ בעט טאָן עמעצן, מע זאָל איר העלפֿן אויפֿהייבן זיך און נעמען אַף די הענט דאָס קינד.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ יונגע פֿרוי אין אַ הוט מיט אַ פֿעדער. ווערא אַנדרייעוונא האָט זי אַ רוף געטאָן. יענע איז צוגעגאַנגען און האָט איר אַרײַנגערוקט אין האַנט אַ קופּערנע מאַטבייע. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מאַדאַם, וואָס האָט געפֿירט אַ ליידיק קינדערש וועגעלע. אַז עס איז אַ ליידיקס, האָט מען געזען דערפֿון, וואָס די פֿרוי האָט עס ניט געשטופּט, ווי געוויינלעך, פֿאָרויס, נאָר געשלעפּט פֿון הינטן, ווי מע שלעפּט אַ שליטל. „מע וועט קאָנען אַהין אַרײַנלייגן דאָס קינד", — האָט ווערא אַנדרייעוונא זיך דערפֿרייט. נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט זי שוין כאַראָטע געהאַט. בײַ דער פֿרוי איז געווען אַן אָנגעזויפּט פּאָנעם פֿון אַ שיקערטע און קליינע בייזע אייגלעך. „עס איז ניט קיין ייִדל? היט זיך, אַלטע, עס זאָל דיר טײַער ניט קאָסטן"... — האָט זי אַ זשיפּע געטאָן און אַזאַ ריס געגעבן דאָס וועגעלע, אַז עס זײַנען שיִער ניט צעטראַסקעט געוואָרן די רעדלעך. מער האָט ווערא אַנדרייעוונא שוין בײַ קיינעם ניט געוואָגט צו פֿרעגן. זי וואָלט, מיסטאמע, פֿאַרגליווערט געוואָרן צוזאַמען מיטן קינד, ווען עס וואָלט זיך ניט באַוויזן איינע אירע אַ באַקאַנטע. ניט אַנדערש, דער גוטער מאַלעך האָט זי אַהער געבראַכט. די דאָזיקע פֿרוי האָט גראָד געהאַט אַ פּיצל קינד, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. אַזוי־אַרום האָט זי געקאָנט אָן גרויסער ריזיקע טראָגן דאָס אייפּעלע איבער דער גאַס. ניט פֿרעגנדיק קיין איין וואָרט, האָט זי געניט אַ כאַפּ געגעבן דאָס קינד אַף איין האַנט, מיט דער אַנדערער געהאָלפֿן אויפֿהייבן זיך און גענומען פֿירן ווערא אַנדרייעוונען. געקומען אַהיים, האָט מען גוט פֿאַרמאַכט די טיר און פֿאַנאַנדערגעוויקלט דאָס קינד. קאָליע, וואָס האָט צו יענער צײַט באַוויזן בעשאָלעם אומקערן זיך אַהיים, איז ערגעץ אַוועקגעלאָפֿן און געבראַכט אַ ביסל מילך.

מע האָט דאָס אייפּעלע אָנגעהאָדעוועט, אַרײַנגעלייגט עס אין בעט. לעבן אים האָט זיך צוגעלייגט ווערא אַנדרייעוונא און געוואַרעמט דאָס קליינע קערפּערל. זי איז געלעגן און אַלץ געטראַכט, וואָס טוט מען, וועמען עס אָפּגעבן?

אין יענעם טאָג האָט ווערא אַנדרייעוונא צום ערשטן מאָל דערפֿילט, אַז זי האָט שוין אַ דערוואַקסענעם זון, אַן אָנשפּאַר אין לעבן און אַן אייִצע־געבער. דאָס יינגל האָט שוין מײַסטערלעך, מיט דער זעלבער מוטיקײַט, מיט וועלכער עס פֿלעגט שטענדיק אויסצייכענען זיך זײַן טאַטע, אַ זאָג געטאָן:

— מאַמע, מיר וועלן דאָס מיידעלע איבערלאָזן בײַ זיך. שכיינים זײַנען בײַ אונדז ניט קיין שלעכטע... ווי־ניט־איז וועלן מיר עס אויסהאָדעווען... אָט האָב איך הײַנט געקראָגן אַ האַלבן עמער קאַרטאָפֿל... — פֿאַרן טאַטנס רעקל, — האָט ער טרויעריקלעך צוגעגעבן.

אַזוי האָט זיך בײַ קאָליע רעוווּזינען באַוויזן אַ יינגער שוועסטערל. פֿאַר פֿרעמדע מענטשן האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קינד פֿון ווערא אַנדרייעוונעס פּלימעניצע, וואָס וווינט אין דאָרף. מיט עטלעכע כאָדאָשים פֿאַר דער מילכאָמע איז טאַקע די פּלימעניצע געקומען צו פֿאָרן מיט אַ קינד צוגאַסט צו די רעוווּזינס...

קאָלזמאַן ווערא אַנדרייעוונא האָט דאָס אַלץ דערציילט, האָט ניקאָלײַ דערווײַל אינעם אַנדערן צימער צעהאַנגען די פּאָרטרעטן אַף די ווענט. ווידעראַמאָל האָט מיר דאָס מיידל געקוקט אין די אויגן און, דוכט זיך, געבעטן, איך זאָל אַנטפּלעקן די רעטעניש, וואָס איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק סײַ פֿאַר מיר, סײַ פֿאַר איר.

— וויאַזוי הייסט זי בײַ אײַך? — האָב איך געפֿרעגט מיט אַ ציטער אין קאָל.

— אויסטראַכטן האָט מען ניט באַדאַרפֿט, — האָט ווערא אַנדרייעוונא געענטפֿערט, — אַפֿן אַרבל פֿונעם קליידעלע איז געווען אויסגענייט, און אַף דער לינקער זײַט כאָליעווקע פֿונעם שיכל איז מיט אַ בלויען בלײַער געווען אָנגעשריבן: „גינאַ".

מײַנע האָט מען גערופֿן ניט אַזוי... דאָס שוואַרץ־אויגיקע מיידל, וואָס קוקט אַף מיר פֿון דער פּאָטאָ, איז ניט מײַן טאָכטער. נאָר דעם דאָזיקן לאַנגן אָוונט, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט בײַ די רעוווּזינס, וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט אַזאַ געפֿיל, ווי איך וואָלט ניט בלויז געקראָגן נײַע גוטע באַקאַנטע, נאָר געשלאָסן מיט זיי עפּעס זייער אַ נאָענטע קרויווישאַפֿט...

## 5 סענטיאַבער.

אויפֿגעשטאַנען גאַנצפֿרי, נאָך פֿאַר דער ראַדיאָ־גימנאַסטיק. דער „טאָלקאַטש" איז געשלאָפֿן, אַרײַנגערוקט דאָס פּאָנעם אין קישן.

6 סענטיאבער.

די באַראַטונג איז געענדיקט. אַלע פּונקטן פֿונעם פּלאַן זײַנען קאָאָרדינירט צווישן זאַוואָד און די „פּאָדריאַד"-אָרגאַניזאַציעס, די מערהײַט פֿראַגן — אײַנרעגולירט. און אָט בין איך ווי־דער אין וואַגאָן, אַף דער אייבערשטער באַנק. איך פֿאָר אַוועק אַף עטלעכע טעג, דערנאָך וועל איך זיך אומקערן קיין אָזאָווסק, שוין ניט אין קאָמאַנדירונג, נאָר אַף שטענדיק. די קאַרגע וואָך, וואָס איך בין דאָ געווען, האָב איך גע־לעבט קימאַט מיט הוילע דערינערונגען, איצט קלער איך וועגן דער צוקונפֿט. איך זע „יוזש־סטאַל" אַזאַ, ווי ער וועט זײַן אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען עס וועט אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן ווערן די האַנט־אַרבעט. צוזאַמען מיטן זאַוואָד וועט נאָך בעסער, שענער ווערן מײַן היים־שטאָט. דער גורל פֿון דער שטאָט איז פֿון לאַנג איבערגעפֿלאָכטן מיטן גורל פֿונעם זאַוואָד. דער טאָג, ווען מע האָט אויפֿגעהויבן די ערשטע לאָפּעטעס ערד אַף דער בויונג פֿונעם „יוזש־סטאַל", איז אויך געוואָרן אַ נײַער טאָג פֿאַרן אַלטן, שטילן אָזאָווסק. עס איז ניטאָ די גע־שעעניש אין זאַוואָד, וואָס זאָל ניט אָנרירן טיף די שטאָט, און פֿאַרקערט... אין די יאָרן פֿון דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע, ווען די דאָמנעס און די מאַרטען־אויוונס זײַנען געווען אויפֿ־געריסן און דער הימל האָט ניט געפֿלאַקערט פֿון די משוגען־שמעלצונגען, איז געווען טויט אויך די שטאָט.

...מײַן שוואַכע האָפֿענונג צו געפֿינען די טאַכטער מײַנע צווישן די לעבעדיקע וועט, ווײַזט אויס, שוין קיינמאָל ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן. דאָס קינד ליגט אין די „אָקאָפּעס" בא־נאַנד מיט איר מוטער...

עטלעכע שאָ פֿאַרן אָפּפֿאָרן, האָבנדיק שוין אַ בילעט אין קעשענע, בין איך הײַנט אַרײַנגע־גאַנגען נאָך צו צוויי לאַנדסלײַט, וואָס האָבן בײַם דער מילכאָמע געראַטעוועט ייִדישע קינ־דער. דאָס זײַנען דער אינזשעניער סאָלאָוויאָוו און דער מאָנטאַזשניק באַראַבישעוו. ביידע האָבן זיי מיר אָנגערופֿן די פֿאַמיליעס פֿון זייע־רע אַדאָפּטירטע קינדער. סײַ דער, סײַ יענער האָבן גוט געקענט זייערע עלטערן. פֿון כאָך צוויי האָפֿענונגען מײַנע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך...

דער צוג טראָגט זיך אַלץ האַסטיקער און ס'איז שווער צו שרײַבן, דערצו איז שוין מאַקע צײַט צו כאַפּן אַ דרעמל. מײַנע מיטרײַזנדע אין קופּע שלאָפֿן שוין מיט אַ שטאַרקן שלאָף. דאָס זײַנען דרײַ יונגע אינדזשאַנער, וואָס האָבן פּראַקטיקירט אין „יוזשסטאַל" און קערן זיך איצט אום דורך מאָסקווע צו זיך אַהיים, אין בכילײַער קאָמבינאַט. אַפֿן טישל ליגן צוויי גראָבע בענדער — „געשיכטע פֿון דער סאָוועטישער מעטאַלורגיע", וואָס די אַרבעטער פֿונעם מאַרטען־צעך האָבן באַם געזעגענען זיך אונטערגעטראָגן די אינדזשאַנער אַ מאַטאָניע. לעבן די ביכער — אַ בוקעט האַרבסטיקע בלומען. אים האָבן אין די לעצטע מינוטן פֿאַרן אָפּגײן פֿונעם צוג אַרײַנגעבראַכט די סטודענטן פֿון אָזאָווסקער מעטאַלורגישן אינסטיטוט...

אָט זײַנען מיר שוין פֿאַרבײַגעפֿאָרן די ער־שטע סטאַנציע „דאָליע". אַ גליקלעכע דאָליע, אַ גליקלעך מאַזל אײַך, טײַערע מײַנע לאַנדס־לײַט. אינגיכן וועלן מיר זיך ווידער זען...

1961.

---

# אלעקסאנדער טוואַרדאָווסקי,

לאַורעאַט פֿון דער לענין־פּרעמיע



געבוירן אין 1910 אין כוטאָר סטאָלפּאָוואָ (סמאָלענסקער געגנט). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1924. פֿאַרענדיקט דעם מאָסקווער אינ־סטיטוט פֿון פֿילאָסאָפֿיע, געשיכטע און ליטע־ראַטור. אָנטיילנעמער פֿון דער גרויסער פֿאָטער־לענדישער מילכאָמע. וווינט אין מאָסקווע.

# סיביר

(פֿון דער פּאָעמע „ווײַט־נאָך־ווײַט")

...סיביר! עס בײַטן זיך מעסלעסן,
לענגויס דעם וועג — סיביר, סיביר...
פֿאַרטיפֿט אין דרימל און פֿאַרגעסן —
די ווילדע וועלדער אָן אַ שיר...

לענגויס דעם שנעלצוג, ווי אַ וויכער,
עס טראָגט דער אוראַלט זיך אַדורך.
דער צוג צערוקט דעם וואַלד ניט זיכער,
און ס'גלאַנצט אין ווילדעניש זײַן שפּור.

אין דער טײַגאַ — ניט צום געברויכן —
די ערד מיט אוצרעס פֿולגעפּאַקט,
און ניט קיין סטעזשקע, ניט קיין רויכל,
און ניט קיין סימען פֿון קיין האַק.

סיביר! פֿאַרהייבן הויך זײַן קאָפּ איז,
דער ראַכוועס שפּאַנט וואַלד־אויס, וואַלד־אײַן.
אַהער עס וואָלטן פֿינף אייראָפּעס
מיט גאַנצן קלאַפּערגעצײַג אַרײַן.

מעסלעסן בײַטן זיך. און ווידער —
סיביר! עס פֿײַפֿט דער ווינט: סיביר...
דאָס וואָרט פֿלעג אָנוואַרפֿן אַ ציטער,
און איצט צו וואַרעמקײַט עס פֿירט.

באַנאַכט. אַ צוג. די רעדער הילכן.
איך קוק: ס'איז טרוים, צי עס איז וואָר? —
די ליכט די ערדישע — אַ מילכוועג
לענגויס דעם וועג, מיט וועלכן כ'פֿאָר...

אין יענע העל־באַשײַנטע ווײַטן
ז׳ערזע איך בוילעט און דערפיל:
ט׳איז דאָ געמיטלעך, ווי בא לײַטן.
ס׳איז היים. ס׳איז וואַרעם. עס איז שטיל.

אין אָט דער וועלט פון פּראָסטע גליקן
איז יענע היימלעכקײַט באַטאַמט,
וואָס מיט דעם ערשטן שמאָלן וויגל
זיך מאָסטעט צו בא הוילער וואַנט...

סיביר — דער קאַנט, וואָס האָט ניט איין מאָל
מיט רום געקלונגען איבעראַל,
דער צעך, דער שפּײַכלער פונעם היימלאַנד,
זײַן שאַכטע און זײַן אַרסענאַל,

די שוועסטער פון אוראַל.
אויף גרינע,
אויף בערג־און־פליינען, פול מיט ליכט,
עס שטייט אין מיט פון דער מעדינע,
און האַנט־צו־האַנט געפּאָרט מיט כינע —
עס שטייט דאָס מעכטיקע סיביר!

כ׳האָב ליב זײַן ראַכוועס, זײַנע רוימען,
איך בין א זון דאָ פון מײַן לאַנד.
באַהויכט מיט וווּנדערלעכע טרוימען,
צו אויסגעוויילטער הייך איך שפּאַן.

מײַן זעל, זי איז הײַנט א באַוווּסטע
מיט קוואַלן פרישע אָן א שיר:
מיט קוי׳ך מיט דײַנעם, ראַטן־רוסלאַנד,
מיט דײַנע ראַכוועסן, סיביר!

ייִדיש — א. ווערגעליס.

---



# באָריס פּראָקאָוו,

לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע

אין באָריס פּראָקאָווס צייכענונגען איז ניטאָ, וואָס צו פאַרגעסן: דאָ איז אַלץ דער איקער, דאָס וויכטיקסטע. זײַנע צייכענונגען קריצן זיך אײַן אינעם זיקאָרן, און דער, וואָס האָט זיי געזען איינמאָל, וועט זיי שוין ניט פאַרגעסן קיינמאָל.

...דרײַ פרויען אין שוואַרצע קאָפּטיכלעך. איינע פון זיי פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס פּאָנעם, קעדיי ניט זען דעם גיגאַנטישן ריוו, וואָס איז פול מיט הארוגים. די צווייטע — א זקינע — פאַרשטעלט ניט דאָס פּאָ-נעם: אין מעשעך פון איר לאַנגן לעבן האָט זי זיך פאַרהאַרטעוועט, אָנגע-נומען מיט מוט. אין די הענט האַלט זי א כיילעוון ליכטל, וואָס ברענט מיט א ציטעריק פײַערל. די דריטע — א יונג מיידל. זי וויינט ניט, זי קוקט אויף די הארוגים מיט ברייט-צעעפנטע אויגן, וועלכע דריקן אויס צאַר און טרויער, האַס און אַנטשלאָסנקײַט.

דאָס איז די צייכענונג „באַם באַבי-יאַר“, וועלכע גייט אַרײַן אין דער סעריע „דאָס טאָר זיך קיינמאָל ניט איבערכאַזערן“.

און אָט איז א צווייטע צייכענונג — „די מוטער“. א פרוי האָדעוועט מיט דער ברוסט איר קינד. באַם אייפּעלע איז א רויִק פּענעמל, ווי אויף דער וועלט וואָלט געהערשט בלויז פרידן און רו. דאָס פּאָנעם בא דער מוטער איז שטרענג, אויפן רוקן טראָגט זי א ביקס.

באָריס פּראָקאָוו האָט געשאַפן הויכקינסטלערישע ווערק, וועלכע דינען אַלס מעכטיק געווער אין קאַמף קעגן דער מילכאָמע-געפאַר.

מ. איטקאָוויטש.



די מוטער



## אלעקסאנדער פּראָקאָפּיעוו,

לאַורעאַט פון דער לענין-פּרעמיע

געבוירן אין 1900 אין קאָבאָנאָ (לענינגראַדער געגנט). זײַן ערשט בוך דערשינען אין 1931. אָנטײלנעמער פון בירגערקריג און פון דער גרויסער פּאַטעריאָטישער מילכאָמע. וווינט אין לענינגראַד.

# דער זיידע

מײַן זיידע פּראָקאָפּי
געווען איז א כוואַט.
א שעם האָט זײַן נאָמען
בא מענטשן געהאַט.

געשעמט האָט דער זיידע
אין דאָרף, אין ראַיאָן.
זײַן נאָמען האָט קאָווּעד
די זין אָנגעטאָן.

ער האָט ווי א זיגל
זײַן נאָמען געשטעלט.
געשטעלט, ס'זאָל געדענקען
די גאַנצענע וועלט.

אווּ קלינגט זײַן נאָמען?—
אין יעטווידער שטוב!
און ווּ זײַנע לידער?—
מיט אים אויך אין גרוב.

און ווּ זײַנע טרערן?—
אין יאַמישער וועלן!
און ווּ זײַנע דומעס?—
אף יעטווידער שוועל!

און ווּ איז זײַן דאָליע?—
באַם קעמפער אין האַנט!
און ווּ איז זײַן האַרץ?—
אָט דאָ, אין זײַן לאַנד!

יידיש—א. גאָנטאַר
און י. שטערנבערג.

---


באַם באַבי-יאַר

## ליובע וואַסערמאַן

געבוירן אין 1907 אין שטעטל סלאַוואַטיטש (פּוילן). צו 17 יאָר אַריבערגעפאָרן קיין ירושלים, דאָרט געאַרבעט אַלס דינסטמיידל. זיך געדרוקט אין קאָמוניסטישע אויסגאַבעס. אין 1932 זיך באַזעצט אין ביראָבידזשאַן.



# אייגן בלוט

אַפֿן פֿערמן באַצירק פֿונעם סאָווירט, וואָס געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿונעם האַסטיק שטראָמיקן טײַך, איז געשען אַן אומגליק: די רינגלערן פֿון דער גאָרטנוואַרג-בריגאַדע אָלגע זובקאָ איז, באַם האָבן איר ערשטלינג, אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און ס'האָט מיט איר געהאַלטן זייער שלעכט. מיט יעדער שאָ איז זי אַלץ שוואַכער געוואָרן. דער איינציקער מענטש, פֿון וועמען מע האָט געקאָנט דערוואַרטן עפּעס אַ הילף — די יונגע פֿעלדשערן פֿונעם היגן מעדפּונקט וואַליע, — האָט אין דעם פֿאַל ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן.

ווי יונג וואַליע איז ניט געווען, ווי קליין עס איז ניט געווען איר דערפֿאַרונג אַלס פֿעלדשערן, האָט זי דאָך געזען, אַז די פֿרוי איז פֿאַרבײַ, אויב מע וועט איר באַצײַטנס ניט מאַכן קיין בלוט-איבערגיסונג. זי אַליין האָט אָבער אַזוינע זאַכן קיינמאָל ניט געטאָן. דערצו איז ניט געווען אויך מיט וואָס: ניט קיין אינסטרומענטן, ניט קיין בלוט... די איינציקע האָפֿענונג האָט זי געהאַט אויפֿן הויפּט-דאָקטער פֿונעם שפּיטאָל, וועלכער האָט זיך געפֿונען אויפֿן צענטראַלן באַצירק, — אויף אַנע רויזנבלום. צום צענטראַלן באַצירק איז געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, בעסאַכאַקל דרײַ-פֿיר קילאָמעטער, נאָר פֿירן די געווינערן אין שפּיטאָל האָט מען ניט געקאָנט: איבער די רעגנס, וואָס האָבן צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד ניט אויפֿגעהערט צו גיסן, איז דער טײַך אַרויס פֿון די ברעגן, פֿאַרפֿלייצט אַלץ אַרום און פֿאַרטרונקען אויך דעם וועג.

וואָלט כאָטש אָלגעס מאַן געווען אין דער היים, וואָלט ער זיך עפּשער שוין דערטראַכט צו וואָס-ניט-איז. איז ער, ווי אַפּצולאָכעס, שוין דעם וויפֿלטן טאָג געווען פֿאַרנומען מיט זײַן טראַקטאָר באַם פֿאַריכטן די דאַמבע, וועלכע דאָס וואַסער האָט ערטערווײַז אונטערגעשווענקט, און ער האָט פֿון גאָרנישט ניט געוווּסט.

וואַליע האָט סאָפּקאָלסאָף אָנגעקלונגען אויפֿן צענטראַלן באַצירק, צו אַנע רויזנבלום, און דערציילט איר וועגן דעם, וואָס עס איז געשען מיט אָלגע זובקאָ.

דער קלונג האָט געטראָפֿן די דאָקטערשע נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין שפּיטאָל. זי איז געווען זייער מיד. דאָך האָט זי באַפֿוילן טייקעף אָנזאָטלען צוויי פֿערד — פֿאַר זיך און פֿאַר דינען, איינער פֿון די בעסטע מעדיצינישע שוועסטער פֿון שפּיטאָל.

אַנע רויזנבלום איז געווען שוין ניט קיין יונגע פֿרוי. אין די היגע קאַנטן איז זי געקומען גלײַך נאָך דער מילכאָמע, און האָט זיך דאָ געפֿילט, ווי אַן אַלטער טוישעוו. דעריבער האָט זי איצט ניט געשראָקן ניט דער שווערער וועג, ניט דער שלעכטער וועטער. זי איז שוין געווען געוווינט צו אַלץ... פֿונדעסטוועגן איז אויך איר איבערגעלאָפֿן אַ גרויל איבערן לײַב, ווען אַהינטער איז געבליבן דער באַצירק, וואָס האָט ווי אַן איינציק לויכטנדיק אינדזעלע געפֿינקלט אין דער אַרומיקער כאַשכעס. ס'איז געווען אַזאַ פֿינצטערניש, אַז מע האָט גאָרנישט ניט געזען פֿאַר זיך. און דער רעגן האָט אָן אויפֿהער געגאָסן.

אָבער ניט דער וועטער האָט איצט געקימערט ביידע פֿרויען. עס האָט זיי באַאומרויִקט דאָס, וואָס זיי האָבן ניט מיט זיך קיין קאָנסערווירט בלוט. מע האָט עס הײַנט-מאָרגן געדאַרפֿט ברענגען פֿון שטאָט. נאָר יעדע רגע איז טײַער...

זיי זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער היים אַזייגער צען-עלף אין אָוונט. ביז זיי האָבן זיך דערקליבן צום יישעוו אויפֿן פֿערטן באַצירק איז שוין געוואָרן אַרום צוויי באַנאַכט.

אין דער שטוב, וווּ די געווינערן איז געלעגן, האָט געשמעקט מיט פֿרישע ברעטער און מיט זשיוויצע. דער דיל איז נאָך ניט געווען פֿאַרענדיקט, און די ברעטער האָבן זיך געהוידעט אונטער די פֿיס. די דאָקטערשע איז געווען מיד פֿונעם וועג, פֿונעם פֿאָרן רײַטנדיק, אָפּגעשוואַכט פֿונעם טאָג אָנגעשטרענגטע אַרבעט. נאָר אַ קוק געטאָן אויפֿן כוילע און דערזען, אַז הילף איז דרינגענדיק, אַניט קאָן זײַן צו שפּעט, — האָט זי אָפּגיך אויסגעטאָן פֿון זיך דעם מאַנטל און גענומען וואַשן די הענט.

די דאָקטערשע איז צוגעגאַן צו דער געווינערן און זי אָנגענומען פֿאַרן דויפּעק. די יונגע מוטער איז געווען אָן אַ סימען פֿון לעבן. די הענט, צונויפֿגעדריקטע אין פֿויסטן, זײַנען שווער געלעגן אויף דער קאָלדרע. באַזונדערס האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די געלע אויערן-לעפֿלעך פֿון דער קראַנקער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פֿון אונטער די איבערן קישן צעשאָטענע האָר. דעם דויפּעק האָט מען קוים געפֿילט. ערגעץ ווײַט פֿאַרבאָרגן אין דער טיף האָט געטלויעט אַ פֿונק פֿונעם לעבן... פֿון איר, פֿון דער דאָקטערשע, איז איצט אָפּהענגיק, צי פֿונעם טליִענדיקן פֿונק וועט ווידער אויפֿלאַקערן אַ לעבן.

לאַנג טראַכטן איז קיין צײַט ניט געווען. יעדע רעגע איז טײַער. די דאָקטערשע האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— קאַמפֿער! גליוקאָזע!..

אַנע רויזנבלום האָט איצט ניט געטראַכט פֿון קיין שום זאַך, אויסער דעם, וואָס זי האָט דאָ געדאַרפֿט טאָן. זי האָט זיך איצט דערפֿילט אַזוי, ווי אויפֿן פֿראָנט, ווען אַרום האָבן זיך געריסן סנאַריאַדן און זי האָט געדאַרפֿט אָפּערירן פֿאַרווונדעטע, איבערבינדן זייערע וווּנדן. ווער ווייסט, עפּשער האָט זיך איר גראָדע איצט דערמאָנט איר זון, וואָס איז יונג פֿאַרשניטן געוואָרן אויף דער מילכאָמע...

דאָס, וואָס זי האָט אָבער געטאָן, האָט ניט געהאָלפֿן. קאַמפֿער און גליוקאָזע איז געווען ווייניק אויף אומצוקערן דעם מענטשן צום לעבן. די געווינערן איז שוין געווען מער אויף יענער-וועלט... און דאַן האָט רויזנבלום געהייסן גרייטן נאָך אַ געלעגער לעבן בעט פֿון דער קימפּעטאָרן, און אַליין האָט זי פֿון זיך אַראָפּגענומען דאָס קאָפּטל... מע האָט קיינעם ניט געדאַרפֿט געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס זי קלײַבט זיך טאָן... סײַ וואַליע און סײַ דינע האָבן זיך טייקעף אַליין אָנגעשטויסן... דינע איז צוגעגאַנגען צו דער דאָקטערשע און אָנגעהויבן דערווידערן. זי האָט גוט געוווּסט, אַז אַנע רויזנבלום איז שוואַך אין געזונט. באַזונדערס איצט, נאָך דעם שווערן וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אַהער, האָט זי אויסגעזען נאָך ערגער, ווי שטענדיק. ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן.

דינע האָט אָנגעהויבן טענהן, אַז מע טאָר עס ניט טאָן...

— פֿאַרוואָס דאַרפֿט א י ר געבן בלוט? דערלויבט מיר... איך בין דאָך יינגער פֿון אײַך...

נאָר דער דאָקטערשעס בליק איז געווען בייז און אַנטשלאָסן:

— איך האָב ניט ליב, אַז מע רעדט נאַרישקײַטן!.. — האָט זי אומגעדולדיק אָפּגעענטפֿערט, — מײַן בלוט איז פֿון דער ערשטער גרופּע און טויג פֿאַר אַלעמען... ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ גרופּע איז בײַ דער געווינערן... איך בעט אײַך... טוט, וואָס איך הייס.

אַנע רויזנבלום איז געלעגן אויף אַ באַנק לעם סאַמע בעט פֿון דער קימפּעטאָרן. דינע האָט אַרײַנגעשטאָכן די נאָדלען אין די בלוט-אָדערן — פֿריִער דער דאָקטערשע, דערנאָך דער געווינערן. דער דאָקטערשעס האַנט האָט זי פֿאַרצויגן שטײַפֿער און דער געווינערנס געמאַכט פֿרײַ, קעדיי דאָס בלוט זאָל קאָנען פֿליסן פֿונעם דאָנאָר צו זײַן פּאַציִענט. נאָכדעם האָט זי מיט גומע-טרײַבלעך פֿאַרייניקט די שפּריצן, און דאָס בלוט האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן איבערפֿליסן פֿון איין קערפּער אין דעם אַנדערן...

די דאָקטערשע איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. דער ווײַסער כאַלאַט אירער האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דאָס בלאַס געוואָרענע פּאָנעם, דעם קאָפּ, אין וועלכן עס האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן גראָוע האָר...

דינע מיט וואַליען האָבן געזען, ווי אין די אויערן-לעפֿלעך פֿון דער קימפּעטאָרן האָבן זיך גענומען באַווײַזן סימאָנים פֿון לעבן. די בלאָווע געשלאָסענע ליפּן האָבן זיך עטוואָס געעפֿנט. די געווינערן האָט אָנגעהויבן דאָרשטיק און הייס עטעמען... דאָס לעבעדיקע בלוט, וואָס איז גיך געפֿלאָסן צו איר האַרץ, האָט אויפֿגערודערט דעם קערפּער און זי האָט אָנגעהויבן שטיל קרעכצן...

דאָס אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי משיקאָווע, אַז וואַליע איז נישטוימעס געוואָרן קוקנדיק. ווען דינע האָט איר געהייסן סטעריליזירן אַ שפּריץ, קעדיי אײַנשפּריצן דער דאָקטערשע גליוקאָזע, האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס מע וויל פֿון איר...

נאָר קיין צײַט צו שטיין איז ניט געווען. קימאַט איינצײַטיק זײַנען ביידע — די געווינערן מיט דער דאָקטערשע — געקומען צו-זיך.

ווען די מיידלעך האָבן גענומען באָדן דאָס קינד, האָט אַנע רויזנבלום מיט אַ ציטעריקער שטים געזאָגט:

— דינע, זע דאָס וואַסער... ס'איז ניט צו הייס?

דינע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אין וואַנעלע. דאָס נײַגעבאָרן נעפֿעשל, וואָס איז נאָך געווען צונויפֿגעקאָרטשעט, ווי בײַ דער מאַמען אין בויך, האָט זיך אויסגעגלײַכט.

פֿאַרנומען מיטן קינד, האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. אינעם שטיבל האָט זיך אַרײַנגעריסן דאָס גערויש פֿון אַ טראַקטאָר, וואָס איז צוגעפֿאָרן צום פּלויט.

עס איז אַרײַנגעקומען אַלגעם מאַן, אַן אויסגע-
שמירטער אין בלאָטע, מיט רויטע אויגן פון
ניט געשלאָפענע נעכט.

— אוך! — האָט ער מיד און צופרידן א
מאַך געטאָן. — דאַנקען גאָט, די דאַמבע פאַ-
ריכט...— און איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין גע-
פּלעפט, דערזעענדיק אַפן טאָפּטשאַן, לעבן דעם
ווײַבס בעט, ליגן דעם דאָקטער.

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט, און זיך
א לאָז געטאָן צו זײַן פרוי. — אַליע, וואָס איז
געשען?

דינע האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— איצט איז שוין אַלץ גוט... — האָט זי
אים באַרויִקט. — מאַזלטאָוו אײַך מיט א זון...

ווען דינע האָט אין א שטיקל צײַט אַרום
אופגעעפנט דאָס פענצטער, איז דער אויסגע-
וואַשענער הימל געווען בלוי... בלויז קליינע
וואָלקנדלעך האָבן זיך נאָך דאָ און דאָרטן אַרומ-
געטראָגן. אין דער זעלבער רעגע איז פון
אונטער דעם דאַך אַרויסגעפלויגן א ספּײַע
שוואַלבן און גענומען אַרומשוועבן הין און
צוריק אינדערלופטן — א באַווײַז, אַז אינגיכן
וועלן אופהערן די רעגנס.

די שווערע איבערלעבונגען פון דער נאַכט
זײַנען פאַרגעסן געוואָרן, פאַרשוווּנדן... עס האָט
זיך ווידער פאַרגלוסט לאַכן און שמייכלען. און
דינע האָט א זאָג געגעבן צו וואַליען:

— א קאָמעדיע, ווי דו האָסט זיך גע-
שראָקן... וואָס האָסטו אַזוי געציטערט?..

און ביידע מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט, דער-
פילנדיק ערשט איצט, ווי מיד זיי זײַנען פון
דער שווערער און שלאָפלאָזער נאַכט... זיי האָבן
זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס...

.1961

## שלוימע טשערניאַווסקי



געבוירן אין 1909 אין קאָוועל (אוקראַיִנע).
אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1933. וווינט אין
קיִעוו.

# ליבשאַפט

וואָס מיר האָבן, ליבשאַפט, ניט פאַרשטאַנען,
אַף דער עלטער וועט אונדז ווערן קלאָר,
ווי אין דער נאַטור, איז זי פאַראַנען
אויך בא דיר — די צײַטן־בײַט פון יאָר.

בליִונג, רײַפקײַט, בלעטערפאַל, זאַווייען.
וואָס איז אונדז ניט אויסשטיין נאָך באַשערט?
נאָר פאַרליבטע גייען מיר אינצווייען
אַף דער קיינמאָל וועלקנדיקער ערד.

טײַערע! מיר האָבן זיך געטראָפן
אַף א לעבן דורכגיין ביזן סאָף,
בא די קני בא דײַנע וויל איך שלאָפן
מיט א שטילן, קינדערישן שלאָף...

.1961



## שמואל האַלקין



1897 — 1960

מיר גיבן דאָ דעם ציקל „גוט-יאָמטעוו דיר,
מײַן לאַנד", וועלכן דער דיכטער האָט פאַרענ-
דיקט אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן.

# גוט-יאָמטעוו דיר, מײַן לאַנד

וואָס אַטאָם־קראַפט באַטײַט — אין דעם בין איך נאָך רוי.
הײַנט ווען וועט זײַן מיר קלאָר, ווי זי באַהערשט דעם רוים?
נאָר אײַך, וואָס שאַפן וואָר פון שענסטן מענטשן־טרוים, —
מײַן יאַשער־קויעך אײַך, ניט ווינסדיק, כ'פאַרטרוי.

ס'איז אײַער וווּנדער־וועג — פון הי ביז דער לעוואָנע —
פון הײַנט אָן מײַנער אויך, ווי אײַערער געוואָרן.
און ווײַל איך האָב דערלעבט דעם נעס אין מײַנע יאָרן,
איך זאָג אײַך אויס א סאָד: געמאַכט כ'האָב „שעכעיאָנו".

און ווײַל כ'בין גליקלעך הײַנט, דערצייל איך נאָך און מער.
בא יעדער קער און ווענד הײַנט זאָגן איך באַגער:
גוט־יאָמטעוו דיר, מײַן לאַנד, גוט־יאָמטעוו גאָר דער וועלט,
מײַן דאָר, צום הימל האָסט דאָס לייטערל געשטעלט, —
ס'וועט די לעוואָנע מער ניט זײַן שוין אַזוי עלנט,

ניט אויסזען אַזוי פרעמד, ניט זײַן אַזוי פאַרוויסט.
כ'האָב אירע טאָלן, בערג, ווי היימישע, באַגריסט,
דערבײַ א ווונק געטאָן א שטערנדל דערנעבן:
אינגיכן וועט אויך אים דער קאָוועד זײַן געגעבן,
די פליכט צו זײַן א טייל פון אונדזער ערדיש לעבן.

# ווען דײַן שטוב האָט מיר פאַרפעלט

כאָטש קלאַפּ דיר אָן אין האַרץ, ווי אין אַ טיר,
ווײַל ביידע זײַ דו האַלטסט פאַרשפּאַרט פון מיר.

איז וואָס זשע דריי איך מיך דײַן שטוב אַרום.
מיט הויכן ערנסט כ׳שפּאַן, קוק זיך ניט אום,

ווי גלײַך דערמיט איך וואָלט מײַן גאַנג באַרעכטיקט —
פאַר דורכגייער ניט אויסזען כ׳זאָל פאַרדעכטיק.

נאָר דו, די טריט מײַנע וועסט דען דערהערן?
מיט זיי דײַן שוועל איך קלײַב זיך דען פאַרשווערן?

ס׳איז ווינטער — וועט דער שניי די טריט פאַרשיטן,
ס׳איז פרילינג — וועט דער ווינט זיי ניט פאַרהיטן.

און זומער, ווען דײַן שטוב האָט מיר פאַרפעלט, —
צעזייט האָב איך די טריט איבערן פעלד.

נאָר איינמאָל האַרבסט, ווען מיר איז אויפן האַרצן
געווען, ווי אויף דער גאַס, — כ׳האָב קוים דערהערט זיך
די אָוונט־שאָ, און אין דער פינצטער־נאַכט
דיר אָנקלאַפּן אין טיר זיך אָנגעטראַכט.

אַזאַ מין צײַט אַ מענטש די בלאָטע קנעט,
און אָפּטרעטן איז שוין געווען צו שפּעט.

דערנאָך דערמיט געפּײַניקט כ׳האָב זיך לאַנג —
שוין בעסער כ׳וואָלט די שאָ געווען אין גאַנג,

אַוועק אין נאַכט, ניט קוקנדיק אַהינטער,
אין ערשטן נאַסן שניי־שיט אַ פאַרשפּינטער.



* * *

„ביז דורכגיין וועט דער שטורעם — בלײַב פאַרשטעלט״.
אַזוי, געדענק איך, ערגעץ שטייט געשריבן.
נאָר רופט מיר אָן דאָס אָרט אויף גאָר דער וועלט,
רוף אויף זיך דער, וואָס האָט זיך דאָרט פאַרקליבן
און רויִק אין באַהעלטעניש געבליבן.

זאָל זײַן, דײַן צעלט שטייט אויף אַ שאָס די ווײַט
פון מענטשן־ראַש, צי גאָר אויף מילי־מײַלן, —
די שטילקײַט וועט מיט דיר זיך קנאַפּ פאַרווײַלן,
אויף אויפטרייסלען פון צעלט די שוואַכע זײַלן.

און ווי דער יאַם, וועט די פאַרגעסנהײַט
מיט איין פאַרפלייץ באַווײַזן אָפּצוּווישן
דײַן רו, דײַן דו, און שטעלן זיך צעווישן
וועט קיינער, קיינער... און אָנשטאָט אַ צײַט
פאַרגעסן גאָר די וועלט, איר ראַש ניט הערן —
וועסטו בײַ דײַן געצעלט פאַרגעסן ווערן.

# ווער געקאָנט האָט קלערן

ווער געקאָנט האָט קלערן, ווער געקאָנט זיך ריכטן,
אַז אַ פּאָשעט ווערטל פון רעב גדליע שוסטער
ווערן זאָל אַ בײַשפּיל און מײַן לעבנס־מוסטער,
די געדאַנקען ווענדן אין אַ נײַער ריכטונג.

טונקלקײַט אין שטיבל, בײַם וואַרשטאַטל זיצט ער,
אויף אַ רימען־בענקל נידעריק געבויגן,
מיט אַ צוואַנג אַ צוויעקל שווער אַרויסגעצויגן:
— ווילסטו טאַקע, ייִנגל, כ׳זאָל דיר מאַכן איצטער?

אויף די ווענט די שאָטנס איינס אויף איינס זיך שיכטן —
שעם איך זיך צו בעטן, זאָגט ער מיר פילדײַטיק:

— אָפּלייגן אַף מאָרגן? מאָרגן איז קורצפריַיטיק,
קאַלזמאַן ס׳ברענט דאָס ליכטל קאָן מען נאָך פאַריכטן.

איצטער, ווען איך בין שוין אין רעב גדאַליעס יאָרן,
קומט מיר אויף דאָס ווערטל אָפטער אין זיקאָרן.

## באַרוואָרטעג

...און איך בין וויפל מאָל ארויס אין גאס באַגעגענען.
געבעטן, ס׳זאָל ניט דונערן און ס׳זאָל ניט רעגענען.
ניט צופיל ברענען זאָל די זון — דיר זאָל קיין שטער
ניט זיַין, ווען דו וועסט זיַין שוין אפן וועג אהער,
צו מיר... כ׳האָב צוליב דעם א האר איבער דער וועלט
זיך אויסגעקלערט, אַף בעטן אים — אזוי פארפעלט
האָסטו מיר יענעם טאָג און יענע שאָ. — א צײַט
געשטאַנען בין איך און געקוקט אַלץ אין דער וויַיט,
געבויערט לינקס און רעכטס... און וויפל גוטע ליַיט,
ניט ווילנדיק, זיי האָבן מיך דאַן אָפּגענאַרט —
גענענט, ניט וויסנדיק, אַז ניט אַף זיי איך וואַרט,
אַז דאָס האָסטו פונוויַיטן מיר זיך אויסגעדאַכט,
געטראַכט, אַז דאָס גייסטו צו מיר אין זיי פאַרשטעלט, —
אזוי האָסטו מיר יענעם טאָג און שאָ פאַרפעלט...

וויַיזט אויס, צו שוואַך געווען איז מיַין באַשווערונגס־מאַכט,
צי זי, מיַין בענקשאַפט, אָפּגעקערט האָט פונעם וועג
אַן אויגנבליק, און ס׳איז איר צוויבער־קראַפט אַוועק,
אויב זי האָט דיך צו מיר דאַן ניט אַראָפּגעבראַכט,
פון יונגן שלאָף פון זאַרגלאָזן ניט אופגעוועקט...

און איך בין וויפל מאָל ארויס אין גאס באַגעגענען,
געבעטן, ס׳זאָל ניט דונערן, ניט רעגענען.

1956—1960.

---





## יאנקעוו שטערנבערג

געבוירן אין 1890 אין ליפּקאַן (מאָלדאַוויע).
אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1915. וווינט אין
מאָסקווע.

## דער גיבער פון יאסנע פאָליאַנע

אַז ס׳האָט שוין דער גיבער פון יאסנע פאָליאַנע
די איַיזערנע שטיַיג אופגעבראָכן,
איז אויך דאָך ניטאָ אים מיט וואָס זיַין מעקאַנע —
דעם ריז, וואָס זיַין שטיַיג האָט צעבראָכן.

עס האָט דאָס געוווּסט אויך דער זונענשטראַל לעצטער,
ווען האָט זיך מיט בליק פונעם גויסעס דעם גרויסן באַגעגנט
אין אָרעמען דאָרפישן פענצטער און צאַרט זיך געזעגנט...
עס האָט דאָס געוווּסט אויך דער זונענשטראַל לעצטער.

געזען, ווי דעם מאַן, וואָס פון היים, וויַיב און קינד איז אַנטלאָפן,
און טיף אינעם פאָלק זיך געוואָלט פון דער וועלט אויסבאַהאַלטן,
דאָס אַלץ אין דער לעצטער מינוט האָט דערגרייכט, אים געטראָפן —
דעם מאַן, וואָס פון היים, וויַיב און קינד און פון וועלט זיך באַהאַלטן.

דערלאָזט ניט אפילע אַליין אים דערזאָגן זיַין ווידע,
אַריַינגעמישט מיט די זעלביקע מאָנענדע קוילעס
אין לעצטן געדאַנק אויסגעבענקטן. אוי, וואָס פאַר א גרויל איז!
דערלאָזט ניט אפילע אַליין אים דערזאָגן זיַין ווידע.

אזוי דער ליַיכטפיסיקער איידעלער הירש מיט די נאָבלע געפילן,
וואָס לויפט שווער פאַרוווּנדעט צו שטאַרבן וואָס וויַיטער פון זיַינע פאַרפאָלגער,
אין טויט־קראַמפן זיַינע ער הערט אויך פון יאַגד־הינט דאָס בילן —
דער הירש, וואָס אַף פיס זיַינע ליַיכטע זיך ראַטעוועט פון זיַינע פאַרפאָלגער...

# איך גלייב זיך ניט

Безумно приятная
весна. Каждый раз
не веришь себе.

(פון ל. נ. טאָלסטאָיס טאָגבוך)

א זין־פאַרפירערישער, אַנגענעמער פרילינג!
עס גייט מיט מיר מײַן שאָטן אף דער ערד — מײַן צווילינג.
איך גלייב זיך ניט.

אף גרינע היגלען ווײַסע וואָלקנדלעך ווי וועש צעהאנגען.
דער הימל — ערשטער בלוי, די לופט זיך ברעכט פון קלאנגען.
איך גלייב זיך ניט.

דער רייך פון רויטן ווײַנשל אפן בוים איז איינציק.
פון נעסט עס פליט ארויס א שוועלבעלע א קליינטשיק.
איך גלייב זיך ניט.

ווי מיליאָנען רעגעס זײַנען צײַט, און צײַט — בלויז רעגעס, —
דער איינסאָף־וועג באשטייט פון שטויבעלעך, און שטויב דער וועג איז.
איך גלייב זיך ניט.

אין זונען־אַרעאַל א פויערטע שוועבט דורך פיס־באָרוועס.
פון ברוסט די פרייד זיך פליעסקט ארויס אָן אָרוועס.
איך גלייב זיך ניט.

גאָט וויסט, וווּהין עס ציט דאָס רײַט־פערד הייסע.
עס זינגען פייגעלעך אין זיבן שווייסן.
איך גלייב זיך ניט.

דאָס גראָז א בליאסק געטאָן האָט ווי א שווערד נאָר,
איך, ענדלעך, וועל אויך זײַן בלויז גראָז און ערד נאָר.
איך גלייב זיך ניט.

## אין שווייס פון דײַן פּאַנעם

אזוי ווי אין שווייס פון דײַן פּאַנעם
מיט אײַזן די ערד מוזט צעגראָבן
צוזאם מיט די ווערעם, וואָס ווימלען,
צוזאם מיט די בלימלעך אין פלאקער,



איך ברויט זאָל באגערן דיר געבן, —
ביז גרונט דײַן נעשאָמע צעאַקער
מיט אלע דאָרט פלאָנטער־געוועבן,
צערײַס אירע אינערע דרימלען,
באמי זיך איר שיכט איבערקערן,
אז „אונטן" זאָל „אויבן" גאָר ווערן,
און אלץ צוליב דעם, אז זאָלסט לעבן
און בענטשן די ערד און די הימלען.

## שטאָק־דעמער־גרוי

Истина...
Я люблю много...
Как они...
(ל. נ. טאָלסטאָיס לעצטע ווערטער פארן טויט)

עס טאָגט?.. עס נאכט?.. שטאָק־דעמער־גרוי...
איך האָב געוווּסט, ס'וועט זײַן אזוי...
איך האָב געוווּסט און ניט געוווּסט,
האגאם איך בין... איך בין טאָלסטאָי.

טאָלסטאָי... טורגעניעוו... פעט...
פראָפעסאָר מעטשניקאָוו — ניט זיי, ניט זיי...
איגנאשקע* נאָר! — דעם וועג ער וועט
אָפזוכן אינעם מוטנעם ווירבל־שניי...

ניטאָ פאר אים קיין שטער... קיין טונקלע שוועל...
איך שרעק זיך, און איגנאשקעס שטים איז העל...
גלײַך אין א פראָסטיק־שײנעם זונטיק־טאָג
אין דאָרף זײַן שליטן פליט און יאָגט...

דעם שניי עס טראָגן טויזנט ווינטן...
איגנאשקען — נאָר זײַן „טרויקע", און ער זינגט...
זינגט העכער פון שעקספיר... א קווינטע...
א טערצאָ — זײַן גלעקל לויטער קלינגט.

אין כאאָס, וואָס אין אים איך בין,
אין כאאָס, וואָס צו אים איך גיי...
...אין רוסלאנדס מיט זיצט אפן שניי
איגנאשקע און זיך איבערבינדט

די פיס פארפרוירענע און ווידער אף איין זײַט
פון קעלניע פאָרט און אפן שטורעם שרײַט,
און צו מײַן טאָך ער טרעפט און רעדט,
ווי ניט גערעדט קיין שום פאָעט.

---

* דער הויפּט-פּערסאָנאזש פון טאָלסטאָיס „שניי-שטורעם".

ער פֿריילעך פֿײַפֿט... די פֿערד ער טרײַבט...
עס פֿרירט אָף מיר די גאַנצע הויט...
אוי, וויפֿל צײַט איגנאַשקען בלײַבט
מיך ברענגען לעבעדיק אין מאַלכעס טויט

מיט גײַסט מיט אייביקן מיט מײַן
דורך ווײַסן מידבער, דורך זײַן קאַלטער שײַן...
א הויכע וואַנט שטעלט אוף דער שטורעמווינט.
איגנאַשקע מיט זײַן בײַטש זי איבערקערט געשווינד...

איגנאַשקע און איליא צוזאַם... איליא דער גוואַר...
ער איז דאָס פֿאָלק — דאָס פֿאָלק אליין —
פֿון ווילדן סטעפּ דער גוטער האַר...
ווי די לעוואָנע גייט אוף שײַן!

מײַן רײַפֿע ליבע... איצט — א קרוין אָף אים...
באַלויכט זײַן גרויסע, ברייטע ערד,
וואָס איז פֿאַרליבט אויך אין זײַן שטים...
עס האָבן פֿליגל זײַנע פֿערד...

איך פֿלי אָף זיי... איך פֿלי אָף אים...
איגנאַשקע, וואַרט!.. עס איז נאָך פֿרי...
מײַן קלערן נאָך געהערט דעם גאַנצן הי...
איגנאַשקע, וואַרט! ניט פֿלי אַזוי, ניט פֿלי!..

— — — — — — — — — — — — — — — —

דײַן גליק פֿון עמעס מיט מײַן האַרץ אליין,
ווי דו, כ׳וויל וויסן אויך, ווי דו פֿאַרשטיין...

.1961—1960





## מאָטל גרוביאַן

געבוירן אין 1909 אין סאָקאָליווקע (אוקראַינע). געאַרבעט אין א פֿאַבריק. פֿאַרענדיקט דעם ווײַסרוסישן מעלוכע-אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1930. אָנטיילנעמער פֿון דער גרויסער פּאַטעראָלענדישער מילכאָמע. וווינט אין מאָסקווע.

## די ערשטע ליד

מײַן ערשטע ליד האָב איך פֿאַרשריבן
אָף אַן אָנגעשנייטער שויב,
פֿון דער זון איז זי צעגאַנגען,
און קיין אָס איז ניט געבליבן...

מײַן צווייטע ליד האָב איך פֿאַרשריבן
אָף די פֿליגל פֿון א טויב,
האָט א פֿײַער זי פֿון דאַך פֿאַרטריבן
און איר נעסט צערויבט.

מײַן דריטע ליד האָב איך פֿאַרשריבן
אָף נײַע ווענט, אָף פֿרישן שטיין,
קומט אויך די ערשטע ליד צו גיין —
איך בין לעבעדיק געבליבן!

## קובינער פּריאָגאָ

ס׳איז, מײַן קינד, די קייט צעריסן,
און די ערד אין שלאַכט זיך רויכערט.
ווען קובינער יאַטן שיסן,
גיסט מײַן פֿויסט זיך אָן דאָ אויכעט.
היי, שטייט אופֿעט, זין און טעכטער! —
קעגן מאָרד און ווילדער קנעכטשאַפֿט,
גייט אַרויס דעם טאָג אַנטקעגן,
צינדט די פֿאַקעלן העלער נאָך!
ס׳וועט פֿידעל זיך ניט צעברעכן,
ווײַל דאָס פֿאָלק איז איצט א שוץ אים,
קיינער וויל ניט זײַן קיין קנעכט מער,
אַלע — פֿאַר דער רעוואָלוציע!

# לידער אָן א סאָף

אויך אין כאָלעם עפל הענגען,
און דער בוים איז פול מיט שײַן.
וויל איך דאָך, אז אָט דער כאָלעם
זאָל א ביסל לענגער זײַן...
כ׳האָב אזויפיל האלבע לידער,
טויזנט אָנהייבן אָן סאָפן, —
זיי לאָזן דען אמאָל מיך שלאָפן,
אָט די שיינע, האלבע לידער?
איינע אָפּגעלייגט אף ווינטער,
ווי ס׳פארפרירן נאָר די טײַכן,
גיס איך פולער אָן מײַן טינטער,
טו, אז אלץ אין שטוב זאָל לײַכטן;
אף דעם טיש דער אלטער לײַכטער,
און דאָס אייוועלע צעבלאָזן,
אָן א סאָף די לידער לאָזן,
טראכט איך, עפשער איז נאָך גלײַכער?
איינע אָפּגעלייגט אף ווענסנע,
ווי נאָר ס׳צעפיקן זיך די קנאָספן,
קומען וועט דאָס וואָרט דאָס בעסטע
דיר אליין אין פענצטער קלאפן.
אלע הימלען זײַנען אָפן
און מיט האָפענונג די ערד באלײַכטן,
העפלעך שטראָמען טיפסטע טײַכן,
זינגען מיט אזא מין גוטן לײַכטזין,
אז די וועלט הייבט אָן זיך לײַכטן,
מיט קיין כאָלעם עס פארגלײַכן!
כ׳הייל מײַן הארץ מיט אָט דעם לײַכטזין!
טראכט איך, עפשער איז נאָך גלײַכער,
וואָס סע האָט אזוי געטראָפן,
טויזנט אָנהייבן אָן סאָפן...
איין ליד אָפּגעלייגט אף זומער,
ווען א זאנג אין פעלד ווערט העכער,
וואָלסט די וועלט ארומגענומען,
און ווען סאָף איז א פארברעכן
גאָר צו טראכטן, גאָר צו קלערן!
ס׳צינדן זיך פאר פרייד אָן טרערן.
איין ליד אָפּגעלייגט אפּ הארבסט,
ווען סע שמעקן רייכעס שארפע,
און דער בוים אין גאָרטן סארפעט,
מאכט א סרייפע דיר אין הארץ —
און קיין סאָף דײַן ליד, זי דארף ניט...
אײַ, א לעבן איז דורכגעלאָפן?
און סע ענדיקט זיך די ליד,
ווייס, דאָס איז נאָך אויך קיין סאָף ניט!
צווישן אלע אָנהייבן און סאָפן —
דו ביסט שטענדיק אין דער מיט.



# קאָנגאָ

קאָנגאָ! — דיך שלאָגט מען מיט קייטן איבערן פּאָנעם,
דיר טוט מען אָן שלעסער אף די הענט,
אין הויכן הימל הענגט א בלוטיקע לעוואָנע,
און רויט איז איצט דער שווארצער קאָנטינענט.

קאָנגאָ! — ביסט א בארג מיט גאָלד און אויך א טפיסע,
פלעכט אויס א שטריק פון האס און טרערן
פאר קנעכט־הענדלער, די ביזנעס־מיס:אָנערן,
וואָס אין קאטאנגער וועלדער דײַנע זין צעשיסן.

קאָנגאָ! — טרײַב אראָפּ פון הימל די בלוטיקע לעוואָנע,
טו ניט אויס דײַן איינציק קלייד פון לײַב, דײַן הויט,
טו אליין א קוק דײַן גורל איצט אין פּאָנעם,
און זעץ זיך ניט צום טיש אינײנעם מיטן טויט.

קאָנגאָ! — אין דײַנע קאנטן די לעשוינעס, ווי אין באָוועל,
צעמישט געוואָרן אין דער לאנגער נאכט,
נאָר סע טאָגט דאָך שוין, די זון איז נאָענט!
און די זון באגעגענען אלע מענטשן אף איין שפראך...

# אין קאַדיִעווקע

אין שאכטיאָרישן שטעטל,
אין קאַדיִעווקע,
בא דער שאכטע מע זיצט,
ווי אף אן אעראָדראָם פארן אָפפלי.
אין הימלשע ווײַטן,
א פרישער הארבסטיקער אינדערפרי
מיט טוי אין פּאָנעם שפריצט.
ווען א פילאָט איך בין,
קיין שאכטיאָר
וואָלט מיט מיר זיך ניט בײַטן.
אויך דאָ אונטער דער ערד
פאראן אזא מוזיק,
וואָס די הענט דערהערן,
און ווי גרויס איז דאָס גליק —
אין אונטערערד
אויסהאקן פאר זיך שטערן!

# מיט מײַנע אויגן

העגנט א רעגן אף די אויגן,
און די ערד איז אויסגעבויגן.
בערג און וועלדער, קרומע טײַכן.
ווען מע זאָל עס אַלץ אויסגלײַכן —
כלעבן, אַז סע וואָלט ניט טויגן,
אַט די ראָד פון רעגנבויגן,
וואָס איבער וועלדער שטייט געבויגן,
און די ווינטמיל,
ווו צוגעזעצט האָט זיך א פויגל
אף א פליגל...
ליבער פויגל, שיינער פויגל,
ביסט א וועלט שוין אויסגעפלויגן
און געקומען צו א קרומען
ווינטמיל־פליגל —
כלעבן, אַז סע וואָלט ניט טויגן,
ווען דער פליגל איז א גלײַכער...
בערג און וועלדער, קרומע טײַכן,
ווען מע זאָל עס אַלץ אויסגלײַכן:
אַט די דערפער אינעם בארג־טאָל,
פי און פערד און פײַכטע סטויגן —
כלעבן, אז סע וואָלט ניט טויגן...
בלויז דער מענטש זאָל שטיין א גלײַכער
אף דער ערד
פאר מײַנע אויגן,
ווײַל נאָר דעמלט זינגט זײַן שיינקײַט,
ווען ער איז ניט אויסגעבויגן.

---

# א בוים

איך האָב א בוים
אויסגעהאקט
און פון וואלד
אין א זײַט אים פארשלעפּט,
און געמאכט פונעם בוים
א זײַטל פאפיר.
אף דעם זײַטל פאפיר
איך האָב א בוים
אָנגעמאָלט,
דעם וואָלקן אין רוים,
און דאָס טײַכל
אין טאָל...
נאָר סע טוט אזוי וויי
דאָס הארץ בא מיר!
איך האָב א בוים
אויסגעהאקט
צוליב א זײַטל פאפיר.

1960—1961.

## טשינגיז אײַטמאַטאָוו



געבוירן אין 1928 אין קירגיזיע. פארענדיקט דעם לאנדווירטשאפטלעכן אינסטיטוט אין פרונזע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1952. וווינט אין פרונזע.

# דזשאַמיליאַ

אַט שטיי איך און קוק ווידער אפן בילד. ס'איז ניט קיין גרויס לײַוונט, אין א פּראָסטע ראַמל. מאָרגן פרי דארף איך פאָרן אין איִל, דעריבער קוק איך אפן בילד לאנג און מיט האָפענונג, פּונקט ווי עס קאָן מיר ווינטשן א גליקלעכע רײַזע. דאָס בילד האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געשיקט אף קיין אויסשטעלונג. אז מײַנע קרויווים קומען צו מיר, באהאלט איך עס וואָס ווײַטער. שעמען זיך איז ניט שײַעך, נאָר קיין מוסטער פון קונסט איז עס ניט. עס איז פּראָסט, ווי פּראָסט עס איז די ערד, וואָס איז אף דעם אָנגעמאָלט.

אין הינטערגרונט פון בילד — דער ראנד פון הארבסטיק-אָפּגעבליאקעוועטן הימל, דער ווינט טרײַבט איבער די בערג געשווינדע גרוילעכע וואָלקנדלעך. אפן פאָדערשטן פּלאַן — א ברוינלעך-רויטער מיט פּאָלין פארוואקסענער סטעפּ. א שווארצער וועג, נאָך ניט אויסגעטריקנט פון די ערשט דורכגעגאנגענע רעגנס. בא די זײַטן וועג וואקסן געדיכט אָפּגעבראָכענע משוּע-קום-טעם. לענגאויס דער צעשווענקטער קאָלייע זעט מען שפּורן פון צוויי פוסגייער. וואָס ווײַטער, זײַנען די שפּורן אַלץ שוואכער און עס דוכט זיך — זאָלן די פוסגייער מאכן נאָך איין שפּאַן, טרעטן זיי אריבער די גרענעצן פון דער ראַם. איינער פון זיי... איבעריקס, צו וואָס פארלויפן פאָרויס?

דאָס איז געווען אין מײַן פרִיער יוגנט. ס'איז געגאנגען דאָס דריטע מילכאָמע-יאָר. ערגעץ הינטער קורסק און אָריאָל האָבן אף די פראָנטן זיך געשלאָגן אונדזערע טאטעס און אונדזערע ברידער. מיר, די פּופּצניאַריקעס, האָבן געארבעט אין קאָלווירט. אף אונדזערע שוואכע פּלײצעס איז געפאלן די שווערע טאָגטעגלעכע פּויערשע פּראצע. באזונדערס שווער איז געווען שניט-צײַט. גאנצע וואָכן פלעגן מיר די היים ניט אָנקוקן, טאָגן און נעכטיקן אפן טויק אָדער אפן וועג צו דער סטאנציע, וווהין מע פלעגט צונויפירן די טווּע.

אין איינעם פון די באזונדערס הייסע טעג, ווען די סערפּן זײַנען, ווי עס האָט זיך געדוכט, ביז רויט אָנגעגליט פון שנײַדן, בין איך אף דער ליידיקער ברימשקע צוריקגעפאָרן פון סטאנציע און האָב באשלאָסן פארקערעווען אהיים.

אפן בערגל, לעבן סאמע טײַכל, דאָרט, ווו די גאס ענדיקט זיך, שטייען צוויי שטיבער, ארומגעצוימט מיט פעסטע סאמאן-דוואלן. ארום די הויפן וואקסן הויכע טאָפּאָלן. דאָס זײַנען אונדזערע שטיבער. שוין לאנגע יאָרן לעבן בישכיינעם אונדזערע צוויי געזינדן. איך בין פון דער גרויסער שטוב. איך האָב צוויי ברידער. ביידע זײַנען זיי עלטער פון מיר, נאָך באָכערים. ביידע זײַנען זיי אוועק אפן פראָנט און שוין א לאנגע צײַט, אז מיר ווייסן פון זיי גאָרנישט. אין שטוב בלײַבט די מאמע מיט מײַן שוועסטערל. אין שכיינעסדיקן הויף, אָדער ווי מע רופט אים אין איִל — אין דער קליינער שטוב, וווינען אונדזערע נאָענטע קרויווים. אונדזערע און זייערע עלטערזיידעס, צי עלטער-עלטערזיידעס זײַנען געווען צווישן זיך לײַבלעכע ברידער, נאָר איך רוף זיי נאָענטע קרויווים, ווײַל מיר וווינען דאָ אין איין גרויס געזינד, אזוי פירט זיך בא אונדז פון גאָר לאנגע צײַטן, ווען אונדזערע זיידעס האָבן אינאיינעם יורטעס געשטעלט, אינאיינעם טשערעדעס געפיטערט, אינאיינעם געוואנדערט. אָט אזוי איז אָפּגעהיט געוואָרן די זיידישע טראדיציע. און ווען אין איִל איז געקומען די קאָלעקטיוויזאציע, האָבן אונדזערע טאטעס זיך געבויט אין נאָענטער

שכיינעם. גאנץ אראלער גאס, וועלכע ציט זיך לענגויס דעם טײַך, איז באוווינט פון אונדזערע קרויווים.

אינגיכן נאָך דער קאָלעקטיוויזאציע איז געשטאָרבן דער באלעבאָס פון דער קליינער שטוב, זײַן ווײַב איז געבליבן אן אלמאָנע מיט צוויי קליינע יינגלעך. לויטן אוראלטן שטאם־מינהעג אדאט, וועלכער איז נאָך דאן אָפּגעהיט געוואָרן, איז פארווערט ארויסצולאָזן אין דער פרעמד אן אלמאָנע מיט זין, דעריבער האָבן אונדזערע קרויווים כאסענע געמאכט מײַן טאטן מיט דער אלמאָנע. ווערן דער אלמאָנעס מאן — דאָס איז געווען מײַן טאטנס פליכט פאר די הייליקע גײַסטער פון די אָוועס, ווײַל ער איז זאָך געווען דעם געשטאָרבענעמס נאָענטסטער קאָרעוו. אָט אזוי איז אונדז צוגעקומען נאָך א געזינד. די קליינע שטוב האָט זיך געהאט איר באזונדערע באלעבאטישקײַט, מיט איר ערד, מיט אירע בעהיימעס, נאָר געלעבט האָבן מיר איניינעם.

פון דער קליינער שטוב זײַנען אויך צוויי זין געווען אין דער ארמיי. דער עלטערער זון סאדיק איז אוועק אין דער ארמיי גלײַך נאָך זײַן כאסענע. פון ביידע זין פלעגן מיר קריגן בריוו, נאָר מיט גרויסע איבערײַסן. אין דער קליינער שטוב איז געבליבן מײַן מאמע, וועלכע איך האָב גערופן „קיטשי אפּא" — יינגערע מאמע, מיט איר שנור, סאדיקס ווײַב. ביידע האָבן זיי פון פרי ביז נאכט געארבעט אין קאָלווירט. מײַן יינגערע מאמע איז געווען א גוטע, א צוגעלאָזטע, א יווישערדיקע פרוי. בא דער ארבעט איז זי ניט אָפּגעשטאנען פון די יונגע סײַ אינעם גראָבן אריקעס, סײַ אינעם באוואסערן די ערד — זי האָט נאָך גוט געהאלטן דעם קעטמען אין די הענט. און ס'איז באשערט געווען מײַן מאמען צו האָבן אויך א שנור א בעריע. דזשאמיליא, אזוי האָט געהייסן די שנור, איז, ווי מײַן מאמע, געווען א האָרעפּאשניצע, א גראָטענע, אן אומדערמידלעכע, נאָר א כאראקטער האָט זי געהאט גאָר אן אנדערן.

איך האָב זייער ליב געהאט דזשאמיליען, און זי מיך אויך. מיר האָבן זיך געבאוועט, נאָר רופן איינער דעם אנדערן בא די נעמען האָבן מיר ניט געוואגט. ווען מיר זאָלן געווען געהערן צו באזונדערע געזינדן, וואָלט איך זי געוויס גערופן דזשאמיליא, נאָר איצט האָב איך זי גערופן „דזשענע", ווײַל זי איז געווען דעם עלטערן ברודערס ווײַב. זי מיך האָט גערופן „קיטשינע באלא" — קליין יינגל, כאָטש איך בין שוין געווען גאָר ניט אזא קליינער און זי איז געווען ניט קיין סאך עלטער פון מיר. נאָר אזוי פירט זיך שוין בא אונדז אין איל. די שנור רופט דעם מאנס יינגערן ברודער „קיטשינע באלא" אדער „מאָי קאיני".

די באלעבאטישקײַט פון ביידע הויפן האָט געפירט מײַן מאמע. מײַן שוועסטערל האָט איר געהאָלפן. דאָס שוועסטערל איז געווען א קאָמיש מיידעלע מיט פערעמלעך אין די צעפּלעך. איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי פלײַסיק זי האָט געארבעט אין יענע שווערע טעג. זי האָט געפיטערט אהינטער אונדזערע גערטנער די לעמעלעך מיט די קעלבער פון ביידע הויפן, געקליבן קיזיאק און טרוקענע צווײַגן, אז אין שטוב זאָל שטענדיק זײַן, מיט וואָס צו הייצן. זי, מײַן שוועסטערל מיטן פאריסענעם נעזל, האָט באשײַנט דער מאמעס עלנטע איינזאמקײַט, פארגרינגערט איר שווער געמיט — די בענקשאפט נאָך די זין, וועלכע זײַנען ווי אין וואסער ארײַן!

אדאנק מײַן מאמען האָט אונדזער גרויס געזינד געלעבט בעשאָלעם און ניט געוווּסט פון קיין דאכקעס. זי איז געווען די פולע באלעבאָסטע פון ביידע הויפן, די היטערן פונעם מיש־פּאָכע־גײַסט. נאָך גאָר א יונגע איז זי געקומען צום זיידן אין דער וואנדער־יורטע און פון דעמלט אָן איז זי די הערשערן אין ביידע געזינדן. זי געוועלטיקט שטרענג, נאָר מיט יוישער. אין איל האָט מען זיך באצויגן צו איר מיט גרויס אכטונג, ווי צו א גערעכטיקער, קלוגער און באהאוונטער באלעבאָסטע. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו הערן, ווי מענטשן זאָגן: „גיי בעסער ניט צום אוסטאקע, — אזוי רופט מען אין איל א רעכטן באלמעלאָכע, — ער ווייסט נאָר זײַן זעג און זײַן האק, דער קאָפּ פון געזינד איז בא זיי די עלטערע מוטער, צו איר גיי".

כאָטש איך בין געווען נאָך זייער יונג, האָב איך זיך דאָך אָפּט געמישט אין דער באלעבאטישקײַט. דאָס איז געווען מעגלעך דערפאר, ווײַל די עלטערע ברידער זײַנען אוועק אף דער מילכאָמע. אָפּט אין א שפּאס און צײַטנווײַז ערנסט פלעגט מען מיך רופן דער דזשיגיט, דער שפּײַזער, דער באשיצער פון צוויי געזינדן. איך בין געווען שטאָלץ דערמיט. דאָס געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקײַט האָט מיך קיינמאָל ניט פארלאָזט. די מאמע פלעגט אונטערהאלטן מײַן שטאָלץ און מײַן זעלבשטענדיקײַט, ווײַל זי האָט געוואָלט, איך זאָל קענען פירן א ווירטשאפט און קענען רײדן מיט מענטשן, ניט ווי דער טאטע דער שווײַגער, וואָס קען נאָר הובלען און זעגן און גאנצע טעג הערט מען פון אים קיין וואָרט ניט.

אלזאָ, אין יענעם טאָג האָב איך אָפּגעשטעלט די בריטשקע לעבן שטוב, אין שאָטן פון דער ווערבע, האָב אָפּגעלאָזט די פּאָסטראָמקעס און, דורכגייענדיק דעם טויער, האָב איך דערזען אין הויף אונדזער בריגאדיר אָראָזמאטן. ער איז געזעסן רײַטנדיק אפן פערד און זײַן קוליע איז, ווי שטענדיק, געווען צוגעבונדן צום זאָטל. דערנעבן איז געשטאנען מײַן מאמע. זיי האָבן זיך וועגן עפּעס געאמפּערט. צוגעגאנגען נענטער, האָב איך דערהערט, ווי מײַן מאמע טײַנעט: דאָס איז אומעגלעך! גאָט באהיט. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז א פרוי זאָל פירן זעק אף א בריטשקע! ניין, מײַן טײַערער, די שנור מײַנע לאָז צורו, זאָל זי זיך טאָן איר זאך, און איך דארף זי טאקע אין שטוב — איך קוק דאָך די ליבטיקע שײַן ניט אָן. ווייסט דען ניט, וואָס



הייסט ספּראווען זיך מיט צוויי באלעבאטישקײַטן! נאָך גוט, וואָס דאָס טעכטערל איז אונטערגעוואקסן. שוין א וואָך, ווי איך קאָן דעם רוקן ניט אויסגלײַכן. עס ברעכט מיר דער קרייץ, ווי איך וואָלט קאָשמעס געוואליעט. די קוקורוזע שטייט און כאלעשט א טרונק וואסער!

— האָט די מאמע געטײַנעט מיט היץ, ארײַנשטעקנדיק יעדע ווײַלע א ברעג שאל היגטערן קאָלנער פון קלייד. זי פלעגט עס אלע מאָל טאָן, ווען זי פלעגט זיך בייזערן.

— ס'ארא מאָרנער מענטש איר זײַט! — האָט מיט אנטוישונג געזאָגט אָראָזמאט און דערבײַ זיך א שאָקל געטאָן אין זאָטל. — ווען איך זאָל האָבן א פוס, ניט קיין אָפּגעהאקטן קלאָץ, וואָלט איך דען געקומען צו אײַך בעטן? כ'וואָלט בעסער, ווי אמאָל, אליין ארײַנגעוואָרפן די זעק אין בריטשקע און היידא צו דער סטאנציע! אוואדע איז דאָס ניט קיין ווײַבערשע מעלאָכע. איך ווייס עס זייער גוט, נאָר ווו זאָל איך נעמען מאנצבלען?.. בעמיילע מוז מען אָנקומען צו די סאָלדאטקעס. זיי זאָלן פירן ברויט. איר זײַט ניט צופרידן, איר ווילט ניט, אז אײַער שנור זאָל פאָרן צום באן, אָבער די נאטשאלניקעס גייט עס ניט אָן. זיי טײַנען: די סאָלדאטן דארפן ברויט! מע טאָר ניט אראָפּרײַסן דעם פּלאן!

איך בין צוגעגאנגען צו זיי, שלעפּנדיק די בײַטש איבער דער ערד. דערזען מיך, האָט דער בריגאדיר זיך זייער דערפרייט. אפּאָנעם, ס'איז אים געקומען א גוטער געדאנק אפן זינען.

— נו, אויב איר ציטערט אזוי איבער אײַער שנור, איז אָט נאט אײַך איר קייני, — האָט דער בריגאדיר א דערפרייטער באוויזן אף מיר, — ער וועט קיינעם צו איר ניט צולאָזן פאר א מײַל. איר מעגט שוין זײַן רויק, ער איז דאָך בא אונדז א מאָלאָדיעץ. אָ־אָ, די כעוורעלײַט זײַנען אונדזערע שפּײַזערס, אונדזערע אויסלייזער...

די מאמע האָט מיך דערזען און ניט געלאָזט דעם בריגאדיר ענדיקן.

— אוי, דו שלימאזל איינער, — האָט זי זיך צעטײַנעט, — ס'ארא קאָלטענעס בא דיר זײַנען אויסגעוואקסן. דער טאטע אונדזערער איז אויך א גוטינקער, ער האָט קיין צײַט ניט דעם זון אָפּצוגאָלן...

— אלזאָ, אָפּגערעדט, זאָל דאָס יאטל הײַנט זיך לאָזן ווילגיין בא טאטע־מאמע, זאָל מען אים טאקע אָפּגאָלן, — האָט אָראָזמאט פלינק אונטערגעכאפּט דער מאמעס טאָן. — סעזט, בלײַבסט הײַנט אין שטוב, גיב אכטונג, די פערד זאָלן זײַן זאט. מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר געבן דזשאמיליען א בריטשקע, וועט איר צוזאמען ארבעטן. נאָר געדענק, דו ביסט פאראנטוואָרטלעך פאר איר. זײַ רויק, באביטשע, כעזט וועט קיין שטייבעלע ניט לאָזן פאלן אף איר. שאט, ווייסט איר גאָר וואָס, איך שיק מיט זיי דאניארן! איר קענט דאָך אים: א שטילער אזא... ער איז דאָ ניט לאנג געקומען פון פראָנט. וועלן זיי זײַן זאלבעדריט, איז דאָך ווויל ווי די וועלט, זיי וועלן פירן ברויט אף דער סטאנציע און צו אײַער שנור וועט קיינער ניט וואגן זיך צוצורירן. עמעס, סעזט? פארשטייסט, סעזט, מיר ווילן באשטימען דזשאמיליען פאר א באלעגאָלע, איז זאָג דער מאמען, רייד איר אײַן.

מיר האָבן האנאָע געטאָן דעם בריגאדירס לויב־ווערטער, זײַן אייצען זיך מיט מיר, ווי מיט א דערוואקסענעם. דערצו האָב איך זיך טאקע פאָרגעשטעלט, ווי גוט עס וועט זײַן צו פאָרן מיט דזשאמיליען איניינעם צו דער סטאנציע. האָב איך געמאכט אן ערנסט פּאָנעם און געזאָגט צו דער מאמען:

— עס זיך ניט אָפּ דאָס הארץ, ס'וועט איר גאָרניט שאטן; נישקאָשע, די וועלף וועלן זי ניט אופעסן. — און, ווי א פילגעפּרוּווטער באלעגאָלע, האָב איך א זײַ געטאָן דורך די ציין און בין אוועק, שלעפּנדיק נאָך זיך די בײַטש און וויגנדיק דערבײַ מיט די אקסלען, ווי א דערוואקסענער.

— וואָס זאָגסטו אף אים! — האָט זיך די מאמע פארוווּנדערט, ווי זי וואָלט זיך דערפרייט. נאָר מיטאמאָל האָט זי בייז א געשריי געטאָן: — איך וועל דיר ווײַזן וועלף! פּונוואנען ווייסטו גאָר אזוינס, דו כאָכעם מײַנער!

— ווער זאָל וויסן, אויב ניט ער! א ווערטעלע, א דזשיגיט פון צוויי געזינדן, שטאָלצירן דארפט איר מיט אים! — האָט זיך פאר מיר אײַנגעשטעלט אָראָזמאט, קוקנדיק מיט אומרו אף דער מאמען, טאָמער פאראקשנט זי זיך ווידער.

נאָר די מאמע האָט זיך מער ניט געאקשנט, זי האָט זיך ווי אָנגעבויגן און מיט א שווערן זיפץ ארויסגערעדט:

— נא דיר גאָר א דזשיגיט! ס'איז דאָך נאָך א קינד און טאָג און נאכט הארעוועט עס! איין גאָט ווייסט, ווו אונדזערע דזשיגיטן זײַנען! פּוסט און לער זײַנען אונדזערע שטיבער, ווי פארלאָזענע יורטעס זעען אויס אונדזערע היימען...

איך בין שוין געווען ווײַט אוועקגעגאנגען און האָב ניט געהערט, וואָס די מאמע האָט נאָך געזאָגט. פארבײַגייענדיק האָב איך אזא שמייץ געטאָן מיט דער בײַטש איבער דעם ווינקל פון דער שטוב, אזש א שטויב האָט זיך אופגעהויבן. כ'האָב ניט געענטפערט אפן שמייכל פון דער שוועסטערקע, וואָס האָט געפּאטשט מיט אירע הענטעלעך, קלעפּנדיק קיזיאק, און איך בין באלעבאטיש אוועק אונטערן הויף־דאך. כ'האָב מיך צוגעזעצט די פיס אונטער זיך און, אופגיסנדיק פון קריגל, געוואשן די הענט. דערנאָך בין איך ארײַן אין צימער, אויסגעטרונקען א פּיאלע זויערמילך, אנגעגעסן נאָך איינע, אוועקגעשטעלט זי אפן פענצטער און גענומען אָנבראָקן ברויט...

די מאמע מיט אָראָזמאטן זײַנען נאָך אליץ געווען אין הויף. זיי האָבן זיך שוין מער ניט געאמפּערט, נאָר רויק און שטיל געשמועסט, מיסטאָמע וועגן מײַנע ברידער... די מאמע האָט

יעדער ווײַלע געווישט מיטן ארבל פון קלייד די עטוואָס צוגעשוואָלענע אויגן, פארטראכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַף אַראָזמאַטס טרייסטווערטער. איר פארנעפּלטער בליק האָט געבלאָנדזשעט ווײַט-ווײַט איבער די ביימער, ווי זי וואָלט געהאָפּט צו דערזען דאָרט אירע זין.

די בענקשאַפט האָט ווייך געמאַכט מײַן מאַמעס האַרץ. זי איז אײַנגעגאַנגען אַפן בריגאַדירס באַקאָשע. א צופרידענער האָט ער א שמיץ געטאָן דאָס פערד און איז ארויסגעריטן פון הויף.

ניט די מאַמע, ניט איך האָבן דעמלט ניט געקאָנט, פארשטייט זיך, פאָרויסזען, מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן.

איך האָב קיין קאַפּעלע ניט געקווענקלט זיך, אַז דזשאַמיליא וועט זיך ספּראַווען מיט פערד און שפּאַן. זי, ווי איר טאַטנס א טאָכטער, איז געווען געניט אין אַזויגע זאַכן. איר טאַטע האָט געהאַלטן א גרויסן טאַבון אין באַרג-אַיִל באַקאַיִר. איינמאָל אין פרילינג בײַם א פערד-געוועט האָט דזשאַמיליא אריבערגעיאָגט סאַדיקן. סאַדיק איז ווײַט ניט קיין שלעכטער רײַטער. ווער ווייסט, צי איז דאָס עמעס אָדער ניין, נאָר מע האָט געשמועסט, אַז סאַדיק האָט דאָס אַזוי שטאַרק איבערגעלעבט, אַז ער האָט נאָך דעם אוועקגעגאַנוועט דזשאַמיליען... אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז סאַדיק מיט דזשאַמיליען האָבן כאַסענע געהאַט אויס רייִנער ליבע. אַזוי, צי אַנדערש, נאָר געלעבט אײַנינעם האָבן זיי סאַכאַקל פיר כאַדאָשים.

איך ווייס ניט, ווי דאָס צו דערקלערן, עפּשער דערפאַר, וואָס דזשאַמיליא האָט אײַנינעם מיט איר טאַטן געטריבן טאַבונעס און עפּשער דערפאַר, ווײַל זי איז בײַ איר טאַטן געווען אי א טאָכטער אי א זון. אָבער אין איר כאַראַקטער איז געווען עפּעס מאַנצבלשעס, עפּעס שאַרפֿס, אַפילע גראָבס. געאַרבעט האָט זי אויך מיט מאַנצבלשער ענערגיע, בעריִש און שפּאָרעוודיק. מיט די שכיינעס געלעבט בעשאָלעם, נאָר ווען א שכיינע פלעגט זיך דערוועגן זאָגן איר א קרום וואָרט, פלעגט יענע כאַפּן דעם עמעסן ביילעק, ווײַל נאָכגעבן, פאַרשווײַגן — דאָס האָט דזשאַמיליא ניט געקאָנט. ס'האָט אַפילע געטראָפן, אַז בײַ א שכיינע זײַנען די האָר שימערלעך געוואָרן...

די שכיינים פלעגן זיך אָפּט באַקלאָגן:

— א שנור האָט איר א גאָלד! א מיטוואָך אָן א יאָר אַז זי איז אריבערגעטראָטן אײַער שוועל, און דאָס צינגל אירס דרעשט. ניטאָ קיין בושע פאַר לײַט, קיין אָפּשײַ פאַר עלטערע.

— איז טאַקע גוט, וואָס זי איז אַזאַ! — פלעגט ענטפערן די מאַמע. — מײַן שנור האָט ליב צו זאָגן דעם עמעס אין די אויגן, און דאָס איז פיל בעסער איידער כאַנפענען אין די אויגן און בײַסן אין דער שטיל. אײַערע זײַנען שטילינקע, נאָר עס שמעקט פון זיי מיט פוילע אייער. פון אויסן זײַנען זיי שיין, ריין און



גלאַט, פון אינעווייניק — כאָטש פארשטעק די נאָז.

דער טאַטע מיט דער יינגערער מאַמען זײַנען זיך ניט באַגאַנגען שטרענג מיט דזשאַמיליען, ווי דאָס טרעפט בײַ שווער און שוויגער: זיי זײַנען טאָמיד געווען צו איר גוט, זי ליב געהאַט, פאַרלאַנגט פון איר נאָר איינס — זי זאָל געטרײַ זײַן גאָט און דעם מאַן.

איך האָב זיי גוט פארשטאַנען — זיי האָבן אוועקגעגעבן פיר זין אַף דער מילכאָמע. דזשאַמיליא איז געווען די איינציקע שנור פון ביידע הויפן. זי איז געווען זייער גאַנצע טרייסט און דערפאַר טײַער. נאָר מײַן מאַמע האָט מיך איבערראַשט, איך האָב זי פּאָשעט ניט פאַרשטאַנען: מײַן מאַמע איז דאָך ניט געווען פון יענע, וואָס קאָנען פּאָשעט ליב האָבן א מענטשן. זי האָט פאַרמאָגט א הערשנדיקן, האַרבן כאַראַקטער, זי איז קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן פון אירע געזעצן, האָט קיינמאָל ניט געביטן איר פירונג. אַלע יאָר אין פרילינג פלעגט זי אָפּסנײַ אוועקשטעלן אין הויף די יורטע, זי ארומרייכערן מיט מאָזשעוועלניק. דאָס איז געווען די אַמאָליקע וואַנדער-יורטע, וואָס דער טאַטע האָט געמאַכט אין דער יוגנט. די מאַמע איז אַלעמאָל געווען פאַרהאָרעוועט און האָט אונדז געלערנט, מיר זאָלן ליב האָבן פּראַצע, מיר זאָלן האָבן אָפּשײַ פאַר עלטערע.

פון די ערשטע טעג, וואָס דזשאַמיליא איז אַרײַן צו אונדז אין שטוב, האָט זי זיך געפירט ניט אַזוי, ווי עס באַדאַרף זיך פירן א יונגע שנור. עמעס, זי האָט געפאָלגט, געהאַט אָפּשײַ פאַר עלטערע, אָבער דעם קאָפּ האָט זי קיינמאָל ניט געבויגן... זי האָט אויך ניט באַרעדט שווער און שוויגער הינטער די אויגן, ווי אַנדערע שניר, זי האָט שטענדיק אָפן געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט, ניט מוירע געהאַט ארויסצוזאָגן איר אייגענע מיינונג. די מאַמע פלעגט אָפּט אונטערהאַלטן דזשאַמיליען, אַפילע מאַסקים זײַן מיט איר, אָבער דאָס לעצטע, דאָס אַנטשיידענע וואָרט האָט געהערט דער מאַמען.

מיר פלעגט זיך אויסווײַזן, אַז די מאַמע האָט געזען אין דזשאַמיליעס אָפּריכטיקײַט און יוישערדיקײַט איר, דער מאַמעס, אייגענעם כאַראַקטער, — זי האָט געטרוימט, אַז די שנור זאָל אַמאָל ווערן אַן עמעסע און שטרענגע באַלעבאָסטע, זאָל פאַרנעמען איר, דער מאַמעס, אָרט און מיט קאָווער אָפּהיטן דעם מישפּאָכע-גײַסט, עס זאָל קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן דאָס פײַער בײַ ביידע געזינדן פון ביידע הויפן...

— א דאַנק און א לויב צום אַלאַך, טאָכטער מײַנע, דו ביסט געקומען אין א פעסטער, געבענטשטער שטוב. דאָס איז דײַן גליק. וואָס איז ווײַבעריש גליק? אין קימפּעט ליגן, קינדער האָבן, זען, אַז די זעט און די שעפע אין שטוב זאָל זיך מערן... אַלץ, וואָס מיר האָבן, איז, דאַנקען גאָט, דײַנס, אַלץ וועט בלײַבן פאַר דיר. אין קייווער נעמט מען גאָרנישט מיט. אָבער גליק נעסטעט זיך בײַ דעם, ווער עס קאָן אָפּהיטן זײַן ערע, זײַן עמעס, זײַן יוישער. געדענק זשע, היט עס אָפּ!..

אין יענעם טאָג איז געווען אַזוי, ווי דער בריגאַדיר האָט געזאָגט. איך בין געבליבן אין שטוב, איך האָב געוואָלט וואַרטן, ביז דער טאַטע וועט קומען און וועט מיך אָפּגאָלן. דערווײַל האָב איך זיך געזעצט שרײַבן אַן ענטפער אַף סאַדיקס בריוו. אין דעם פּראַט האָבן מיר אויך געהאַט אונדזערע באַשטימטע קלאָלים: די ברידער האָבן געשיקט די בריוו אַפן טאַטנס נאָמען. אָבער דער אײַלער בריוונטרעגער פלעגט זיי אָפּגעבן דער מאַמען. לייענען און ענטפערן אַף די בריוו — דאָס איז געלעגן אַף מיר. איך האָב, ניט לייענענדיק אַפילע, טאָמיד געוווּסט אַף אויסווייניק, וואָס סאַדיק שרײַבט. ווײַל אַלע זײַנע בריוו זײַנען געווען ענלעך איינער אַפן צווייטן, ווי שפּעלעך אין טשערעדע. סאַדיק האָט טאָמיד אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „איך קום צו מעלדן וועגן מײַן געזונט". דערנאָך איז געגאַנגען דער אומפאַרמײַדלעכער אָנזאָג: „די בריוו שיק איך מיט דער פּאָטשט צו מײַנע הויכגעשעצטע קרויווים, וואָס לעבן אין ווײַלמעקנדיקן בליִענדיקן טאַלאַס. דעם פילגעליבטן טײַערן פאָטער דזשאַלדזשובײַען..." ווײַטער איז געגאַנגען מײַן מאַמע, דערנאָך זײַן מאַמע, דערנאָך שוין מיר אַלע אין דער שטרענגסטער רײ. נאָכדעם פילצאָליקע פראַגעס וועגן געזונט און ווילשטאַנד פון די כאָשעווע אַקסאַקאַלן, וועגן די נאָענטסטע קרויווים און ערשט באַם סאַמע סאָף בריוו פלעגט סאַדיק, ווי כאַפּנדיק, צושרײַבן: „א גרוס שיק איך אויך מײַן ווײַב דזשאַמיליא"...

נו, געוויס, ווי קאָן מען דען שרײַבן אַנדעריש, ווען עס לעבן נאָך, א דאַנק אַלאַך, די אַקסאַקאַלן און די נאָענטסטע קרויווים אין אַיִל?.. אָנרופן דעם ווײַבס נאָמען אין די ערשטע שורעס אָדער אָנשרײַבן אַף איר נאָמען א בריוו? אַזוי טוט מען ניט, ס'איז ניט לײַטיש. אַזוי האָט געטראַכט ניט נאָר סאַדיק — אַזוי האָט געטראַכט יעדער מאַנספּאַרשוין, ס'איז שוין אַן אײַנגעוואָרצלטע זאַך, אַזוי פירט זיך פון שטענדיק אָן בײַ אונדז אין אַיִל, און איצט איז קיינעם גאָר ניט אײַנגעפאַלן צו צווייפלען דערין און דער קאָפּ איז אויך דערבײַ ניט געווען, וואָרעם יעדער בריוו איז געווען א גדולע און א פרייד.

די מאַמע פלעגט מיך צווינגען צו לייענען די בריוו א סאַך מאָל נאָכאַנאַנד. נאָכדעם פלעגט זי מיט א פרומער מינע און פול מיט ליבע נעמען די בריוו אין אירע פאַרהאָרעוועטע הענט, האַלטן דאָס בויגעלע פּאַפּיר, ווי א פייגעלע, וואָס אָט פלאַטערט עס אַוועק, קוים מיט צאָרעס פלעגט זי עס, ענדלעך, ווידער צונויפלייגן אין א דרײַעק, שעפּטשענדיק:

— טײַערינקע מײַנע, ווי א קאַמייע איז דאָך דאָס פאַר אונדז! — טרערן פלעגן זיך גיסן פון אירע אויגן, איר קאָל האָט געציטערט. — נו, אַוואַדע ווילן זיי דאָך וויסן, וואָס טאַטע-מאַמע מאַכן, וואָס הערט זיך בײַ קרויווים. וווּהין וועלן מיר אַהינקומען, האַרציקע מײַנע, מיר זײַנען דאָך בײַ זיך אין דער היים, אינעם אייגענעם אַיִל, מיר קוקן די אויגן אויס אַף אײַערן א בריוו, כאָטש איין וואָרט שרײַבט: איך לעב, איך בין געזונט — און פאַרטיק. מער ווילן מיר גאָרנישט!.. — זי פלעגט נאָך לאַנג קוקן אַפן דרײַעקיקן בריוול, נאָכדעם פלעגט זי עס ארײַנלייגן אינעם לעדערנעם זעקעלע און באַהאַלטן אין קופערט.

אויב דזשאַמיליא איז געווען דערבײַ, פלעגט מען איר געבן איבערלייענען דאָס בריוול. און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט נעמען דעם דרײַעק אין האַנט, פלעגט זי ווערן רויט-אָנגעצונדן... געלייענט האָט זי דורשטיק, גיך לויפנדיק מיט די אויגן איבער די שורעס. נאָר וואָס נענטער צום סאָף בריוו, אַלץ נידעריקער פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אירע אַקסלען. דאָס פײַער אַף אירע באַקן פלעגט זיך אויסלעשן און, ניט דערלייענענדיק דאָס בריוול ביזן סאָף, פלעגט זי עס אומקערן דער מאַמען מיט אַזויפיל גלײַכגילט, אַזוי קאַלט, ווי מע קערט אום אַן אַנטלײַענעם כויוו.

די מאַמע האָט אַפּאָנעם פארשטאַנען די זאַך אַף איר שטייגער... זי האָט אונטערגעגעבן דזשאַמיליען מוט:

— וואָס האָט מיט דיר געטראָפן, — פלעגט זי איר זאָגן, פארשליסנדיק דעם קופערט, — אָנשטאָט זיך צו פרייען, האָסטו זיך אײַנגעבויגן אײַנדרײַען! נאָר ד ײַ ן מאַן איז א סאָלדאַט? בלויז ד י ר האָט געטראָפן דאָס אומגליק? דאָס גאַנצע פאָלק בידעוועט, איז לײַד מיטן פאָלק אײַנײַנעם. צי עפּשער מיינסטו, אַז אַנדערע בענקען ניט, אַנדערע וויינען די אויגן ניט אויס? בענק, אָבער שווײַג! ווײַז דאָס ניט ארויס!

דזשאַמיליא האָט געשוויגן. נאָר איר אײַנגעשפּאַרטער בענקענדיקער קוק האָט, דוכט זיך, געזאָגט: „מאַמעניו, איר פארשטייט גאָ-ר-ר נישט".

סאַדיקס בריוו איז אויך דאָס מאָל געקומען פון סאַראַטאָווער שפּיטאָל. ער האָט געשריבן, אַז אויב גאָט וועט העלפן, וועט ער אין האַרבסט אַהיימקומען צוליב דער פאַרוווּנדונג.

איך בין טאַקע יענעם טאָג פּאַרט ניט געבליבן אין שטוב. איך בין אוועקגעפאָרן אַפן טויק, ווו איך פלעג אַלעמאָל נעכטיקן. כ'האָב געפּענטעט די פערד און זיי אוועקגעפירט אַפן ליוצערנע-פעלד. דער פאָרזיצער האָט שטרענג פאַרבאָטן צו פיטערן די פערד אַף דער ליוצערנע, נאָר איך האָב זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק. איך האָב בעשום-אויפן ניט געוואָלט, אַז מײַנע פערד זאָלן זיך אָפּצערן. איך האָב געהאַט א באַהאַלטן ערטעלע אין טאָלעכל און די פינצטערניש פלעגט מיר צוהעלפן. הײַנטיקס מאָל אָבער, אַז איך האָב געבראַכט אַהין מײַנע פערד, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז עמעצער האָט שוין געלאָזט אַפן ליוצערנע-פעלד פיר „פרעמדע" פערד. דאָס האָט מיר געטראָפן אין דער זיבעטער ריפּ. איך בין דאָך געווען באַלעבאָס!

ביז דער ערד... דאַניִאַר פֿלעגט בלײַבן שטײן מיט פֿאַרגלאָצטע אױגן, װי טראַכטנדיק װעגן עפּעס אַנדערש, נאָר זײַן בליק פֿלעגט זי באַגלײטן ביז צו דער טיר. ער האָט געװיס געמײנט, אַז אים געלינגט עס אױסצובאַהאַלטן, נאָר איך פֿלעג גוט באַמערקן זײַן קוק, און ס'האָט מיר ניט אָנגעהױבן צו געפֿעלן װערן. אַדרעבאַ, ס'האָט באַלײדיקט מײַנע געפֿילן, װײַל מיר איז קײנמאָל ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז דאַניִאַר קאָן װערט זײַן... דזשאַמיליען.

„װי געפֿעלט ער אײַך, ער פֿאַרקוקט זיך נאָר! װאָס איז שױן דאָ צו רײדן װעגן אַנדערע!" — פֿלעגט פּראָטעסטירן מײַן גאַנץ װעזן. און מײַן קינדערשער עגאָיזם, פֿון װעלכן איך בין דאַן ניט פֿרײַ געװען, פֿלעגט זיך אין מיר צעברענען מיט אַ מוירעדיקער אײפֿערזוכט. אָנשטאָט ראַכמאָנעס צו דאַניִאַרן האָב איך אים פֿײַנט געקראָגן און געפֿילט צו אים אַן עקל. איך פֿלעג זיך פֿרײען, װען מע האָט פֿון אים געשפּאָט.

אַנומלטן האָט אונדזער כױזעקן איבער אים זיך געענדיקט ביז גאָר טרױעריק. צװישן די זעק, אין װעלכע מיר פֿלעגן אָנשיטן טװוּע, איז געװען אַ גרױסער זאַק פֿון אַ װאָלענער רערנע, אין װעלכן עס פֿלעגן אַרײַן זיבן פּוד. איך מיט דזשאַמיליען פֿלעגן זיך געװײנלעך ספּראַװען מיט אים, אָבער פֿאַר אײן מענטשן איז דאָס געװען צו שװער. בעקיצער, האָב איך מיט דזשאַמיליען באַשלאָסן אַ שפּאַס טאָן. מיר האָבן דעם זיבנפּודיקן זאַק אַרײַנגעלײגט אין דאַניִאַרס בריטשקע און פֿון אױבן פֿאַרלײגט מיט געװײנלעכע זעק טװוּע. אונטערװעגנס זײַנען מיר אַרײַנגעלאָפֿן אין אַ רוסיש דאָרף, אָנגעריסן אין עמעצנס אַ סאָד עפּל און דזשאַמיליאַ האָט בײסן פֿאַרן געװאָרפֿן די עפּל צו דאַניִאַרן. דערנאָך האָבן מיר אים אַריבערגעיאָגט, לאָזנדיק אים אין אַ װאָלקן שטױב. דעריאָגט אונדז האָט ער ערשט אין באַרג-דורכפֿאַר, ניט װײַט פֿון דער באַן-ליניע. דער װעג איז געװען פֿאַרמאַכט, װײַל ס'האָט געדאַרפֿט דורכגײן אַ צוג. האָבן מיר צוגעװאַרט און זײַנען דערנאָך װידער געפֿאָרן צוזאַמען ביז דער סטאַנציע. ס'האָט זיך שױן אַזױ געמאַכט, אַז מיר האָבן אינגאַנצן פֿאַרגעסן װעגן דעם זיבנפּודיקן זאַק...

דערמאָנט זיך װעגן אים האָבן מיר ערשט דאַן, װען מיר האָבן געענדיקט אױסלאָדן די טװוּע. דזשאַמיליאַ האָט מיך שטיפֿעריש אַ שטױס געטאָן, װײַזנדיק מיטן קאָפּ אין דאַניִאַרס זײַט. ער איז געשטאַנען אין בריטשקע און פֿאַרזאָרגט געקוקט אױפֿן זאַק... אַז ער האָט אַ בליק געטאָן אין אונדזער זײַט און דערזען, װי דזשאַמיליאַ האָט אײַנגעהאַלטן דאָס געלעכטערל, האָט ער גלײַך פֿאַרשטאַנען, װעמעס אַרבעט דאָס איז, און איז געװאָרן רױט, װי אַ צװיק...

— די פּלודערן צי אַרױף. זאָלסט זײ ניט פֿאַרלירן אינמיטן װעג, — האָט צו אים אַ געשרײ געטאָן דזשאַמיליאַ. דאַניִאַר האָט בײז אַ קוק געגעבן אין אונדזער זײַט און אין אײן אױגנבליק אַ שלעפּ געטאָן דעם זאַק איבערן דעק פֿון דער בריטשקע, אים אַװעקגעשטעלט אױפֿן ראַנד, אַראָפּגעשפּרונגען, אונטערהאַלטנדיק דעם זאַק מיט אײן האַנט, אים אַרױפֿגעװאַלגערט אױפֿן רוקן און — איז אַװעק... מיר האָבן זיך געמאַכט ניט װיסנדיק, װי ס'װאָלט גאָרנישט ניט געטראָפֿן. די איבעריקע מענטשן, װעלכע זײַנען דאָ געװען, האָבן געװיס גאָרנישט ניט כױשעד געװען: אַ מענטש גײט זיך מיט אַ זאַק, נו, איז װאָס? אַלע גײען דאָ מיט זעק אױף די פּלײצעס! נאָר װען דאַניִאַר איז צוגעגאַנגען צום טראַפּ, האָט אים דזשאַמיליאַ דעריאָגט:

— װאַרף אַראָפּ דעם זאַק. כ'האָב פּאָשעט געשפּאַסט, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— אַ-װע-ק! — האָט דאַניִאַר אַרױסגערעדט, צעציִענדיק דאָס װאָרט.

— זע נאָר, ער שלעפּט טאַקע! — האָט דזשאַמיליאַ געזאָגט אַזױ, װי זי װאָלט זיך פֿאַרענטפֿערט. זי האָט נאָך אַלץ געלאַכט שטילינקערהײט, נאָר דאָס געלעכטער איז שױן געװען אומנאַטירלעך, אַ געצװוּנגענס.

ערשט איצט האָבן מיר באַמערקט, אַז דאַניִאַר פֿאַלט צו אַלץ מער און מער אױף זײַן פֿאַרװוּנדעטן פֿוס. װי האָבן מיר עס פֿריִער אַפֿילו ניט אַ טראַכט געטאָן װעגן דעם! ביז איצט קאָן איך זיך ניט מױכל זײַן אָט דעם נאַרישן שפּאַס אונדזערן. װי האָב איך, שױטע, גאָר אַזױנס געקאָנט צוטראַכטן!

— קער זיך אום! — האָט אױסגעשריִען דזשאַמיליאַ.

אָבער צוריקגײן האָט דאַניִאַר שױן ניט געקאָנט. הינטער אים זײַנען געגאַנגען נאָך מענטשן מיט זעק.

כ'קאָן זיך איצט גענױ ניט דערמאָנען, װאָס איז װײַטער געװען. כ'האָב געזען דאַניִאַרן אַ געבױגענעם אונטער דעם געשװאָלענעם זאַק. כ'האָב געזען, װי זײַן קאָפּ איז נידעריק געבױגן, װי ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן, װי ער גײט פּאַמעלעך, פֿאָרזיכטיק הײבנדיק דעם פֿאַרװוּנדעטן פֿוס. יעדער נײַער טראָט רופֿט אַרױס אַזאַ שטאַרקן װײטעק, אַז ער טוט אַזש אַ טרײסל מיטן קאָפּ און בלײַבט אַ רגע שטײן... אָבער װאָס העכער ער הײבט זיך איבערן טראַפּ, אַלץ מער װאַקלט ער זיך פֿון אײן זײַט אױף דער אַנדערער. ס'האָט מיך דורכגענומען אַזאַ פּאַכעד, אַזאַ בושע, אַז ס'איז מיר טרוקן געװאָרן אין האַלדז. איך בין פֿאַרשטאַרט געװאָרן פֿון גרױל, כ'האָב מיט אַלע מײַנע גלידער געפֿילט זײַן שװערע מאַסע, דעם שאַרפֿן װײטעק אין זײַן פֿאַרװוּנדעטן פֿוס. ער האָט זיך װידער אַ װאַקל געטאָן, אַ טרײסל געטאָן מיטן קאָפּ, ס'איז מיר פֿינצטער געװאָרן אין די אױגן. אַלץ האָט זיך אַ װיג געגעבן. די ערד איז אַװעקגעשװוּמען פֿון אונטער מײַנע פֿיס...

איך בין צו-זיך געקומען ערשט דעמאָלט, װען עמעצער האָט מיך זײער שטאַרק אַ נעם געטאָן בײַ דער האַנט. כ'האָב ניט דערקענט דזשאַמיליען. זי איז געװען װײַס-װײַס. די שװאַרצאַפּלען אין אירע ברײט צעעפֿנטע אױגן זײַנען געװען מױרעדיק גרױס. אירע ליפּן האָבן נאָך



געציטערט פֿון פֿריִערדיקן געלעכטער. איצט האָבן שױן ניט בלױז מיר, נאָר די אַלע, װאָס זײַנען דאָ געװען, זיך אַ לאָז געטאָן צום טראַפּ. דאַניִאַר האָט געמאַכט נאָך צװײ טריט, ער האָט געװאָלט פֿאַריכטן דעם זאַק אױפֿן רוקן — נאָר ער האָט זיך פּאַװאָליע, פּאַװאָליע גענומען אַראָפּלאָזן אױף אַ קני. דזשאַמיליאַ האָט מיט אירע הענט פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים.

— װאַרף, װאַרף אַװעק דעם זאַק! — האָט זי אױסגעשריִען.

אָבער ער האָט ניט אַראָפּגעװאָרפֿן דעם זאַק, כאָטש ער האָט אים געקאָנט אַראָפּלאָזן אין אַ זײַט פֿון טראַפּ, אַז די מענטשן, װאָס גײען נאָך אים, זאָלן ניט פֿאַלן. דערהערנדיק דזשאַמיליעס קול, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, אױסגעגלײַכט דעם פֿוס, געמאַכט נאָך אַ טריט און װידער זיך אַ װאַקל געטאָן...

— שלײַדער אים אַראָפּ, דו הינטישער זון אײנער! — האָט געברעװעט דער צונעמער.

— װאַרף אַװעק! — האָבן אַלע אױסגעשריִען.

נאָר דאַניִאַר איז דאָס מאָל אױך אױסגעשטאַנען. און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַלע, סײַ די, װאָס גײען הינטער אים איבערן טראַפּ, און אױך די, װאָס געפֿינען זיך אונטן, פֿאַרשטײען: באַדײַ ער װעט אײנײנעם מיטן זאַק אַװעקפֿאַלן, אַנדערש װעט ער אים פֿון רוקן ניט אַראָפּלאָזן. ס'איז געװאָרן טױט-שטיל. אַהינטער דער װאַנט האָט אָפּגעריסן דורכגעפּײַפֿט אַ לאָקאָמאָטיװ...

װי אַ פּריטשמעליעטער איז דאַניִאַר, װאַקלענדיק זיך, געגאַנגען אַרױפֿצו אונטערן אָנגעגליטן בלעכענעם דאַך, און די טראַפּ-ברעטער האָבן זיך געבױגן אונטער אים. געמאַכט צװײ טריט, פֿלעגט ער פֿאַרלירן דאָס גלײַכגעװיכט, אָפּשטעלן זיך, צונױפֿנעמען די לעצטע קױכעס און גײן װײַטער. די, װאָס זײַנען געגאַנגען הינטער אים, האָבן זיך געסטאַרעט צופּאַסן צו זײַנע טריט: זײ פֿלעגן אױך בלײַבן שטײן, װען ער פֿלעגט זיך אָפּשטעלן. דאָס האָט אױסגעמאַטערט, דאָס האָט די מענטשן אַרױסגעשלאָגן פֿון די קױכעס, נאָר קײנער האָט זיך ניט געבײזערט אױף דאַניִאַרן. װי צונױפֿגעבונדן מיט אַ פֿאַרהױלענעם שטריק, זײַנען די באַלאָדענע מענטשן געגאַנגען, װי מע גײט איבער אַ געפֿערלעך גליטשיקן שטעג, װוּ דאָס אײגענע לעבן איז געבונדן מיטן לעבן פֿונעם נאָענטן. מיט װיפֿל מיטלײַד און געבעט האָט אױף אים געקוקט די סאָלדאַטקע, גײענדיק פּוסטריט גלײַך נאָך אים. אירע צײנער זײַנען געװען פֿאַרפּרעסט, זי האָט קױם געפּלאָנטערט די אױסגעמאַטערטע פֿיס, נאָר אין איר טפֿילע האָט זי געבעטן גאָט פֿאַר אים, דאַניִאַרן...

דער שיפּועדיקער זײַט טראַפּ האָט זיך געענדיקט. געבליבן סאַכאַקל נאָך עטלעכע טריט. נאָר דאַניִאַר האָט זיך װידער אַ װאַקל געטאָן. דער פֿאַרװוּנדעטער פֿוס האָט מער ניט אױסגעהאַלטן. אָט-אָט רײַסט ער זיך אַראָפּ, אױב ער װעט די רגע ניט אַראָפּװאַרפֿן דעם זאַק.

— לױף, כאַפּ אונטער! — האָט דזשאַמיליאַ אױסגעשריִען, אױסשטרעקנדיק אירע הענט, פּונקט װי זי װאָלט מיט דעם געקאָנט פֿאַרגרינגערן דאַניִאַרן.

כ'בין אַרױפֿגעלאָפֿן אױפֿן טראַפּ, זיך דורכגעשטופּט צװישן די מענטשן מיט די זעק און בין צוגעלאָפֿן צו אים. ער האָט אױף מיר אַ קוק געגעבן פֿון אונטערן עלנבױגן. אױף זײַן נאַסן טונקעלן שטערן זײַנען אָנגעדראָלן געװאָרן די אָדערן. זײַנע אױגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און האָבן מיך אַ ברען געטאָן מיט בלוטיקן צאָרן. איך האָב געװאָלט אונטערכאַפּן דעם זאַק.

— טראָג זיך אָפּ פֿונדאַנען! — האָט ער אַ ברום געטאָן.

אונטערהינקענדיק, שװער כאַפּנדיק דעם אָטעם, מיט אַראָפּגעהאַנגענע אָנמעכטיקע הענט איז ער אַראָפּ פֿון טראַפּ. די שװײַגנדיקע מענטשן האָבן זיך פֿאַנאַנדערגערוקט. דער צונעמער האָט ניט אױסגעהאַלטן און אַ געשרײ געטאָן:

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ! איך בין דען ניט קײן מענטש, צי װאָס? שױן זשע װאָלט איך דיך ניט געלאָזט אױסשיטן דעם זאַק אונטן? װער שלעפּט עס אַזאַ מאַסע?

— דאָס איז מײַן דײגע, — האָט דאַניִאַר שטיל געזאָגט. אַ שפּײַ געטאָן און איז אַװעק צו זײַן בריטשקע. צוליב דעם, װאָס ער האָט אַזױ ערנסט אױסגעטײַטשט אונדזער לײַכטזיניקן שפּאַס, האָבן מיר אים אין די אױגן ניט געקאָנט קוקן.

אַ גאַנצע נאַכט זײַנען מיר געפֿאָרן שװײַגנדיק. פֿאַר אים איז דאָס געװען נאַטירלעך, אָבער אונדז האָט עס באַלעסטיקט. מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען: ער האָט אונדז מױכל געװען, צי ער האָט פֿאַרטײַעט די אװלע אין זיך. אױפֿן האַרצן איז אונדז געװען אָנגעזאָליעט, אונדזער געװיסן איז געװען ניט רײן.

באַגינען, װען מיר האָבן זיך װידער געלאָזן אױפֿן טױק, האָט דזשאַמיליאַ אַ נעם געטאָן דעם אומגליקלעכן זיבנפּודיקן זאַק, אַװעקגעשטעלט אױף זײַן ברעג אַ פֿוס און מיט קאַס אים צעריסן.

— נאַ, נעם דיר דײַן דעריוגע, — האָט זי אַ שלײַדער געטאָן דעם צעריסענעם זאַק צו דער פֿאַרװוּנדערטער װעגערן, — און זאָג דעם בריגאַדיר, ער זאָל אונדז מער אַזױנס ניט אונטערוקן!

— קוקט זי אָן, װאָס איז דאָס מיט דיר?

— גאָרנישט איז מיט מיר!

אַ גאַנצן טאָג האָט דאַניִאַר זיך אױפֿגעפֿירט, װי טאָמיד, שװײַגנדיק, ער האָט נאָר אַ ביסל מער װי געװײנלעך געהונקען, װען ער איז געגאַנגען מיט אַ מאַסע. דאָס האָט אונדז די גאַנצע צײַט ניט געלאָזט פֿאַרגעסן אונדזער שלעכטן שפּאַס, װײַל ס'איז דאָך געװען קלאָר, אַז ער האָט נעכטן צערײַצט די װוּנד מיטן זיבנפּודיקן זאַק. עס װאָלט אונדז גרינגער געװאָרן, װען ער טוט זיך אַ װיצל, װען ער גיט אַ לאַך. עס װאָלט אונדז אַ ביסעלע אַראָפּ פֿון האַרצן.

חייט געפרייט מיט עפּעס גוטס, וואָס איז באַוווּסט נאָר איר אַליין און מער קיינעם. עס פלעגט טרעפן, זי נעמט א זאק אפן אקסל, און שטייט צעטראָגן-אומבאהאָלפן, פּונקט ווי אנטקעגן איר טראָגט זיך א וואסער-כוואליע און זי ווייסט ניט, צי זי זאָל אריַין אין וואסער, צי ניט. דאניארן פלעגט זי אויסמיַידן, ניט קוקן אין זיַינע אויגן. אכומלמן, ווען מיר זיַינען געווען אפן טויק, האָט דזשאמיליא ווי מיט א בהייגעזער שטים צו אים געזאָגט:

— עפּשער וואָלסטו אויסגעטאָן דיַין גימנאסטיאָרקע? גיב, כ'וועל זי אויסוואשן!

ווען זי האָט אויסגעוואשן זיַין גימנאסטיאָרקע אין טיַיך, אויסגעשפּרייט אפן גראָז טריקענען, האָט זי זיך אוועקגעזעצט דערנעבן און לאנג פאנאנדערגעגלעט, באטראכט אף דער זון די ערטער, וואָס זיַינע פּלייצעס האָבן אויסגעריבן, צושאָקלענדיק דערביַי מיטן קאָפּ, דערנאָך בענקענדיק ווידער געגלעט.

איך האָב נאָך אלץ ניט פארשטאנען, וואָס עס טוט זיך מיט זיי. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך זיך געשראָקן צו טראכטן וועגן דעם. אָבער עס פלעגט מיר ווערן קאלעמוטנע, ווען איך פלעג באמערקן, אז דזשאמיליא סטארעט זיך אויסצומיַידן דאניארן. מיר וואָלט א סאך גרינגער געווען, ווען זי וואָלט, ווי פריִער, זיך געוויצלט און געלאכט פון אים. ווען מיר פלעגן אָבער צוריקפאָרן אין איל און א גאנצע נאכט הערן דאניארס געזאנג, פלעג איך באהערשט ווערן פון אן אומפארשטענדלעכער פרייד פאר זיי ביידן.

אין די בערג פלעגט דזשאמיליא פאָרן אף דער בריטשקע, און אין סטעפּ פלעגט זי גיין צופוס. איך פלעג אויך גיין צופוס. אזוי איז בעסער. גיין און הערן... צוערשט פלעגט יעדערער גיין לעבן זיַין בריטשקע, נאָר ביסלעכוויַיז פלעגן מיר אומבאמערקט זיך דערנעענטערן אלץ מער צו דאניארן. אן אומבאוווּסטע קראפט האָט אונדז געצויגן צו אים. עס האָט זיך געוואָלט זען דעם אויסדרוק פון זיַין פּאָנעם, זיַינע אויגן. שוין זשע גייט דאָס געזאנג פון אים, שוין זשע זינגט עס דער איינזאמער פארביטערטער דאניאר!

כ'האָב פיל מאָל באמערקט, ווי ציטערנדיק, ווי ריינד דזשאמיליעס האנט ציט זיך פּאוואָליע צו דאניארן. נאָר ער פלעגט דאָס ניט זען. ער האָט געקוקט ערגעץ אין די הימלען, אונטערשפּארנדיק מיט דער דלאָניע זיַין אקן, און זיך געשאָקלט פון איין זיַיט אף דער אנדערער. איר האנט פלעגט בליַיבן ליגן אן אָפּגעשוואכטע אפן ראנד פון דער בריטשקע. זי פלעגט א פלאטער טאָן, אוועקריַיסן די האנט און זיך אָפּשטעלן. אזוי פלעגט זי שטיין א בארווישטע, אן אָנגעבויגענע, לאנג, לאנג אים נאָכקוקן, און נאָכדעם גיין וויַיטער.

אמאָל פלעגט זיך מיר דאכטן, אז איך מיט דזשאמיליען זיַינען באהערשט פון איין געפיל, וואָס איז אונדז ביידן ניט פארשטענדלעך. עפּשער איז דאָס דאָזיקע אומפארשטענדלעכע געפיל שוין לאנג געווען אויסבאהאלטן אין אונדזערע נעשאָמעס און איצט איז געקומען זיַין ציַיט.

בא דער ארבעט פלעגט זיך דזשאמיליא פארגעסן, נאָר אין די זעלטענע איבערריַיסן אין דער ארבעט, ווען מיר פלעגן בליַיבן אפן טויק, האָט זי ניט געוווּסט, וווּ זיך אהינצוטאָן. זי פלעגט ארומבלאָנדזשען, זיך א כאפּ טאָן העלפן די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעווייט די טווּע, מיט האסט א שליַידער טאָן אין דער הייך עטלעכע לאָפּעטעס ווייץ, פלוצלינג אוועקוואַרפן די לאָפּעטע און אוועקגיין צו די שטרוי-סקירדעס. זי פלעגט זיך אנידערזעצן אין שאָטן, און, ווי מוירע האָבנדיק צו בליַיבן אליין, א רוף טאָן: קיטשינע באלא, קום אהער, זיץ א ביסל מיט מיר.

איך האָב אלעמאָל געוואוּסט, אז זי וועט מיר דערציילן עפּעס א וויכטיקע זאך, דערקלערן, וואָס עס טוט זיך מיט איר, וואָס זי איז אזוי צערודערט, אָבער זי פלעגט גאָרנישט ניט ריידן. שוויַיגנדיק פלעגט זי אוועקלייגן מיַין קאָפּ צו זיך אף די קני. קוקנדיק ערגעץ אין דער וויַיט, פלעגט זי צעשויבערן מיַינע האָרטע האָר און מיט אירע הייסע, ציטערנדיקע פינגער צארט גלעטן מיַין פּאָנעם. איך האָב געקוקט אף איר פון אונטן ארויף, געזען איר געזיכט, וואָס איז געווען פול מיט מעטושטעש-צערודערטער בענקשאפט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך זע אין איר טאקע זיך אליין. איך האָב געפילט, אז עפּעס פּיַיניקט זי, עפּעס זאמלט זיך און ריַיפט אין איר נעשאָמע, פאָדערנדיק אויסליַיזונג... אָט פאר דעם האָט זי טאקע מוירע געהאט. זי האָט פּיַינלעך געוואָלט און איינציַיטיק פּיַינלעך ניט געוואָלט פארשטיין, אז זי איז פארליבט. פּונקט ווי איך האָב געוואָלט און אין קיין פאל ניט געוואָלט, אז זי זאָל דאניארן ליב האָבן. און ווי האָב איך עס געקאָנט וועלן — זי איז דאָך געווען די שנור פון מיַין טאטע-מאמע, דאָס וויַיב פון מיַין ברודער!

אָבער אזוינע געדאנקען פלעגן מיר דורכשפּיזן בלויז איין רעגע. איך פלעג זיי טריַיבן פון זיך וואָס וויַיטער. עס איז פאר מיר געווען אן עמעסער פארגעניגן צו קוקן אף אירע קינדעריש צעעפנטע פילבארע ליפּן, צו זען אירע מיט טרערן פארנעפּלטע אויגן. ווי שיין זי איז דאן געווען. ס'ארא ליכטיקע, באגיַיסטערטע ליַידנשאפט האָט געשוועבט איבער איר פּאָנעם! דעמלט האָב איך עס געזען, אָבער איך האָב דאָס ניט פארשטאנען. אויך איצט פארשטיי איך דאָס ניט. איך פרעג זיך: עפּשער איז ליבע אויך אזוי באגיַיסטערנדיק, ווי באגיַיסטערנדיק עס איז דאָס שאפן פון א מאָלער, פון א דיכטער? קוקנדיק אף דזשאמיליען, פלעג איך וועלן אנטלויפן אין סטעפּ, שריַיען מיט א גרויס געשריי צו הימל און צו ערד, זיי זאָלן מיר זאָגן וואָס צו טאָן, וויאזוי ביַיקומען מיַין אומפארשטענדלעכע פּיַין. און איינמאָל האָב איך, דוכט זיך, געפונען אן ענטפער.



מיר זיַינען ווי שטענדיק געפאָרן פון דער סטאנציע. עס איז שוין געווען נאכט. הויפנסוויַיז האָבן זיך געזאמלט אין הימל די שטערן. דעם סטעפּ האָט געשלעפערט. נאָך דאניארס געזאנג האָט צעריסן די שטילקיַיט און קלינגענדיק זיך געלאָשן אין דער ווייכער פינצטערער וויַיט. איך און דזשאמיליא זיַינען געגאנגען נאָך אים.

נאָר וואָס האָט היַינט געטראָפן מיט דאניארן? אין זיַין זינגען איז געווען אזויפיל צארטקיַיט, אזא דורכדרינגלעכע בענקשאפט, אז טרערן פון מיטגעפיל און מיטליַיד האָבן מיך געוואָרגן.

דזשאמיליא האָט איַינגעבויגן איר קאָפּ און איז געגאנגען, פעסט האלטנדיק זיך פארן ראנד פון זיַין בריטשקע. און ווען ער האָט אופגעהויבן זיַין שטים, האָט דזשאמיליא א הייב געטאָן דעם קאָפּ און איז אריַינגעשפּרונגען צו אים אין בריטשקע. זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן אים און איז ווי פארשטיינערט געוואָרן, האלטנדיק די הענט אפן הארצן. איך בין א ביסל פארלאָפן פאָרויס און, גייענדיק, געקוקט אף זיי פון דער זיַיט. דאניאר האָט געזונגען ווי פריִער, פּונקט ער וואָלט ניט באמערקט, אז זי זיצט אזוי נאָענט לעבן אים... איך האָב געזען ווי אירע שוואך געוואָרענע הענט האָבן זיך אראָפּגעלאָזן און ווי זי האָט זיך צוגעטוליעט צו דאניארן, ליַיכט צוגעשפּארט איר קאָפּ צו זיַין אקסל. אף איין וויַילע נאָר, ווי דער איַילנדיקער טראָט פון פערד ווערט איבערגעשלאָגן דורך א שמיץ, האָט זיך זיַין קאָל איבערגעריסן און באלד האָט ער מיט נײַעם קויעך אָנגעהויבן זינגען. געזונגען האָט ער וועגן ליבע.

איך בין דערשיטערט געוואָרן. דער סטעפּ איז געוואָרן ווי אָנגעגליט, די פינצטערניש האָט זיך פאנאנדערגערוקט. אין פריַיען ברייט געוואָרענעם סטעפּ האָב איך דערזען צוויי פארליבטע. איך בין געגאנגען און האָב געקוקט, ווי זיי האָבן פארגעסן אלץ אין דער וועלט און הוידען זיך צום טאקט פון דער ליד. איך האָב זיי ניט דערקענט. דאָס איז דאָך געווען דער זעלביקער דאניאר אין זיַין צעשפּיליעט אָפּגעטראָגענער גימנאסטיאָרקע, אָבער די אויגן זיַינע האָבן געברענט אין דער פינצטער. דאָס איז געווען אויך מיַין דזשאמיליא, א צוגעטוליעטע צו אים, אזא שטילע, אזא אונטערטעניקע, מיט בלישטשענדיקע טרערן אף אירע וויִעס. און דאָס זיַינען איינציַיטיק געווען באניַיטע, גליקלעכע מענטשן.

כ'בין ווידער באהערשט געוואָרן פון דער אומפארשטענדלעכער אופרעגונג, וואָס פלעגט קומען צו מיר פון זיַין זינגען. ס'איז מיר פּלוצעם קלאָר געוואָרן, וואָס איך וויל. איך האָב פארשטאנען, אז איך וויל מאָלן זייער בילד.

איך האָב זיך דערשראָקן פאר די אייגענע געדאנקען, נאָר מיַין ווילן איז געווען שטארקער פון דער שרעק. איך וועל זיי מאָלן אָט אזוינע גליקלעכע, אָט ווי איך זע זיי איצט. וועל איך דאָס אָבער קענען?.. עס האָט מיר פארכאפּט דער אָטעם פון פרייד און שרעק. איך בין געגאנגען אין א זיס-שיקערלעכער זעלבסטפארגעסונג. איך בין אויך גליקלעך געווען, וואָרעם איך האָב נאָך ניט געוווּסט, וויפל פּיַינלעך-שווערע מאטערנישן איך וועל אויסשטיין אין דער צוקונפט פאר דעם כוצפּעדיקן פארלאנג מיַינעם. כ'האָב זיך פארזאָגט, איך זאָל זען די ערד, אזוי ווי דאניאר, אז איך זאָל מיט פארבן דערציילן דאניארס געזאנג. בא מיר וועלן אויך זיַין בערג, סטעפּ, מענטשן, גראָזן, וואָלקנס און טיַיכן. איך האָב אפילע א טראכט געטאָן: „ווו וועל איך נעמען פארב, אין שול וועט מען מיר קיין פארב ניט געבן, זיי דארפן עס אליין האָבן!" בלויז אין דעם איז געווען דער אָפּהאלט.

דאניאר האָט פלוצעם איבערגעריסן דאָס זינגען, וויַיל דזשאמיליא האָט אים האסטיק ארומגענומען, נאָר זי האָט אים גליַיך אָפּגעלאָזט. געזעסן א וויַילע שטיל, האָט זי זיך א ריס געגעבן און איז ארויסגעשפּרונגען פון בריטשקע. דאניאר האָט אָנגעצויגן די לייצעס, אָפּגעשטעלט די פערד. דזשאמיליא איז געשטאנען אפן וועג. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים, פארוואָרפן דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אף אים האלב פון דער זיַיט און, קוים איַינהאלטנדיק די טרערן, געפרעגט: — וואָס קוקסטו? — א וויַילע געשוויגן און פארביטערט צוגעגעבן: — קוק ניט אף מיר, פאָר וויַיטער! — און זי איז אוועק צו אונדזער בריטשקע. — וואָס גלאָצסטו די אויגן! — איז זי אָנגעפאלן אף מיר. — זעץ זיך! — וואָס איז דאָס מיט איר, האָב איך, אונטערטריַיבנדיק די פערד, מיר געטראכט. אָבער דאָס איז געווען גאָר ניט אזוי שווער צו פארשטיין: זי האָט דאָך א געזעלכן לעבעדיקן מאן ערגעץ אין סאראטאָווער שפּיטאָל! נאָר איך האָב וועגן דעם ניט געטראכט, איך האָב זיך געבייזערט אף איר און אף זיך און איך וואָלט, קאָן זיַין, פּיַינט געקראָגן דזשאמיליען, ווען איך ווייס, אז דאניאר וועט מער ניט זינגען און מיר וועט מער קיינמאָל ניט אויסקומען צו הערן זיַין שטים. איך בין געווען טויט מיד. אלע בייכער האָבן געבראָכן. עס האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער קומען אף אן אָרט און א וואלגער טאָן זיך אף דער שטרוי.

געקומען אפן טויק, האָב איך ווי-ניט-איז אראָפּגעשלעפּט די כאָמעטן, זיי א וואָרף געטאָן אונטער דער בריטשקע און, קוים דערקריכנדיק צו דער שטרוי, זיך א וואלגער געטאָן שלאָפן.

אינדערפרי האָב איך זיך אופגעכאפּט מיט א פריידיק געפיל. איך וועל מאָלן דאניארן מיט דזשאמיליען. איך האָב צוגעזשמורעט די אויגן און גאנץ קלאָר זיך פארגעשטעלט, ווי איך וועל זיי מאָלן. איך האָב עס געזען אזוי בוילעט, אז מיר האָט זיך געדוכט, אז איך נעם דאָס פּענדזל, טונק אין פארב — און מאָל.

איך בין אוועקגעלאָפן צום טיַיך, זיך איַינגעוואשן, אוועקגעטריבן די געפּענטעטע פערד. די נאסע קאלטע ליוצערנע האָט געפּאסעוועט מיַינע באָרוועסע פיס. די צעשפּאָלטענע פּיא-

טעם האָבן געשמארצט, נאָר מיר איז געווען זוויל און גוט.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט צום טויק, איז מײַן ליכטיקע שטימונג פארנעפלט געוואָרן. איך האָב דערזען, אז דזשאמיליא איז אָנגעכמורעט און אָפגעצערט, זי איז, ווײַזט אויס, א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן. טונקעלע שאָטנס זײַנען געלעגן ארום אירע אויגן. זי האָט ניט גערעדט מיט מיר און אפילע קיין שמייכל ניט געטאָן. און ווען אונדזער בריגאדיר אָראָזמאט איז געקומען, איז זי צו אים צוגעגאנגען אָן א גוטמאָרגן און געזאָגט:

— נעמט אײַך די בריטשקע, שיקט מיך וווּהין איר ווילט, נאָר צו דער סטאנציע פאָר איך מער ניט.

—וואָס איז מיט דיר, דזשאמאלטײַ, א וואלד-פליג האָט דיך א בים געטאָן, צי וואָס? — האָט זיך גוטמוטיק פארווונדערט אָראָזמאט.

— די וואלד-פליג איז באם קעלבל אונטערן עק! און מיך פרעגט קיין קאשעס ניט. איך האָב געזאָגט, כ'פאָר מער ניט, און אָפגערעדט.

דער שמייכל איז פארשווונדן פון אָראָזמאטס פּאָנעם.

— ווי דו ווילסט זיך, נאָר דאָס ווייץ צו דער סטאנציע וועסטו יאָ פירן. — ער האָט א זעץ געטאָן מיט דער קוליע אָן דער ערד. — אויב עמעצער האָט דיך באליידיקט, איז זאָג! כ'וועל אף זײַן האלדז-און-נאקן צעברעכן מײַן קוליע! אויב ניט, איז פראווע ניט קיין שטיק: ברויט פירסטו פאר סאָלדאטן, האָסט אליין א מאן א סאָלדאט! — ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און אוועקגעהונקען אף זײַן קוליע.

דזשאמיליא איז פון פארלעגנהײַט רויט געוואָרן. זי האָט א קוק געטאָן אהין, ווו דאניאר איז געשטאנען, האָט שטיל אָפגעזיפצט. דאניאר איז געשטאנען מיטן רוקן צו איר און צונויפגעצויגן די סופּאָניע אפן כאָמעט. ער האָט געהערט דעם גאנצן שמועס. דזשאמיליא איז נאָך א ווײַלע געשטאנען, צופנדיק די בײַטש, נאָכדעם האָט זי אנטוישט א מאך געטאָן מיט דער האנט און איז אוועק צו איר בריטשקע.

דעם דאָזיקן טאָג זײַנען מיר צוריקגעקומען פריִער ווי געוויינלעך. דאניאר האָט דעם גאנצן וועג געיאָגט די פערד. דזשאמיליא איז געווען בייז און שווײַגנדיק. איך האָב מײַנע אויגן ניט געגלייבט, זעענדיק, ווי אנטקעגן מיר שפרייט זיך אן אויסגעברענטער, פארשווארצטער סטעפ, וואָרעם ערשט נעכטן האָט דער סטעפ אויסגעזען גאָר אנדערש, און פלוצעם האָט זיך אלץ געענדערט, ווי אין א מײַסעלע. דאָס בילד פון גליק האָט זיך איבערגעקערט אין מײַן באוווּסטזײַן קאפויר. מיר האָט זיך געדאכט, אז איך האָב אויפגעכאפט א שטיק בונט-פארביק לעבן, כ'האָב זיך עס מיר אויסגעמאָלט מיט אלע פראָטים. און בלויז דאָס האָט מיך איצט גערעגט. כ'האָב זיך ניט געקאָנט בארויִקן, ביז איך האָב ניט צוגעגאנגען בא דער וועגערן א שטיקל בויגעלע פאפיר. איך בין אוועק אהינטער די סקירדעס און מיט א קלאפנדיק הארץ אוועקגעלייגט דאָס פאפיר אף א גלאט-אויסגעהובלטער לאָפעטע, וואָס איך האָב אונטערוועגנס צוגעשלעפט בא די מענטשן לעבן דער ווייעלקע.

— בענטש מיך, אלאר! — האָב איך ארויסגעפרעפלט, ווי דער טאטע, ווען ער האָט מיך צום ערשטן מאָל אוועקגעזעצט אפן פערד. איך האָב זיך צוגערירט מיטן בלײַער צום פאפיר. און ווי נאָר עס האָט זיך באוויזן אפן פאפיר דאניארס פּאָנעם, האָב איך אלץ פארגעסן! מיר האָט שוין גערוכט, אז אפן פאפיר ליגט טאקע יענע אווגוסט-נאכט אין סטעפ, אז איך הער דאניארס געזאנג און איך זע אים אליין, ווי ער זיצט מיט א פארוואָרפענעם קאָפ און מיט אן אנטבלויזטער ברוסט, ווי זי האָט זיך צוגעטוליעט צו זײַן פלייצע. דאָס איז געווען מײַן ערשטע זעלבשטענדיקע צייכענונג: אָט איז די בריטשקע, אָט זײַנען זיי ביידע, די אוועקגעוואָרפענע לייצעס, אָט שאָקלען זיך אין דער פינצטער די רוקנס בא די פערד און ווײַטער ליגט דער סטעפ אונטער אן אויסגעשטערנטן הימל. כ'האָב געמאָלט מיט אזא פלײַס, אז איך האָב ניט באמערקט קיין שום זאך. ווען איך בין געקומען צו-זיך, האָב איך דערהערט א קאָל איבער מײַן קאָפ:

— ביסט טויב, צי וואָס?

דאָס איז געווען דזשאמיליא. ס'איז מיר אזש הייס געוואָרן. כ'האָב ניט באוויזן צו באהאלטן די צייכענונג.

— די בריטשקעס זײַנען שוין פון לאנג אָנגעלאָדן. א שאָ, אז איך שרײַ און קאָן זיך ניט דערשרײַען! וואָס טוסטו דאָ? — האָט זי געפרעגט, נעמענדיק די צייכענונג. — הם... — זי האָט ברויגעזלעך א שאָקל געטאָן מיט די אקסלען.

איך בין גרייט געווען אײַנגעזונקען ווערן אפן אָרט. דזשאמיליא האָט לאנג-לאנג געקוקט אף דער צייכענונג, נאָכדעם האָט זי אף מיר אופגעהויבן אירע אומעטיק-פײַכטע אויגן און שטיל געזאָגט:

— גיב עס מיר, קיטשינע באלא, איך וועל עס באהאלטן אלס אָנדענק. — און, צונויפלייגנדיק דעם בויגן אינצווייען, האָט זי אים באהאלטן אפן הארצן.

מיר האָבן אויסגעלאָדן די טווּע און זײַנען שוין גרייט געווען אוועקפאָרן, האָט זיך באוויזן א פארוווּנדעטער דארער סאָלדאט אין א צעקנייטשטן שינעל מיט א רוקזאק אף די פלייצעס. דער סאָלדאט האָט זיך ארומגעקוקט און אויסגעשריִען:

— ווער איז דאָ פון איִל קורקורעו?

— איך בין פון קורקורעו, — האָב איך געענטפערט, טראכטנדיק, ווער קאָן עס זײַן?

— וועמעס ביסטו, ברודערל? — האָט דער סאָלדאט געפרעגט, גייענדיק צו מיר. דערזעענדיק דזשאמיליען, האָט ער א פארכידעשטער היימיש זיך צעשמייכלט.

— קערים, דאָס ביסטו? — האָט דזשאמיליא אויסגעשריִען.





— אוי, דזשאמיליא, שוועסטערקע! — האָט דער סאָלדאט נאָך מער זיך דערפרייט און ארײַנגעכאפט איר דלאָניע אין זײַנע הענט.

ווײַזט זיך ארויס, אז ער איז מיט דזשאמיליען פון איין דאָרף.

— ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, טאקע גוט, וואָס איך האָב פארקערעוועט אהער, איך בין דאָך געלעגן אין איין שפיטאָל מיט דײַנעם. גאָט וועט העלפן, ער וועט זיך אײַנגיכן אומקערן. באם געזעגענען זיך זאָג איך צו אים: „סאדיק, שרײַב אָן א בריוול דײַנער, נא, אָט האָסטו עס".

דזשאמיליא האָט גענומען דאָס בריוול, זי האָט זיך פארווילט, נאָכדעם איז זי בלייך געוואָרן און זיך א ווײַטל געטאָן אף דאניארן. ער איז איינזאם געשטאנען בא זײַן בריטשקע, ווי דאָן אפן טויק, מיט ברייט צעשטעלטע פיס. זײַן אנטוישטער בליק האָט דורכגענומען דזשאמיליען.

עס זײַנען פון אלע זײַטן זיך צונויפגעלאָפן מענטשן, עס האָבן זיך געפונען באקאנטע פונעם סאָלדאט. דזשאמיליא האָט ניט באוויזן צו באדאנקען פארן בריוול, ווי דאניארס בריטשקע האָט דורכגעטראסקעט פארבײַ און איז פארשווונדן אין שטויב.

— מעשוגע, צי וואָס? — האָבן די מענטשן אים באגלייט מיט א געשריי.

דעם סאָלדאט האָט מען שוין ערגעץ אוועקגעפירט, איך מיט דזשאמיליען זײַנען געשטאנען אינמיטן הויף און געקוקט אף די קנוילן שטויב.

— לאָמיר פאָרן, דזשענע, — האָב איך געזאָגט.

— פאָר, לאָז מיך אליין! — האָט זי א פארומערטע געענטפערט.

אָט אזוי זײַנען מיר דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער צײַט געפאָרן באזונדער.

ווען איך בין געקומען אפן טויק, איז שוין געווען גוט פינצטער. קיין סימען פון קיין ווינט. איך האָב א רוף געטאָן דאניארן.

— ער איז אוועק צום טײַך, — האָט געענטפערט דער וועכטער. — ס'איז אזוי דושנע, אלע זײַנען אוועק אהיים. אָן א ווינט איז ניטאָ וואָס צו טאָן אפן טויק, — האָט דער וועכטער נאָך צוגעגעבן.

איך האָב אוועקגעפירט די פערד אפן ליוצערנע-פעלד און פארקערעוועט צום טײַך. איך האָב געוווּסט דאניארס באליבט ערטעלע אפן הויכן ברעג. ער איז געזעסן א סטולעוואטער, דעם קאָפ אָנגעבויגן צו די קני און זיך צוגעהערט ווי דער טײַך ברומט אונטערן הויכן ברעג. איך האָב געוואָלט צוגיין צו אים, זאָגן אים א גוט-וואָרט, נאָר וואָס האָב איך אים געקאָנט זאָגן?.. איך בין א ווײַלע געשטאנען אָן א זײַט און בין צוריק אוועק צום טויק.

ווען דאניאר איז געקומען, בין איך נאָך אלץ ניט געשלאָפן. ער איז אומגעגאנגען איבערן טויק, קוקנדיק אלע ווײַלע צום וועג. נאָכדעם האָט ער זיך געלייגט אף דער שטרוי לעבן מיר.

איך געדענק ניט, ווי לאנג כ'בין געשלאָפן, נאָר פלוצעם האָבן סאמע לעבן מײַן אויער דורכגעשאָרכט איבערן שטרוי עמעצנס טריט. איך האָב געפילט ווי א נאסער פליגל וואָלט זיך לײַכט אָנגערירט אָן מײַן פלייצע. איך האָב געעפנט די אויגן און דערזען דזשאמיליען. זי איז געקומען פון טײַך אין א קילער, פײַכטער קלייד. אָפגעשטעלט זיך און אומרויִק זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן, האָט זי זיך אוועקגעזעצט לעבן דאניארן.

— דאניאר, איך בין געקומען. ניט קיין גערופענע בין איך געקומען, — האָט זי קוים הערבאר געזאָגט. ארום איז געוואָרן שטיל, א בליץ האָט זיך אראָפגעגליטשט פון אויבן אראָפ.

— האָסט זיך באליידיקט. זייער באליידיקט, איאָ?

און ווידער איז שטיל. ס'האָט זיך נאָר מיט א ווייכן פליעסק אראָפגעריסן אין טײַך אן אונטערגעשווענקטע שטיק ערד.

— צי דען בין איך שולדיק? דו ביסט אויך ניט שולדיק...

ווײַט אין די בערג האָט א קנאל געטאָן א דונער, א בליץ האָט באלויכטן דאניארס פראָפיל. דזשאמיליא האָט זיך ארומגעקוקט און איז צוגעפאלן צו אים. אירע פלייצעס האָבן אופגעציטערט אונטער זײַנע הענט און זי האָט זיך אויסגעצויגן אף דער שטרוי לעבן אים.

א הייסער ווינט איז אָנגעפלויגן פון סטעפ, א דריי געטאָן די שטרוי, זיך אָנגעשטויסן אין דער צעוואקלטער יורטע, וואָס איז געשטאנען באם ברעג טויק, און קרומזײַטלדיק זיך גענומען דרייען איבערן וועג, ווי א דריידל. ס'האָבן זיך צעהעלט אין הימל בלויע בליצן. מיט א טרוקענעם זעץ האָט איבערן קאָפ זיך צעבראָכן א דונער. עס איז געוואָרן איינצײַטיק אומהיימלעך און פרייִלעך. — ס'האָט זיך דערנעענטערט א שלאקסרעגן, א לעצטער, א זומערדיקער שלאקסרעגן.

— ניט שוין זשע האָסטו געמיינט, איך וועל דיך פארבײַטן אף אים? — האָט הייס געשעפטשעט דזשאמיליא. — ניין און נאָכאמאָל ניין, ער האָט מיך קיינמאָל ניט ליב געהאט. א גרוס פלעגט ער פאר מיר צושרײַבן אין סאמע סאָף בריוו. איך דארף ניט זײַן פארשפעטיקטע ליבע מיט אים איינעם. זאָלן מענטשן זאָגן, וואָס זיי ווילן! טײַערער מײַנער, איינזאמער מײַנער, איך וועל דיך ניט אוועקגעבן קיינעם! איך האָב דיך ליב שוין פון לאנג. איך האָב דיך ליב געהאט אפילע דאן, ווען איך האָב דיך ניט געקענט. ליב געהאט, געוואַרט אף דיר, און אָט ביסטו טאקע געקומען, ווי דו וואָלסט געוווּסט, אז איך ווארט אף דיר!

בלויע בליצן זײַנען, ברעכנדיק זיך, ווי שפיזן געפאלן אין טײַך ארײַן. ס'האָבן אָנגעהויבן שורשען די ערשטע, קרומע און קאלטע רעגן-טראָפנס אפן שטרוי.

— דזשאמיליא, ליבע מײַנע, טײַערע דזשאמאלטײַ! — האָט געשטאמלט דאנ:אר, אָנרופנדיק זי מיט די סאמע צארטסטע קירגיזי-שע און קאזאכישע נעמען. — אויך איך האָב דיך ליב שוין פון לאנג. אין די אָקאָפּעס האָב איך געטרוימט וועגן דיר, איך האָב געוווּסט, אז מײַן ליבע איז אין מײַן היימלאנד, דאָס ביסטו, מײַן דזשאמיליא!

— טו זיך א קער צו מיר, לאָמיך זיך אײַנ-קוקן אין דײַנע אויגן!

עס האָט געגאָסן א שלאקסרעגן.

* * *

אינגיכן האָט א בלאָז געטאָן א סטעפּ-ווינט, דער הימל האָט זיך פארצויגן מיט גרויע כמא-רעס, עס זײַנען אוועק קאלטע רעגנס. איינמאָל אין א שטילערן טאָג בין איך אוועק צום טײַך, עס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן די בארג-ראבינע, וועלכע איז געוואקסן אפן ברעג טײַך. איך האָב זיך צוגעזעצט. עס איז שוין געווען אָוונט-צײַט. מיטאמאָל האָב איך דערזען, ווי צוויי מענטשן גייען אריבער דעם טײַך. דאָס זײַנען געווען דאנ:אר און דזשאמיליא. איך האָב ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון זייערע ערנ-סטע, אופגערעגטע פּנעמער. דאנ:אר האָט גע-שפּאנט מיט אָפּגעהאקטע טריט, די פּאָלעס פון זײַן צעשפּיליעטן שינעל האָבן געפּאטשט אי-בער די כאָליעוועס פון די אלטע קירזאָווע שטיוול. אפן רוקן האָט זיך געבאָמבלט א רוק-זאק. דזשאמיליא איז געווען אין א ווײַסן שאלכל. וואָס האָט זיך אראָפּגערוקט אף איר נאקן, אין א בונט-קאָלירטן קלייד און א גע-שטעפּטן וועלוועטן זשאקעטל, וועלכן זי פלעגט אָנטאָן כאָר אין די מארקטעג. אין איין האנט האָט זי געטראָגן א קליין פּעקל, מיט דער צוויי-טער האָט זי זיך געהאלטן פאר דאנ:ארס שינעל. זיי זײַנען אוועק מיטן שטעג דורכן באלקעלע צווישן די טשוי-געוויקסן. כ'האָב זיי נאָכגע-קוקט און ניט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך: איך האָב געוואָלט זיי א רוף טאָן, נאָר מײַן צונג איז ווי צוגעטריקנט געוואָרן צום גומען.

די לעצטע טונקל-רויטע שטראלן האָבן זיך דורכגעגליטשט איבער די געל-גרויע וואָלקנס לענגויס די בערג און עס האָט זיך אָנגערוקט די פינצטערניש. דאנ:אר מיט דזשאמיליען זײַ-נען געגאנגען אין דער ריכטונג פון דער באַ-סטאנציע. איין מאָל און נאָכאמאָל האָבן זיך באוויזן זייערע קעפּ פון די טשי:ע-געוויקסן, ביז זיי זײַנען פארשוווּנדן.

— דזשאמיליא-א-א! — האָב איך אויסגע-שרי:ען מיטן גאנצן קויער.

— א-א-א! — האָט זיך אָפּגערופן אן אומ-היימלעך ווידערקאָל.

— דזשאמיליא-א-א! — האָב איך נאָכ-אמאָל אויסגעשרי:ען. און א צעטומלטער זיך א לאָז געטאָן לויפן. כ'בין געלאָפן איבערן טײַך. שפּריצנדיקע אײַזקאלטע וואסער-טראָפּנס האָבן מיר געשמיסן אין פּאָנעם ארײַן. דאָס גאנצע אָנטאָן איז געוואָרן נאס. איך בין געלאָפן, ניט זעענדיק דעם וועג. פּלוצעם בין איך אנידערגע-פאלן. איך בין געלעגן אף דר'ערד און טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער מײַן פּאָנעם. די כאש-כעס האָט זיך ארופגעוואלגערט אף מײַנע פּליי-צעס. מיט טיפער בענקעניש האָבן אונטערגע-פּײַפט די בויגעוודיקע טשי:ע-שטענגלעך.

— דזשאמיליא! דזשאמיליא! — האָב איך געכליפּעט, שטיקנדיק זיך מיט די טרערן. כ'האָב זיך צעשיידט מיט מײַנע סאמע טײַער-סטע, מיט מײַנע נאָענטסטע מענטשן. און נאָר איצט, ליגנדיק דאָ אף דר'ערד, האָב איך פּלו-צעם פארשטאנען, אז איך האָב ליב דזשאמי-ליען. יאָ, דאָס איז געווען מײַן ערשטע קינדער-שע ליבע.

לאנג בין איך געלעגן אף דער ערד, מיטן נאסן ארבל צוגעטוליעט צום פּאָנעם. איך האָב זיך צעשיידט ניט נאָר מיט מײַנע נאָענטסטע און טײַערסטע, איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַן קינדהײַט.

דאָס איז די גאנצע געשיכטע.

ווען מע האָט מיך נאָך דער קינסטלערישער שול געשיקט אין דער אקאדעמיע, האָב איך גע-וויזן מײַן דיפּלאָם-ארבעט, — דאָס איז געווען מײַן אויסגעטרוימט בילד.

ס'איז ניט שווער צו טרעפן, אז אפן בילד זײַנען געווען דאנ:אר און דזשאמיליא, ווי זיי גייען ביידע איבערן הארבסטיקן סטעפּ-וועג און פאר זיי שפּרייטן זיך ברייטע, ליכטיקע ווײַטן.

יידיש — ש. גאָרשמאן.



## שלוימע רויטמאן



געבוירן אין 1913 אין מאָהיליאָוו-פּאָדאָלסק. פארענדיקט דעם מאָסקווער פּעדאגאָגישן אינ-סטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. וווינט אין יאָשקאר-אָלא (מארייִשע אווטאָנאָמע רע-פּובליק).

# וואָס אין פידעלע שטעקט

אלע פעלקער האָבן ליב א פידעלע.

שאָלעם-אליכעם.

צווישן קאלע־באזעצנס — א ווײַנענדיקס
און א פרייַלעכס, א וויוואט, א לידעלע —
פון די בערדיקע זיידעס
ביז די אייניקעס
שטעקן מיר אלע אין פידעלע.

ס'איז מײַן פידל די שפּיל פון גוירא̞לעס
און דער אָטעם, וואָס וויל זיך ניט קילן,
און דער ווינט פון נעשאָמע־בעהאָלעס,
און מײַן ליבע, וואָס כ'דארף נאָך דערשפּילן.

ס'גיסט אינגאנצן זיך אויס א פידעלע,
אף קיינמאָל ניט ווערן פוסט,
ניין, ניט אומזיסט איז באם פידעלע
אופגעעפנט די ברוסט.

מיט זײַן לײַב, אזא רויטס און זוניקס,
אזא קרעפטיקס און בראָכיק־צארטס,
און מיט הילכיקע אָדערלעך־סטרונעס
דערמאָנט עס א מענטשלעך הארץ.

אף מײַן פידל פיר סטרונעס ציטערן,
און אלע הייסלײַביק פילן,
אז מיט אלע לעבנס־געוויטערן
זיי קאָנען פאראָטעמטע שפּילן.

ס׳נעמט אַרײַן אין זיך לופט דאָס פֿידעלע,
אַף קיינמאָל ניט ווערן פּוסט,
ניט אומזיסט דאָך איז בא אַ פֿידעלע
אופגעעפנט די ברוסט.

ניט אַף קאַלטער וואַנט אופגעהאַנגען, —
ס׳איז געוואָרן איין האַרציקער פּלאַס
זײַן ליד איז דורכגעגאַנגען
דורך פֿײַער און פֿעלדזן און יאַם.

און עס רוישט שוין, אין גראָזן געראָטן,
און עס שפּילט שוין דורך צווײַגן, וואָס ריידן,
און זײַן ברוסט איז די וועלט און דער אָטעם,
וואָס מע קאָן זיך מיט זיי ניט צעשיידן.

און ערד, און הימל, און פֿידעלע,
און דאָס לעבן, וואָס שפּילט, איז ניט פּוסט,
ס׳האָבן ערד און הימל באַם פֿידעלע
אופגעשניטן די ברוסט.

.1961

---

### זיאַמע טעלעסין



געבוירן אין 1907 אין קאַלינקאָוויטש (ווײַס-רוסלאַנד). פֿאַרענדיקט דעם מאָסקווער מעלוכע-אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. אָנטיילנעמער פֿון דער גרויסער פּאַ-טערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין מאָסקווע.

## די סלאַווישע ווערטער

די סלאַווישע ווערטער אין ייִדישן לאָשן —
איך פֿיל זייער קרעפּטיקן טאַם אַפֿן גומען.
אָן זיי וואָלט די ראַבינע ווערן פֿאַרלאָשן,
דער וואָלקן אין אָזערע וואָלט ניט געשווומען.
און דער סאָלאָוויי אין די סעדער וואָלט שטומען.
אָן זיי, אָן די ווערטער, בא מיר אינעם לאָשן.



ווי וואָלט אָן די ווערטער אַרײַן אין מײַן שורע
דער ווינט, וואָס שוהײַעט אָן אופהער אין לאָזע,
די סומנע פֿאַרנאַכטן, די הימלען די כמורע,
דאָס ליִכטיקע פֿלאַטערן פֿון דער בעריאָזע,
דאָס פֿליעסקען פֿון טײַך אין די אופגאַנגען ראָזע,
ווי וואָלט אָן די ווערטער אַרײַן אין מײַן שורע.

ווי וואָלט אָן די ווערטער דער פֿערז מײַנער שמעקן
מיט טערפּקן פּאָלין פֿונעם סטעפּ פֿונעם ברייטן,
מיט שאָפּענעם פֿעלץ און פֿאַרסאַליעטע פֿלעקן,
מיט זויערן באָרשטש אין טשוהונטשיק געגרייטן,
מיט שאַרפֿקײַט פֿון דזעגעכץ און זיסקײַט פֿון קווייטן,
ווי וואָלט אָן די ווערטער דער פֿערז מײַנער שמעקן.

ווי וואָלט איך געקענט אָן די סלאַווישע ווערטער,
וואָס אײַנגעזאַפּט כ׳האָב מיטן מילך פֿון מײַן מאַמען,
אַ זאָג טאָן צו דער, וואָס זי איז מײַן באַשערטע,
מיט וועלכער מיר גייען פֿיל יאָרן צוזאַמען:
„מײַן דושעניו־סערצע, העראויסעט דײַן זיאַמען״, —
ווי וואָלט איך געזאָגט אָן די דאָזיקע ווערטער.

די סלאַווישע ווערטער אין ייִדישן לאָשן —
זיי זײַנען ווי שטענדיקע טוישווים געקומען.
מיט זיי האָט מײַן זיידע געזייט און געדראָשן,
און ציגל געקנאָטן, און וואַפֿנע געלאָשן.
ער האָט ניט געבאָרגט זיי, ער האָט זיי גענומען,
מיט בלוטיקער פּראַצע געצאָלט, מיט מעזומען.
די פֿרײַנטשאַפֿט פֿון פֿעלקער דו זעסט אין מײַן לאָשן.

* *
*

ווען ניט דער טאָטער, דער סערזשאַנט סאַיִט,
וואָלטן קווייטן לאַנג אַף מיר געבליט.
זומער וואָלטן בליִען אַף מיר קווייטן,
ווינטער וואָלט מען זען מיך אַ פֿאַרשנייטן.

ניט מיך, פֿאַרשטייט זיך, נאָר דאָס בערגל ערד,
וואָס כ׳וואָלט עס מיט מײַן מאַרך און ביין גענערט
ערגעץ אַף וואָלינער פֿעלדער גרינע,
ווו כ׳בין געפֿאַלן אַ געפּלעפּטער פֿון אַ מינע...

אַף זיך האָט מיך סאַיִט אַרויסגעשלעפּט,
דער קוילנוואַרפֿער מיט רעציכע האָט געשטעפּט.
נאָר אומגעריכט מיט אונדז אַ נעס געשעט, —
מיר קײַקלען זיך אַראָפּ אין אַ קיוועט.

מיר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן האָט ער,
דער טאָטער, מײַן געטרײַער פֿרײַנט אין שלאַכט.
איז ווער האָט אַזאַ ווערטל אויסגעטראַכט,
אַז „העלפֿן וועט דיר ניט קיין טאָטער״?

# איך און דער גריך

איך און דער גריך,
מיר גייען ארום זאלבעטנאנד.
עס האָט אונדז דער זוניקער טאָג
בא דעם יאם בא דעם שווארצן באקאנט.

מיך און דעם גריך
די כוואליע די זעלביקע וויגט, —
זי גיט אונדז א הייב אף ארוף
און לאָזט אונדז אראָפּ אף צוריק.

איך מיטן גריך,
מיר ליגן אין ווארעמען זאמד.
צוקאָפּנס אײַ־פּעטרי, וואָס האָט
דעם וועג פאר די ווינטן פארצאמט.

איך און דער גריך,
עס טרעפט, אז מיר בענקען באם יאם,
נאָך גריכנלאנד בענקט זיך דעם גריך,
און איך? — נאָך מײַן היימישן קאנט.

מיך אומגעריכט
שטעלן אָפּ אומבאקאנטע אין גאס.
— מאנאָלים, — זיי טוען א זאָג,
און ס׳פארברידערט אונדז ליבע און האס...

איך, ווי דער גריך,
שווארצהויטיק געוואָרן בין איך,
מיך נעמט מען אָן פארן גריך
און מע מיינט אפן גריך—דאָס בין איך.

.1960

## ריווע באליאסנע

געבוירן אין 1910 אין ראדאָמישל (אוקראַינע). געארבעט אין א פאבריק. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1930. וווינט אין קיִעוו.



# מײַן ליד

מײַן ליד איז געלײַטערט אין דײַנע, אוקראַינע, סטעפּעס,
וואָס שפּרייטן זיך ווײַט, ווי אָן ענדלאָזער פארביקער טעפּעך.
פון קינדווײַז עס שטילן מײַן דאָרשט דײַנע קוואלן,
פון קינדווײַז איך הער דײַנע הארציקע לידער, וואָס שאלן.

געוואשן דאָס פּאָנעם איך האָב מיט די טויען פון גראָז,
די אויגן געעפנט באגלײַך מיט באגינען מיט ראָזן.
אין פרישע פרימאָרגנס געפלאנצט און געכאָוועט אף בייטן
די וואָגיקע אויבסטן, די זוניקע זאָרגלאָזע קווייטן.

דערפאר עפּשער שרעקן מיך ניט די באנאכטיקע שאָטנס אין וועלדער,
אין שפּעטיקן הארבסט, ווען עס ווערן די פארבן אלץ קעלטער.
און זאָלן אין אויגן אין מײַנע נאָך פרילינגדיק גרינען
די ענדלאָזע סטעפּעס פון מײַן אוקראַינע.

.1961



## הירש רעלעס



געבוירן אין 1913 אין טשאשניקי (ווײַסרוס־לאנד). פארענדיקט דעם מינסקער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. אָנטיילגעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדי־שער מילכאָמע. וווינט אין מינסק.

# אין פרילינג

צי פון ריטשקעס, וועלכע זשומען אין דער נידער,
צי פון קליאָנען, וועלכע ראשן אין דער הייך,
קומען אָן די פרילינגדיקע לידער,
צו די לידער קומט דער ניגן אויך.

אויב עס פעלט דער אויסדרוק פון די ווערטער,
שאלט דער ניגן דאן פון זיך אליין,
ווי דער ווינט אין ניט פארשטעלטע ערטער,
ווי די כוואליע, וועלכע קלאפּט אין שטיין.

# א פונק

א פונק אין א שטרוי איז א שרעק,
ווײַל פלוצעם דאָס פײַער באווײַזט זיך,
אמאָל פלעגן מענטשן פון דעם אוועק
מיט טאָרבעס איבער די הײַזער.

א פונק אין שניי האָט קיין ווערט,
ער קאָן שוין קיינעם ניט שטראָפן,
ווײַל דעמלט באקומט זיך פארקערט:
ניט קיין פײַער, נאָר וואסער א טראָפּן.

אין אש א פונק טליִעט שוואך,
און קיינעם טוט עס ניט שרעקן,
ווײַל נאָכאמאָל ברענט ניט די זאך,
וואָס איז מיטן פײַער אוועק שוין.

פון א פונק הייבט זיך אָן א געפאר,
ס׳טוט א ברען און א טראָג, ווי א וויכער,
מיט פונקען געהיט זײַ דערפאר, —
דײַן היים פון א סרייפע פארזיכער...

.1961



### דאָרע כײַקין

געבוירן אין 1913 אין טשערניגאָוו. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. וווינט אין קיִעוו.

# דער אַלמאַנע פון קאַנאַדע

דערהערט האָב איך הײַנט דײַן אלמאַנעש געוויין,
דײַן טרער האָט מײַן לײַב מיר געבריט ביזן ביין,
פּאַלין מײַנע, שוועסטער מײַן ווײַטע!
געווען בין איך דאָן אין מײַן קיִעווער הויז,
ווען דו ביסט אַף גאַסן געגאַנגען אַנטבלויזט —
אײַער מינהגע פון אוראַלטע צײַטן.

שיווע בא אונדז פלעגן זיצן אלמאַנעס
אין אלקער אין ענגן, אין פינצטערן טאָנעס,
געבויגן, מיט באָרוועסע פיס.
דעם ווייטעק זיי פלעגן אין שטיבל פאַרשליסן,
ס'זאָל קיינער ניט הערן, ס'זאָל קיינער ניט וויסן,
ווי ביטער זיי איז און ווי וויסט...

און דו האָסט דײַן פּײַן און דײַן צאַר ניט פאַרבאָרגן,
דײַן ווייטעק געזען האָט אין יענעם פרימאָרגן
יעדער פּאַשעטער מענטש אַף דער ערד.
אַף שטיינער צעגליטע, ווו דו ביסט געטראָטן,
געגאַנגען עס זײַנען מיט צאָרן באַלאָדן
די מענטשן, וואָס זײַנען גערעכט.

אין צאָפּן געשפּאַנט האָבן פרויען אין אונטעס,
אין וואַרעמע קאַנטן — אין קליידער אין בונטע, —
דײַן ווייטעק זיי האָבן געשפּירט.



צוזאַמען מיט אַלעמען איך בין געגאַנגען,
מײַן ליבע צו דיר האָט געשאַפן גערזאַנגען,
איז זינג איך זיי, זינג איך זיי דיר!

איך וויל, דו זאָלסט וויסן: אין קיִעוו אין מײַנעם,
אין גאָלדענעם קאַנט, וועלכער רופט זיך אוקראַיִנע,
איז לומומבעס א גאַס שוין פאַראַן.
עס שטייען דאָרט מויערן הויכע און העלע,
ניט ווײַט פון דער גאַס שפּילן דניעפּרישע וועלן
און זינגען דײַן מוט א געזאַנג.

און טאָפּאָלן וואַקסן דאָרט זילבערנע, הויכע,
עס דאַכט, אַז די קרוינען צום הימל דערגרייכן —
זיי באָדן זיך שטענדיק אין בלוי.
איך גלייב, אַז א שטאָט, וואָס וועט טראָגן זײַן נאָמען,
וועט זען, ווי אין קאָנגאָ די וואַסערן שטראָמען, —
איך גלייב, אַז ס'וועט זײַן נאָך אַזוי!

.1961

---



### דאָוויד בראָמבערג

געבוירן אין 1915 אין הײַסין (אוקראַיִנע). אָנ-געהויבן זיך דרוקן אין 1932. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה. וווינט אין מאָסקווע.

# יורי גאַגאַרין

אין יענער רעגע האָט די ערד
בלויז אַף איין מענטשן וויניקער געווויגן,
בלויז אַף איין מענטש —
ווי ס'וואָלט א נעס געשען אין העלן טאָג, נישט מער.
און ווען די גאַנצע וועלט, פאַרכידעשט,
האָט אין הימל הויך דעם האָפּ פאַרהויבן,
האָט ער — איינציקער —
געקוקט פון הימל אַף דער ערד.

# מיר וועלן ניט דערלאָזן, ניין...

ער האָט געשוויגן, ווי א שטיין,
און זיי —
געשניטן אים דאָס לײַב,
געריסן אים די ציין...
ווי פון א שטיין —
קיין וואָרט,
קיין איינציק וואָרט מע קאָן בא אים דערגיין.
איצט שטייט ער אף אים א גרויער שטיין,
און ס'קומען צו אים גרויס און קליין,
פארנייגן זיך און בלײַבן שטיין.

— שווײַגן?
אָ, ניין!
זאָל וויסן דער, וואָס לעבט דאָרט נעבן ריין,
וואָס קומען קלערט אפסנײַ אהער צו גיין,
מיר וועלן ניט דערלאָזן, ניין!

.1961

---



## יויסעף ראבין

געבוירן אין 1900 אין גראָדנע. געארבעט אלס זעצער. פארענדיקט דעם מאָסקווער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1923. וווינט אין מאָסקווע.

# ראָכל מיט איר קינדער

באנאכט איז געפאלן א געדיכטער שניי. די צווײַגן אף די ביימער זײַנען פארשאָטן געוואָרן, ווי מיט פוכיק-ווײַסע פויגל-נעסטן. אינדערפרי האָט ארויסגעשײַנט די זון. ס'איז געוואָרן לײַכט און דורכזיכטיק די לופט, און פון די צווײַגן זײַנען אלץ אָפטער געפאלן שטיקער שניי אף דער ערד. שפּעטער האָבן די טאָפּאָלן גענומען שמעקן מיט ביטערקײַט פון קאָרע, מיט זיסלעכער ביטערקײַט פון דערוואכונג.

אין דעם טאָג האָט באזונדערס פריידיק אָפּגעקלונגען די פראגע:

— א יינגל, צי א מיידל?

און אפילע דער, ווער עס אײַלט זיך, שטעלט אף א ווײַלע זיך אָפּ און הערט אוים פארבידעשט דעם ענטפער פון מײַן שאָכן:

— צי א יינגל, צי א מיידל... נאָר ארום און ארום וועט עס, אפּאָנעם, זײַן — ראָכל מיט איר זיבן קינדער.

איך קאָן ניט באנעמען: דער שאָכן זאָגט עס מיט גוטן, צי מיט בייזן?

דער נידעריקער און שטשופּלער שאָכן מײַנער מיט די גרויזלעכע האָר און רויקע אויגן, וועמען אלע רופן מיטן יינגלשן נאָמען אוורעמעלע, איז א מאָלער. דוכט זיך — ניט אָן טאלאנט. נאָר ווײַל ער טראכט וועגן זיך מער, ווי עס טראכטן וועגן אים אנדערע, פארגינט ער קיינעם גאָרניט. אפילע דער שכיינע אונדזערער — דער קינדער-דאָקטערשע ראָכל, וואָס האָט זעקס קינדער און וואָס דאָס זיבעטע דארף געבאָרן ווערן, — איז ער אויך מעקאנע. דער שאָכן מײַנער האַלט, אז אין אונדזער הויף דארף ער זײַן דער ערשטער. ער איז געבענטשט פון גאָט, ניט אלע קענען זײַן מאָלער. דאָקטוירים זײַנען פאראן א סאך, דאָס קאָן מען זיך אויסלערנען...

מיר זײַנען שכיינים אין א נײַ הויז. די גאס בויט זיך און האָט נאָך קיין נאָמען ניט. רופט מען זי „די נײַע גאס", אָדער „די גאס, וואָס בויט זיך". די הײַזער האָבן נאָך קיין נומערן ניט. און יעדעס הויז רופט זיך דערווײַל לויט איינעם פון די שכיינים.

— די שטוב פון פראָאב.

— די שטוב פון די לערער.

איך בין געווען זיכער, אז אונדזער הויז וועט זיך רופן אף מײַן נאָמען — די שטוב פון עלעקטריקער. איך פיר דורך עלעקטרע אין די נײַע הײַזער.

אָבער אז עס עפנט זיך די קאליטקע אין אונדזער הויף און עס קומט ארײַן א מענטש, פרעגט ער אָפטער פאר אלץ אפן דאָקטער, זעלטענער — אף מיר און גאָר-גאָר זעלטן אפן מאָלער. פארדריסט עס אוורעמעלען. אים פארדריסט שוין אויך, וואָס אלע זאָגן וועגן ראָכלען, אז זי איז א גוטער מענטש און א גוטער דאָקטער — דער בעסטער אין דער פּאָליקליניק. פאר א קינד איז זי א מאמע. קליינוואַרג, וואָס האָט ניט ליב קיין דאָקטער און וויינט, ווען עס דערזעט א ווײַסן כאלאט, גייט צו איר אָן שום אײַנריידעניש.

איינמאָל זײַנען צום מאָלער געקומען כאווייִרים. זיי האָבן לאנג געזוכט אונדזער הויז, געגאנגען פון שטוב צו שטוב און זיך נאָכגעפרעגט: ווּ וווינט דער מאָלער? קיינער ווייסט

ניט. און אז זיי זײַנען צום סאָף געקומען, האָבן זיי צו אוורעמעלען געהאַט א טענה: האָסט אונדז גלײַך ניט געקאָנט זאָגן, אז מיר דאַרפן פרעגן, וווּ דער דאָקטער וווינט?

פון דעמלט אָן האָט אוורעמעלע אין ראָכלס זײַט אפילע ניט געקוקט. קוים ער ענטפערט אפן „גוטמאָרגן". און אף דער פראַגע, וווּ וווינט ער, שמייכלט ער:

— אינעם הויז, וווּ די פרוי מיט א סאך קינדער.

ראָכל האָט געבאָרן א יינגל.

א גאַנצן טאָג נאָך דעם, ווי ראָכל איז געקומען פון געבורטס-הויז, פאַרמאַכט זיך ניט די טיר. פון אינדערפרי ביז באַנאַכט קומט מען זי באַגריסן. עס איז געקומען דער פּאַרזיצער פון יישעוו-סאָוועט, דער הויפּט-דאָקטער פון דער פּאָליקליניק, וווּ ראָכל אַרבעט, די לערער פון דער שול, וווּ אירע קינדער לערנען, פרײַנט, באַקאַנטע... און פריִער פאַר אַלעמען איז געקומען די פאַרשטייערן פון „סאָבעס" מאַריע גאַווריִלאָוונע, וועלכע מע רופט אין יישעוו „די מאַמע פון די מאַמעס". באַגריסן א נײַגעבאָרענעם איז געוואָרן קימאַט איר באַרוף.

אוורעמעלע שטייט אין הויף און ציילט די געסט.

עס פאַלט א שניי. יעדעס שנייעלע — באַזונדער און ניט געצײַלט, פאַלט אָן כיישעק, ווי פאַרטראַכט און פאַרנומען מיט געדאַנקען. און טאַקע דערפאַר, ווײַל אין די געדאַנקען זײַנען זיי גאָר אין הימל, זעען זיי ניט און פילן ניט, ווי זיי פאַלן... אוורעמעלע איז שוין אינגאַנצן א ווײַסער. דער פאַרשנייטער הויף איז צעטראָטן. און ווי נאָר די קאַליטקע עפנט זיך, אזוי שטעלט ער זיך אָפּ און וואַרט שוין אף דער פראַגע:

— דאָ וווינט דער דאָקטער?

— דאָ.

און דעם, וואָס באַווײַזט ניט צו פרעגן, פאַרלויפט ער דעם וועג און זאָגט אָן:

— דאָ, דאָ!

אויך אין דעם אָוונט, ווען די פענצטער אין ראָכלס שטוב האָבן געלויכטן מיט יאָמטעוו און געסט האָבן זיך פריילעך געמאַכט, האָט אוורעמעלע זיך נאָך אַלץ ארומגעדרייט בא ראָכלס טיר.

— קומט ארײַן אָפּגעבן מאַזלטאָוו, — זאָג איך צו אים.

ער וויל ניט. ער שעמט זיך. ער האָט מיט דער דאָקטערשע נאָך קיין צוויי ווערטער ניט אויסגערעדט, וואָס פאַר א מעכוטן איז ער? פונדעסטוועגן, ווען אַלע געסט זײַנען שוין אוועק, האָט ער זיך באַטראַכט:

— די מאַמע, ווי די מאַמע... וואָס האָב איך צום נײַגעבאָרענעם? — קומט באַגריסן.

מיר זײַנען ארײַן צוזאַמען.

ראָכל איז געזעסן אויבנאָן, ווי אף א קרוינשטול. איר יונג געוואָרן פּאָנעם האָט געשײַנט פון פרייד און פון גוטסקײַט. און געווים אויך פון שטאָליץ, וואָס לעבן איר זיצט דער מאַן און ארום זיי — זעקס קינדער. דאָס קלײנע איז געלעגן אין וויגעלע. אוורעמעלע האָט אָנגעקוקט ראָכלען, ווי ער זאָל זי זען איצט צום ערשטן מאָל. ער האָט זי באַגריסט און דערבײַ שפּיל צוגעגעבן, אז ער אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער איז געקומען שטערן, ווען אזויפיל געסט זײַנען פאַראַן.

— געסט? — האָט אים ראָכל מיט פאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט. — געסט? מײַנע קינדער! — און אַלע ארום טיש האָבן זיך הויך פּאַנאַנדערגעלאַכט.

שטילערהייט האָט זיך דער מאָלער געגנומען רוקן צו דער טיר. ראָכל האָט זיך טייקעף אויפגעהויבן און איז אים פאַרלאָפן דעם וועג.

— זעצט זיך צום טיש.

אוורעמעלע האָט געפאָלגט. ראָכל האָט אים אוועקגעזעצט לעבן זיך און, קוקנדיק אף אים מיט אירע שוואַרצע לעבעדיקע אויגן, געזאָגט:

— מיר האָבן געלאַכט ניט פון אײַך, נאָר פון זיך אַליין. ניט שוין זשע קאָן אונדז אפילע א געניט אויג פון א מאָלער ניט דערקענען? — און קעגן איר ווילן האָט זיך ראָכל ווידער צעלאַכט. אוורעמעלע האָט געשמייכלט.

ארויסגייענדיק צוריק אין הויף, האָט ער געפרעגט:

— ווי מיינט איר... זיי לאַכן מער ניט?

וואָס איז געשען מיט מײַן שאָכן? ער שווײַגט נאָך מער, ווי פריִער, באַווײַזט זיך זעלטענער. מיר דוכט, אז אים אַרט שוין ניט, וואָס ראָכל איז א גוטע דאָקטערשע און א גוטער מענטש, וואָס דאָס הויז רופט זיך אף איר נאָמען. אפּאָנעם, ער איז איר גאָר מעקאַנע אף אירע קינדער.

און אָט... אין איינעם א טאָג עפנט זיך אומגעריכט מײַן טיר און דאָס ערשטע מאָל קומט צו מיר ארײַן אוורעמעלע. ער איז קימאַט ווי ארײַנגעלאָפן, ניט געזאָגט קיין גוטמאָרגן, און אָנגעהויבן ריידן, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט א געשפּרעך.

— ...דאָס געלעבטער קלינגט מיר נאָך ביז הײַנט אין די אויערן. געווים האָט איר פון מיר אויך געלאַכט. וויפל מאָל מאַכט זיך, אז קעגן אייגענעם ווילן באַנאַרישט מען זיך. זאָגט איר אַליין... זי הייסט מיר בלײַבן — בלײַב איך. זי הייסט מיר זיצן — זיץ איך. זי לאַכט, און איך שמייכל. צי דען איז עס ניט קיין נאַרישקײַט פון מײַן זײַט? אָבער וואָס טוט מען, אז קלוג ווערט מען ערשט אף מאָרגן. באַוואַר טעכניק, איך פאַרשטיי דאָך, וואָס איר טראַכט וועגן מיר: אָן אקשן, ניט קיין פאַרגינער... דאָס דוכט זיך אײַך נאָר אזוי. דאָס שטאַמט פון מײַן שוואַכקײַט. איך וויל זייער א סאך און האָב דערווײַל גאָרניט דערגרייכט. און די האָר, ווי איר זעט, ווערן גרויער. לאַנגע יאָרן האָב איך געטרוימט אָנצומאָלן אזא בילד, אז מענטשן זאָלן קומען זיך נאָכפרעגן און באַגריסן. די טיר זאָל זיך ניט פאַרמאַכן... זעט איר דאָך... באַגריסן איז מען געקומען די מאַמע מיטן נײַגעבאָרענעם. די טיר האָט זיך ניט פאַרמאַכט... האָב איך איצט באַשלאָסן: איך וועל מאָלן ראָכלס קינדער, זאָל מען קומען און באַגריסן, ווי מיינט איר?

פון דעם טאָג אָן איז מאָלן די קינדער געוואָרן זײַן ציל און זײַן האָפענונג. ביז איצט האָט ער ראָכלס קינדער קימאַט ווי ניט באַמערקט, איצט טרעט ער פון זיי ניט אָפּ. זעט ער זיי ניט — פעלן זיי אים. ער בענקט נאָך זיי. ער קוקט שוין אף זיי ניט, ווי אפן דאָקטערס קינדער, נאָר ווי אף אייגענע — זײַנע צוקינפטיקע פּאָרטרעטן. זײַנע קומענדיקע בילדער גייען ארום, עסן, לערנען, און אַלץ, וואָס זיי טוען, איז אים נאָענט, אפילע ליב.

דעם ערשטן האָט ער געמאָלט דעם עלטערן זון.

דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען שוואַרצהאָריקע, באַם זון זײַנען די האָר טונקעלע, מיט א העלן אָפּשײַן. אזוי זעט ער אויס אפן בילד. זײַנע ארומגעשאָרענע האָר האָבן פון פאָרנט א קליין טשוביקל, וואָס ציט זיך אף ארויף און איז אזוי באַוועגלעך, אזוי פאַרביק אָנשווילער, אז ווי נאָר מע גיט א קוק אפן בילד, אזוי דוכט זיך, אז דאָס טשוביקל וועט זיך אָט-אָט אויפהייבן און אוועקפליִען, און צוזאַמען מיט אים וועט זיך אָפּרײַסן פונעם לײַוונט אויך ראָכלס זון — דער סטודענט זאַלמען. די אויגן באַם זון, אויך טונקעלע מיט א העלן אָפּשײַן, זײַנען אומרויִק. ניט זיי קוקן, נאָר זיי קוקן אויס, זעען פאַר זיך א וועג אָדער זוכן אים. אפן יונגבאָכערישן פּאָנעם מיט די קינדערשע בעקלעך איז צו לייענען: זאַלמען געהערט נאָך דער מאַמען, ער פאָלגט נאָך, וואָס מע הייסט אים, אָבער ער האָט שוין זײַנע אייגענע סוידעס. ער פאָלגט נאָך, אָבער די זעלבשטענדיקײַט קומט שוין אָן. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז אין איינעם א טאָג וועט ער מיט א שעמעוודיק אראָפּגעלאָזטן בליק פאַרטרויען דער מאַמען, אז ער האָט ליב, און וועט בעטן דערווײַל וועגן דעם ניט דערציילן דעם טאַטן. קאָן זײַן, אז ער האָט שוין אויך פאַרטראַכט גלײַך נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט פאַרלאָזן טאַטע-מאַמע און אוועקפאָרן אַרבעטן אפן צאָפן אָדער אפן ווײַטן מיזרעך. עס איז נאָך שווער צו באַשטימען, וואָס אין זאַלמענען איז מער — דער מאַמעס ווייכע גוטסקײַט, צי דעם טאַטנס שטרענגקײַט...

— איר ווייסט... — זאָגט ראָכל, — אזוי טאַקע וואָלט איך אַליין אויך אָנגעמאָלט מײַן זון. א דאַנק אײַך, אוורעמעלע, וואָס איר האָט ליב זאַלמענען. איר האָט אים געמאָלט געטרײַ, ווי א מאַמע.

אפן צווייטן בילד איז אָנגעמאָלט א יונג מיידל אין איר שילערישן ברוינעם קליידל מיט א ווײַסן שירץ. פריִער פאַר אַלץ, אפילע פון דער ווײַט, טיילן זיך אויס צוויי פאַרבן: שוואַרץ און רויט. שוואַרצע געדיכטע האָר, וואָס וויפל מע זאָל זיי ניט קעמען און גלעטן, ווילן זיי רויִק ניט אײַנליגן, און א רויטער פּיאָנערישער האַלדזטוך, וואָס ליגט ערנסט און פאַרטראַכט אף דעם מיידלס האַלדז.

אף איר פּאָנעם טיילן זיך אויס שוואַרצע שײַנע אויגן, וועלכע שטויסן זיך שוין אָן, אז זיי געפעלן די יינגלעך. ס'איז צו זען, אז די אינערלעכע וועלט פונעם מיידל איז אָפּט פאַרנומען מיט איר אויסערלעכן אויסזען. זי איז מילד און גוט, וועט קיינעם קיין שלעכטס וואָרט ניט זאָגן, נאָר דאָס יינגל, וואָס וועט איר געפעלן, אויב יענער וועט עס ניט פאַרשטיין, וועט זי בייז אויסלאַכן. מע קאָן זיך אָנשטויסן: זי ווייסט שוין, אז זי איז א שיינע. און שיינקײַט פאָדערט אירע רעכט.

און דערנאָך איז פאַרטיק געוואָרן א דריט בילד. אויך א מיידל, טאַקע נאָך א קינד. מיט א קליין ברוין צעפּל, ווי א קיטקע פון א כאַלע. די אויגן, קלוגע און שטילע, ריידן צו קיינעם ניט, זוכן קיינעם ניט, זיי באַנוגענען זיך מיט זיך אַליין. איר זעט פאַר זיך א קנאָספּ אף א צווײַגל, וואָס געהערט נאָך אינגאַנצן דעם צווײַגל. עס איז לאַנג צו וואַרטן ביז דער קנאָספּ וועט זיך עפענען און וועט ווערן א געוויקס פאַר זיך. אין וואָס איז דעם קינדס קויעך? דער מאָלער האָט געפונען א מיטל אויסצוזאָגן דעם סאָד. ער האָט אָנגעמאָלט איר האַנט אָנגעשפּאַרט אף א טישל. די האַנט ליגט רויִק, און דאָך שפּילט זי. די פינגער זײַנען אָנגעשטרענגט, פול מיט באַוועגונג און מיט ריטם. די קינדערשע האַנט איז שוין אָן אויסגעאַרבעטע, א פעסטע. זי איז א וואַרעמע, און אז איר וועט זיך גוט צוהערן, וועט איר דערהערן דעם פּולס. און דעריקער — פאַר אײַך וועט ניט זײַן אומגעריכט, ווען די האַנט, וואָס איז פול מיט מוזיק, וועט זיך אויפהייבן און נעמען דיריזשירן.

דעם ערשטן, וועמען דער מאָלער טרויט אָן זײַנע בילדער, — בין איך. זיי געפעלן מיר. איך לויב אים. אָבער דעם גאַנצן עמעס זאָג איך ניט. מיר איז שווער צו זאָגן אוורעמעלען, אז אין די בילדער פון די קינדער מאָלט ער זייער מוטער ראָכל. אין יעדן בילד אַן אַנדער שטריך אירן.

נאָר אָט נעמט אוורעמעלע מאָלן ראָכלען אַליין. ער איז ווידער ניט פריילעך, דאָס מאָל, מיסטאָמע, פאַרגינט ער ניט זיך אַליין...

— אוורעמעלע, וואָס איז מיט אײַך?

— די קינדער האָבן מיר זיך אײַנגעגעבן, די מאַמע... ניט.

מיך וווּנדערט עס שטאַרק. אין די קינדערשע בילדער איז פאַראַן די מאַמע. פאַרוואָס זשע גיט זיך ניט אײַן איר אייגן בילד?

אין עטלעכע טעג ארום כאַפּט מיך אוורעמעלע אָן אינמיטן גאַס און א גליקלעכער זאָגט ער מיר אָן:

— עס וועט זײַן! איך האָב אָנגעכאַפּט דאָס „קלייניקײַט", וואָס פעלט... הײַנט נאָך וועט עס זײַן פאַרטיק...

אינמיטן דער אַרבעט, ווען דאָס „קלייניקײַט", וואָס אוורעמעלע האָט געפונען, האָט ער ניט

בלויז דערזען מיטן אויג, נאָר דערפילט מיטן פענדזל, אָט-אָט... נאָך א רעגע און מע וועט שוין באַלד ניט קאָנען אונטערשיידן, ווו איז ראָכל און ווו איר בילד... אין אַזאַ מינוט איז מען געקומען רופן דעם דאָקטער צו א קראַנק קינד. ראָכל האָט זיך א הייב געטאָן פון שטול.

— רירט זיך ניט, רירט זיך ניט! נאָך איין רעגע... — אוורעמעלע איז אַזוי געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז צו אים איז, אַפּאָנעם, ניט דערגאַנגען, פאַרוואָס דער דאָקטער האָט זיך אופגעשטעלט.

— איין רעגע... — האָט ער זיך געבעטן.

— איך קאָן ניט, איך טאָר ניט.

— וואָס הייסט, איר קאָנט ניט! — האָט ער א געשריי געטאָן. — זיצט! — זײַן שטים איז געווען אַזוי באַפעלעריש, אַז ראָכל האָט געפאָלגט. אָבער באַלד האָט זי זיך ווידער אופגעשטעלט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— איך בעט אײַך, איך באַשווער אײַך... איין רעגע... איך האַלט עס אין די הענט, עס ליגט שוין אַפן פענדזל. עס וועט אַנטלויפן, עס וועט צוריק מער ניט קומען. טײַערע, ראָכעלע...

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזויפיל האַרץ, מיט אַזאַ געבעט, אַז ראָכל איז געבליבן שטיין און זיך גענומען קווענקלען. זי האָט א טראָט געטאָן אַף צוריק. און פאַר יעדן טראָט, וואָס זי האָט געמאַכט צוריק, האָט ער געקושט איר האַנט.

— איין רעגע...

— אוורעמעלע, — האָט זי אויסגעשריִען, — א קינד איז קראַנק. מע מוז דעם העלפן.

— א קינד? — האָט ער א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט עס הערן צום ערשטן מאָל, — און איך? פאַרוואָס ווילט איר מיך אומברענגען? איין רעגע, און איר ראַטעוועט מיך. איין רעגע, און איר פאַרבלײַבט אין דער אייביקייט...

ראָכל האָט אַרויסגעריסן איר האַנט און איז אַרויסגעלאָפן.

אוורעמעלע האָט פאַרמאַכט די אויגן, און אַזוי, מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער דערזען ראָכלען אַזאַ, ווי ער וויל זי זען אַפן בילד. דאָס „קלייניקייט", וואָס אים האָט געפעלט און וואָס נאָרוואָס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער פילט עס מיט די פינגער און מיטן פענדזל, האָט שוין אויסגעזען ניט גענוג וואָרהאַפטיק. ערשט איצט, נאָך ראָכלס אוועקגיין, האָט ער זי דערזען אַפּאַנעמען... ער איז גיך צוגעגאַנגען צום בילד און זיך גענומען פאַרן פענדזל.

ווײַזן מיר ראָכלס בילד וויל איצט אוורעמעלע בעשום-אויפן ניט. איך האָב אים געגעבן אָנצוהערעניש, געזאָגט אָפן — עס העלפט ניט. און איינמאָל, ווען אַלע שכיינים זײַנען אַרויס אין הויף אָנקוקן, ווי מע קלאַפּט אָן א נומער צום הויז און א נאָמען פאַר דער גאַס, און ראָכל איז אויך אַרויס מיט איר קינד אַף די הענט, האָב איך זי געפרעגט:

— ווי געפעלט אײַך אײַער בילד, דאָקטער?

זי האָט געענטפערט:

— זייער! נאָר...—האָט זי זיך געווענדט צום מאָלער — איר ווילט מיך, אוורעמעלע, צעקריגן מיט מײַן מאַן. ווער עס וועט זען דאָס בילד, וועט זאָגן: איר זײַט אין מיר פאַרליבט, — און ראָכל האָט זיך האַרציק און פרייליך אַזוי צעלאַכט, אַז דאָס קינד אַף אירע הענט האָט זיך צעוויינט...

# ברוינע צעפּ

אָפּגעגאַנגען ערשט העלפט וועג, האָט דער צוג שוין פאַרשפּעטיקט אַף א גוטער שאָ. און דער שנײַ שיט אַלץ און שיט. אין וואַגאָן איז אָבער וואַרעם און געמיטלעך.

— יונגערמאַן, עפּשער שפּילט איר כאָטש אין דאַמינאָ? — האָט געפרעגט אַן עלטערער פּאַסאַזשיר מיט ראָזע בעקלעך און מיט א קליין גראָוו יאַמטעווודיק בערדל.

— אין דאַמינאָ? יאָ... — האָט געענטפערט דער יונגער.

דער עלטערער האָט זיך אופגעשטעלט, אַרויסגענומען פון האַנט-רענצל א קאַרטאָנען שאַכטל, איבערגעבונדן מיט א סטענגעלע, און זיך געזעצט אַף זײַן אָרט.

— יונגערמאַן, ווו זײַט איר?

דער סטודענט ליאָווע לערנער איז שוין ווײַ-דער געלאָפן פרעגן באַם וואַגאָן-באַגלייטער, אַף וויפל דער צוג פאַרשפּעטיקט, צי וועט ער ביז מינסק ניט אָניאָגן און קומען צו דער צײַט.

— וואָס זײַט איר אַזוי אומרויִק? אײַערע שיפן וועלן בעשאָלעם אָנקומען. זעצט זיך שפּילן...

— עס ווילט זיך ניט.

צוויי יאָר, אין נײַנטן און צענטן קלאַס, איז ליאָווע געווען פאַרליבט אין ציליע ספּעקטאָר. אַלע האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז ציליע איז צו אים אויך ניט גלײַכגילטיק, נאָר זי האָט עס אויסבאַהאַלטן און געלייקנט. אין קלאַס איז ער געזעסן אַף א פּאַרטע הינטער איר, אָפט גע-קוקט אַף איר וואַרעמען, ווײַסן האַלדז און אַף אירע ברוינע געדיכטע צעפּ און אַלץ מוירע געהאַט, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן און וועט זיך מיט די ליפּן צורירן צו אירע האָר. און כאָטש אים האָט געדוכט, אַז מיט דער פּלייצע פילט זי זײַנע גענדראַנקען, איז זי געזעסן רויִק און מיט קיין זאַך ניט אַרויסגעוויזן, אַז זי פאַרשטייט, וואָס ער טראַכט. אַפן אַרויסלאָז-אָוונט האָבן זיי זיך ביידע ווי צופעליק באַגעגנט אין א ליידיקן קלאַס און זיך צום ערשטן מאָל געקושט. און כאָטש קיינער האָט וועגן דעם ניט געוווּסט, האָט כעוורע עס דערקענט לויט זייערע רויטע שײַנענדיקע פּענעמער. ליאָווע האָט א גליקלעכער געשמייכלט, ווי ער וואָלט אַלץ באַשטעטיקט. ציליען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. זי האָט אַף אים אַזאַ קוק געטאָן, אַז ליאָווע האָט דערפילט, ווי דער פּאַרקעט פון אונטער זײַנע פיס אַנטריכט. זי איז אַוועק פונעם אָוונט א ברויגעזע, און פון דעמלט אָן אויסגעמיטן ליאָווען, אַפילע זען אים ניט געוואָלט.

א פאַרליבטער און א צעטראָגענער, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע אין אינסטיטוט. אַלע טאָג האָט ער געשריבן ציליען בריוו. שרײַבנדיק, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער זיצט הינטער איר און זעט אירע ברוינע צעפּ, ער פילט דעם רייעך פון אירע האָר. אַף קיין איין בריוו האָט זי אים ניט געענטפערט. איצט פאָרט ער אַהיים אַף די ווינטער-קאַניקולן און האָפט, אַז ציליע וועט אים קומען באַגעגענען צום וואָקזאַל. ער פאַרשטייט, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַן אײַנרייִדעניש, נאָר ער וויל אין דעם גלייבן. און דער צוג, ווי אַפּצולאָכעס, פאַרשפּעטיקט.

— יונגערמאַן, — האָט געזאָגט דער אַלטער מיטן גראָוון בערדל, — דער צוג פאַרשפּעטיקט, אָבער זי וועט אײַך סײַווי באַגעגענען.

ליאָווע האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג. געוואָלט האָט ער פרעגן:

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז מע דאַרף מיך באַגעגענען?

געפרעגט האָט ער אָבער:

— איר זײַט זיכער? מע וועט טאַקע קומען?

— וואָדען? א סטודענט, א קאָמסאָמאָליעץ, א פיזקולטורניק און ניט קיין מיִעסער באָכער... פאַרוואָס ניט?

— פונוואַנען ווייסט איר עס אַלץ?

— איך ווייס אַפילע, אַז איר זײַט פאַרליבט. איר, יונגעלײַט, מיינט דאָך, אַז איר האָט באַשאַפן די וועלט, צעשפּליטערט דעם אַטאָם און אַנטדעקט די ליבע. ביז אײַך האָט קיינער ניט געליבט און ניט געייפערט. גלייבט מיר, אַז ביז אײַך האָבן מענטשן אויך געלעבט... זעצט זיך שפּילן אין דאָמינאָ און פאַרגעסט וועגן אַלץ, וועט אײַער פאַרלאַנג גיכער מעקוייעם ווערן.

ליאָווע האָט געשפּילט און פאַרשפּילט. דער אַלטער האָט אים געטרייסט:

— ווען עס גייט ניט אין דאָמינאָ, גייט אין ליבע.

און ליאָווע האָט געהאַט האַנאָע פון פאַרשפּילן.

אַז עס האָבן זיך דערנענטערט די לעצטע סטאַנציעס, איז ער מיט זײַן טשעמאָדאַן אַרויס צו דער טיר פון וואַגאָן, און ווי נאָר דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ער דער ערשטער אַרויס אַף דער פּלאַטפאָרמע. און פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט אַף אים ניט געוואַרט. אים האָט עס פאַרדראָסן, דער אַלטער האָט אים אַזוי אײַנגערעדט...

אַרויסגייענדיק פון וואָקזאַל, האָט ער באַגעגנט א שול-כאַווער. נאָכן באַגריסן זיך האָט יענער געזאָגט:

— שיר ניט פאַרגעסן... ציליעס מאַמע איז געשטאָרבן.

— ווען? — האָט ליאָווע אויסגעשריִען.

— הײַנט איז די לעווײַע. זי איז איצט אַפן וועג צום בעסאַלמען.

ליאָווע האָט זײַן טשעמאָדאַן אָפּגיך אַרײַנגעשטופּט דעם כאַווער אין דער האַנט און איז טייקעף אַוועקגעלאָפן צום טראַמווײַ. יענער האָט אים עפּעס נאָכגעשריִען, געררופן מיט די הענט, נאָר ליאָווע האָט שוין ניט געהערט און ניט געזען.

זיצנדיק אין טראַמווײַ-וואַגאָן, האָט ער געטראַכט וועגן ציליען. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס די ערשטע באַגעגעניש מיט איר דאַרף גאָר פאָרקומען אַפן בעסאַלמען. ניטאָ שוין קיין מער פּאַסיק אָרט! אים האָט ווייי געטאָן פאַר ציליען, וואָס איר מאַמע איז געשטאָרבן, אָבער דער „געשטאָרבן" איז גאָרניט פאַרבונדן מיט טויט. ווי נאָר ער איז אַרײַן אין דעם שוואַרצן צעעפנטן טויער, האָט זיך אַלץ געענדערט. דאָ האָט דאָס לעבן אויסגעזען ווי א צופאַל, און דער טויט ווי א שטענדיקײַט. די מאַצייוועס האָבן דערמאָנט אָן ווײַסע פאַרשנייטע קעפּ, די טויב-שטומע שטילקײַט האָט אַרומגעכאַפּט, ווי א רייף, און זיך אײַנגעשניטן אין לײַב. קיין מענטשן האָט מען ניט געזען. עטלעכע קראָען האָבן געשריִען אַף זייער קאַרטאַוון קאָלטן לאָשן און דאָס האָט צעריסן די שטילקײַט. דער צעטראָטענער שנײַ האָט געוויזן דעם וועג און געפירט גענוי צום אָדרעס.

ליאָווע האָט באַטראַכט די טריט אינעם שנײַ. „די טריט וועלן גיין צוריק, — האָט ער זיך א זאָג געטאָן. — און דאַפקע דער, וואָס האָט דאָ קיין טריט אַפן בעסאַלמען ניט געלאָזט, — וועט פאַרבלײַבן". ער איז אָנגעקומען, ווען דעם קייווער האָט מען שוין געהאַלטן באַם פאַרשיטן. אַרום זײַנען געשטאַנען עטלעכע צענדליק מענטשן: מאַנצבלען מיט אופגעשטעלטע קאָלנערס, פרויען אַרומגעוויקלטע אין פּאַטשיילעס. ציליע איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו ליאָווען און געוויינט. מע האָט שוין איינציקווײַז גענומען זיך פאַנאַנדערגיין. ליאָווע האָט זיך א לאָז געטאָן צו ציליען, אָבער א יונגערמאַן האָט זי גענומען אונטער דער האַנט און לאַנגזאַם-טרויעריק געפירט זי צוריק צום זעלבן שוואַרצן טויער, וואָס פירט ווידער אין לעבן אַרײַן.

באַם אַרויסגאַנג האָט ליאָווע דערזען זײַן טאַטן — ניט ציליע ספּעקטאָר, אַן אַנדערע, אויך א באַקאַנטע, נאָר א פרעמדע... און די דאָ-

זיקע פרעמדע האָט אפן באָכערס אקסל אוועק-
געלייגט איר קאָפּ, דאָס טיכל האָט זיך צע-
בונדן, און דער יונגערמאַן האָט געגלעט אירע
האָר — געדיכטע לאַנגע צעפּ...

אין עטלעכע טעג ארום האָט ער באקומען פון
ציליע ספּעקטאָר א קארטל: ווי אים זאָל עס
ניט וווּנדערן, געפינט זיך זײַן טשעמאָדאַן בא
איר, ווען ער וויל, קאָן ער קומען אָפּנעמען. אין
דער זעלבער שאָ איז ער אהין אוועק. די ערשטע

האָט אים באגעגנט ציליעס מאמע. ער האָט
טראָט געטאָן אָף צוריק.
— שרעקט אײַך ניט... איך וועל לאַנג לעב
קומט ארײַן, מיר ווייסן שוין אלץ און האָבן לב
געטרײַע מענטשן.
ציליע האָט אים דערזען און זיך צו אים
צי געטאָן, ער איז איר געלאָפן אנטקעגן. ד
האָט ארופגעלייגט איר קאָפּ אָף זײַן אקסל א
ער האָט די ליפּן צוגעטוליעט צו אירע האָר. ד
האָט דערבײַ אפילע ניט באמערקט, אז די צ
זײַנען בא איר אָפּגעשניטן...
.1961



## יאָסל לערנער

געבוירן אין 1912 אין בריטשאַן (מאָלדאַוויע). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1929. וווינט אין טשערנאָוויץ.

# הער שוין אויף צו וויינען

הער שוין אוף צו וויינען! שוין גענוג צו קלאָגן!
נײַן־און־נײַנציק כיינען האָבן די פארטאָגן...

נײַן־און־נײַנציק ווונדער זײַנען די פארנאכטן, —
גראבל נישט די ווונדן, די שוין האלב־פארמאכטע!

קוואָרים אף די וועגן? היימען אין רוּינען?
דרויסן זון און רעגן, און די טאָלן גרינען,

און די שטערן רוישן און די הימלען וואכן, —
ווען די טײַערע קדושים לעבעדיק נישט מאכן!..

לייג דײַן קאָפּ אנידער אף מײַן פעסטן אקסל,
הער, עס זינגען לידער קינדערלעך און וואקסן.

נײַן־און־נײַנציק ווונדער, נײַן־און־נײַנציק כיינען... —
גראבל נישט די ווונדן! הער שוין אוף צו וויינען!..
.1961





## מאָטל סאקציער



געבוירן אין 1907 אין לעאָווע (מאָלדאַוויע). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1928. וווינט אין קע-שענעוו.

# אַף דער אַנגאַראַ

א גאנצע וואָך האָט זיך געראנגלט מיטן פראָסט
דער אלטער טײַך. ער האָט מיט צאָרן
געוואָרפן הויך די כוואליעס... ניט געלאָזט
אונטערן אײַז פארשמידן זיך אין קאלטן אָרן.

ערשט נעכטן נאָך געהוילט, געגרעוועט ווילד,
כאָטש שוין אף בײדע שולטער מיד געליגן.
אין אָוונט שוין געכאָרכלט האָט זײַן ברוסט פארקילט,
באנאכט איז ער אין אָנמאכט אײַנגעשוויגן.

און פרי, ווען כ'בין ארויס פון מײַן געצעלט
אינדרויסן, ווו ס'איז א קרישטאָליק ווײַסע
אין דימענט־בלענד געשטאנען שוין די וועלט,
ווי אין א קינדערישער קישעף־מײַסע, —

איז שוין פארשטאַרט געווען דער אײַנגעשפארטער גרײַז,
וואָס שעמט מיט זײַנע ווילד־צעלאָזטע זיטן,
און מענטשן האָבן שוין דאָס העמד פון אײַז
געעקבערט אף זײַן ברוסט אין סאמע מיטן.

און פון די טראקטאָרס ריזיקע דער ברום
איז מיט די דונערדיקע ווידערקלאנגען
ווײַט, אין לופט דער גלעזערנער ארום,
איבער דער טײַגע זיך צעגאנגען.

די הייבקראנען, ווי ברײשיס־כײַעס אין געוויג,
די העלדזער שטאָלענע צו אים געבויגן.
דאָס הייסט: ס'וועט הענגען הויך א בריק,
ווי פרילינג איבער טײַך א רעגנבויגן...

## אין ערנקרײַז

מיט פליגלען זילבערנע א סטײַע בושלען האָט
אין קילן הימל, דעם פארטאָגיק־ראָזן,
הויך געשוועבט איבער דער שטאָט,
זיך גרייטנדיק די געגנט צו פארלאָזן.

געלאסן, ווי אָף גלאנצנדיקן אײַז,
מיט ברייט־צעשפּרייטע אָנגעשפּארטע פליגל,
א קרײַז זיי האָבן אָנגעצייכנט נאָך א קרײַז
אין ראָזן אויסגוס פון דעם הימל־שפּיגל.

און אין קאיאָר־שײַן קילער אָפּגעטוקט,
מיט די געטאָקטע העלדזער צו דער ערד געבויגן,
צום לעצטן מאָל די געגנט שוין באקוקט,
און, אויסגעווירעט אין א סיידער, אָפּגעפלויגן.

מײַן גרוס אוועקטראָגן אהין, וווּ ס׳רוישט און בליט
די פרײַע ליד פון אפריקע בא דעם עקוואטאָר.
צי וועלן בושלען אויסהאלטן דעם שטאָלצן איבערפלי?
צי קיינער אין דעם וועג ניט בלײַבן וועט פארמאטערט?

אין קילן רוים האָט זיך א סטײַע בושלען צארט
מיט די געטאָקטע העלדזער צו דער ערד געבויגן,
אָן ערנקרײַז איבער מײַן שטאָט געמאכט,
און, אויסגעווירעט אין א סיידער, אָפּגעפלויגן...

## פון די היגע קוואַלן

צווישן שמעקנדיקע לינדנביימער
פון מײַן אלט־נײַער, גרינער דאָרעם־שטאָט —
פארטראכט איך גיי מיר,
און צו מיר די הײַזער לויכטן
דורך די ווײַסע ציגל,
צונויפגעטוליעטע,
ווי מעוועס מיט צונויפגעלייגטע פליגל
אָף א פעלדז באַם ברעג פון יאם,
אָפּגעטוקט אין שקיִע־פלאם...





כ׳גיי און איינס איך קלער: אזוי־אָ שטענדיק
זאָל דער הימל זויבער זײַן און בלענדיק.
צו זיך אליין איך רייד און טײַנע:
קענען טאָמיד כ׳זאָל די עמערס מײַנע
שעפּן פון די היגע קוואלן נאָר,
וואָס פון טיף פון אונדזער וואָר
פריש באלעבנדיק זיי שלאָגן,
און מײַן ליד זאָל זייער לויטערקײַט פארמאָגן.

צווישן שמעקנדיקע לינדנביימער
פון מײַן אלט־נײַער גרינער דאָרעם־שטאָט —
פארטראכט איך גיי מיר,
און איינס איך ווינטש: זאָל קיינמאָל מער דער טרויער
קיין צוגאנג ניט געפינען צו איר בלענדנדיקן טויער.

.1961—1960

---



### פּייסי יאנאָווסקי

געבוירן אין 1914 אין זשיטאָמיר. פאָרענדיקט דעם מאָסקווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1933. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ארבעט אלס זשורנאליסט אין פּערם.

## אפן צאָפן

באנאכט די טונדרע בלענדיק ווײַס.
דער פראָסט דעם שניי פארהארטעוועט.
דער טײַך — א וועג אָף גלאטן אײַז.
א טשוקטש. אכט הינט. א נארטע.

דער ערשטער הונט — דער „קאפּיטאן“,
אָף שווארצער פעל — א ווײַסער פלעק.
דער קאנט ארום איז אים באקאנט,
ווײַל יעדן טאָג אין וועג.

דעם טאם פון רויך דער ווינט דערטראָגט
פון שאכטעס אין א טאָל,

ווּ טאָג און נאַכט אין בערג מע גראָבט
די ערד, וואָס רייַך מיט גאָלד.

די נאָרטע טראָגט זיך גליטשיק־גרינג
צום טאָל דורך ווייַסע נעכט.
און דער קאַיור א ליד מיר זינגט
פון אַלץ, וואָס ער באַמערקט:

„די טונדרע — קאַלט, די טונדרע — ווייַס,
זי ליגט פאַרשמידט אין אייַז.
יאָג, ווינט! טראָג אָפּ מייַן קאָל
צום מיידל, וואָס אין טאָל...״

באַנאַכט די טונדרע בלענדיק ווייַס.
א טשוקטשע. אַכט הינט. א נאַרטע.
אויך דאָ, ווו אייביק ליגט דאָס אייַז,
די לידער זייַנען צאַרטע...

* * *

די ערשטע ליד האָט אָנגעהויבן... ווער?

. . . . . . . . .

ס׳קאָן זייַן, דער ווינט האָט זי אַף ראַכוועס דאָ געטראָגן
מיט סקריפּ פון וועלף־צייַן צו די ווייטע שטערן,
ווען מיט געוואָי זיי פלעגן נאָך לעוואָנע יאָגן,
געוואָלט זי, אויסגעהונגערטע, פאַרצערן.

ס׳קאָן זייַן, די ערשטע ליד דער יאַם האָט אָנגעהויבן מורמלען,
אין ברום פון כוואַליע־פּליעסק, בא אייַזבערג־וווּנט,
און ס׳האָט זיך צוגעהערט צו איר און נאָכגעקרימט
אַ האַלבע כייַע און א האַלבער מענטש.

צי עפּשער האָבן פלאַסטן ערד פון צייַט פאַרדעקט
די ליד — אָף יאַרנלאַנג פאַרהיט, באַשיצט?
דער ווילדער מענטש האָט זי דערפילט, אַנטפּלעקט,
אָף שטיינער מיט געמעלן אויסגעקריצט.

.1960





## מאָטל גרוּוומאַן

געבוירן אין 1916 אין נעמיראָוו (אוקראַינע). געדינט אַלס פּאָרפּאָלקאָווניק אין דער סאָוועטישער אַרמיי. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1939. וווינט אין נאָווגאָראָד.

### לענינגראַד

ניט דערפאַר נאָר, מייַן שטאָט, כ׳האָב דיך האָלט,
ווייַל אהער פון מייַן שטעטלשן ווינקל
האָבן טרוימען געבראַכט מיך אַמאָל —
פון ווייַטער פּאָדאָליע א יינגל.

געפירט אינעם פרייַען פאַרטאָג
צו דער בלויער נעוואַ. בא די ברעגן
אין געוועט האָבן כוואַליעס געיאָגט,
ווי א כאָשעוון פרייַנט מיך באַגעגנט.

דייַנע בריקן מיט בראָנזענע פערד
און מוזיק אָף די קיראָווער אינדזלען,
ס׳דוכט: די זון איז אַראָפּ אָף דער ערד
און אָף נעווסקער פּראָספּעקט זי געפינט זיך...

באַזונדערס מייַן שטאָט מיר געפעלט,
ווייַל פונדאַנען האָט לענין באַוויזן
דער גאַנצער פאַרפייַניקטער וועלט
א וועג צו דעם גליק —
קאָמוניזם!

.1960

## מייער כאראַץ



געבוירן אין 1912 אין דאָרף שורי (מאָל-דאוויע). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1935. נאָך דער באפרייונג פון בעסאראביע געארבעט אלס פעדאגאָג. וווינט אין טשערנאָוויץ.

# אפּבלי

אויסגעבויגן שוין דעם דאך,
אויסגעגלייכט די ווענט,
אויסגעהאַקט די פענצטערלעך —
רוען אַף די הענט.

מאָרגן עפן איך א טיר,
שטעל א בעט אריין,
און א טיש אַף אלע פיר,
און א לאָמפּ מיט שיין.

אפן טיש א טינטער טינט,
נעבן טיש א שטול,
און איך זעץ אוועק מיין קינד,
ווי אין קלאס, אין שול.

אף א בויגן ווייס פאפיר
מאָלט דאָס קינד א הויז,
גרויסע פענצטער און א טיר,
וואָס איז אויכעט גרויס.

אף דער טיר א צווייטע טיר
פונעם צווייטן שטאָק —
קלעקט איר מער ניט דאָס פאפיר
פארן גאנצן בלאָק.

עפן איך א ברייטן וועג
פאר מיין קינדס פארמעסט:
פלי דיר, קינד מיינס, ווייט אוועק,
נאָר געדענק די נעסט!



# גלעקערביקס

א צוג איז ארויס פון דער שטאָט באנאכט,
אין וועג איז טאָג געוואָרן.
און ס'האָבן די פענצטער זיך צעלאכט
מיט פענעמלעך, וואָס פאָרן.
לאכט, קינדערלעך, לאכט!

די דעכער פון אלע וואגאָנעס גלייך —
ניט נידעריקער, ניט העכער —
און איבער דער בריק און איבערן טייך
און איבער אלע טעכער —
לאכט, קינדערלעך, לאכט.

דער צוג שניידט דורך א גרויס שטיק פעלד,
א טונקעלן וואלד א גרויסן.
די קינדער האָבן דערזען די וועלט
ארויס פון דער שטאָט, אינדרויסן.
לאכט, קינדערלעך, לאכט!

דער צוג איז אריין אין וואלד באטאָג,
באגריסט פונעם וואלדיקן שוימער,
דער צוג האָט דעם וואלד אדורכגעיאָגט
און איבערגעיאָגט די ביימער.
לאכט, קינדערלעך, לאכט!

דער צוג שטעלט לאנגזאם אין וועג זיך אַפ,
און קינדער מיט זייערע זאכן
זיי קריכן — די ערשטע פארטיע — אראָפּ,
געזעגענען זיך און לאכן.
לאכט, קינדערלעך, לאכט!

דער צוג שטעלט ווייטער זיך ווידער אַפ
אינמיטן א וואלד א טיפן,
זיי קריכן — די צווייטע פארטיע — אראָפּ,
געזעגענען זיך און שטיפן.
לאכט, קינדערלעך, לאכט.

און ווידער אין וועג און ווידער פארהאלט
זיין לויף דער צוג דער געשווינדער,
דער צוג האָט דעם טאָל, דעם בארג און דעם וואלד
דערפרייט מיט אונדזערע קינדער —
לאכט, קינדערלעך, לאכט!

.1960

# שרײַבער וועגן שרײַבער



**ז. וועגדראָוו**

געבוירן אין 1877 אין סלוצק (ווײַסרוסלאַנד). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1900. וווינט אין מאָסקווע.

# יוגנט — אונדזער אויצער

פרײַנט און באקאַנטע האָבן צו מיר טײַנעס: — איר זײַט שוין, קיין אײַנהאָרע, אלט עטלעכע און אכציק, ביז הונדערט און צוואנציק, איר האָט געזען א וועלט, געלעבט אין פארשיידענע לענדער, געקומען אין באריר מיט אלערליי מענטשן — פון די סאמע אויסדערווײלטע אין מיזרעך־וואנט פון לעבן ביז די שטיפקינדער באם גורל. איר האָט וואָס צו זאָגן אונדזער יונגן דאָר. פארוואָס זשע זאָלט איר ניט שרײַבן קיין זיכרוינעס?

אָט די אייצעס ווערן געוויינלעך באגלייט מיט דעם אלטן לידל פונעם אלטן דאָר וועגן „הײַנטיקער יוגנט": „א יוגנט אָן פרינציפּן, א יוגנט, וואָס קלערט נאָר וועגן פארווײַלונגען, טענץ, קינאָ, ספּאָרט, מאָדעס, דער שווארציאָר ווייסט וועגן וואָס..."

אינדערעמעסן, ווער נאָך קאָן געבן יונגע מענטשן גוטע אייצעס, אויב ניט די, וועלכע זײַנען אליין שוין ניט פעיק צו באווײַזן זיי א שלעכטן בײַשפּיל?..

דאָס טאקע באוועגט עפּשער אלטע לײַט צו שרײַבן זיכרוינעס...

אָבער ניטאָ קיין מער נוצלאָזע זאך, ווי געבן אייצעס, באזונדערס — אומגעבעטענע אייצעס. אין מײַן גאנץ לעבן האָב איך ניט באגעגנט קיין מענטשן, וואָס זאָל מיר זאָגן א דאנק פאר אן אומגעבעטענער אייצע, דערהויפּט, ווען איך ווײַז אים דערבײַ אָן אף די נארישקײַטן, וועלכע ער איז באגאנגען, אף זײַנע כעסרוינעס, און לערן אים, וואָס ער דארף טאָן, דערצייל אים, וויאַזוי איך וואָלט אין אזא פאל געהאנדלט, ברענג אים בײַשפּילן פון מײַן אייגענער „גרויסער לעבנס־פּראקטיק".

לעבנס־פּראקטיק איז נוצלעך און ווערטפול, אָבער אייגענע, אליין דעראָבערטע לעבנס־פּראקטיק, ניט פרעמדע. וואָרעם וואָס אזוינס איז לעבנס־פּראקטיק? דאָס איז א סכום טאָעסן און פעלערן, וואָס מיר האָבן געמאכט אין לעבן, נארישקײַטן, וועלכע מיר זײַנען באגאנגען, פאר וועלכע מיר האָבן שפּעטער אין לעבן טײַער באצאָלט און וועלכע וואָרענען, אז מיר זאָלן קיינמאָל מער זיי ניט איבערכאזערן. אָדער, פארקערט, לעבנס־פּראקטיק — דאָס זײַנען קלוגע שריט, וואָס מיר האָבן געמאכט, גוטע טאטן, וואָס האָבן ארויסגערופן ליוב און אָנערקענונג פון אונדזערע מיטצײַטלער, און וועקן דעריבער אין אונדז דעם באגער ווײַטער צו טאָן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זײַן נוצלעך פאר אונדז זעלבסט און פאר דער געזעלשאפט, אין וועלכער מיר לעבן. דעריבער, ווען די וויסנשאפט—ביאָלאָגיע, ביאָפיזיק, ביאָכימיע, מעדיצין — וואָלט אזוי ווײַט דערגרייכט, זי זאָל קאָנען אלטע לײַט צוריק יונג מאכן און דערבײַ זאָלן זיי פארהיטן זייער גאנצע לעבנס־דערפארונג, — וואָלטן די יונג געוואָרענע מענטשן בעשום־אויפן ניט איבערגעכאזערט זייערע אלטע פעלערן און טאָעסן — זיי וואָלטן געמאכט נײַע טאָעסן און באגאנגען נײַע נארישקײַטן. אין דעם טאקע ליגט עפּשער דער גאנצער כיין און רייץ פון דער יוגנט — וואג און טו, אפילע ווען דו ריזיקירסט צו מאכן דערבײַ א פעלער. געמאכט א פעלער, פאריכט אים, נאָר גיי פאָרויס, שטיי ניט אף איין אָרט, דעראָבער אייגענע לעבנס־פּראקטיק.

ביכלאל געהער איך ניט צו די יעניקע, וועלכע זעען אין דער יוגנט בלויז כעסרוינעס. פארקערט, איך געפין, אז די איצטיקע יוגנט איז אנטוויקלטער, ענערגישער, טעטיקער, דרייסטער, מוטיקער און אונטערנעמערישער, ווי מיר זײַנען געווען אין אונדזער יוגנט. פאר דער איצטיקער יוגנט ווערן קעסיידער געשטעלט גרויסע, פאראנטוואָרטלעכע אויפגאבן, און זי פילט זיי אויס מיט ערע און ענטוזיאזם. די יוגנט איז שטענדיק און אומעטום אפן ערשטן אָרט. די יוגנט איז אין די ערשטע רייען, ווען עס קומט צו באשיצן דאָס סאָציאליסטישע היימלאנד; די יוגנט בויט שטעט און דערפער, פאבריקן און זאוואָדן, דאמבעס און עלעקטראָסטאנציעס. די יוגנט האָט אויפגעהויבן הונדערטער טויזנטער העקטארן נײַערד און גיט דעם לאנד מיליאָנען טאָן שטאָל. די יוגנט בויט שאָסייען און לייגט דורך הונדערטמײַליקע קאָנאלן, באוואסערט מידבאָריעס, פארוואנדלט זיי אין בליענדיקער ערד.

אף די נײַערד־סטעפּעס פון קאזאכסטאן, אין די טונדרעס פון עקסטן צאָפן, אין די פאבריקן און זאוואָדן פון אוראל און סיביר, — אומעטום, ווו עס פאָדערן זיך געזונטע ארבעטס־הענט, אויסדויער, ענטוזיאזם, געפינט איר די יוגנט אונדזערע.

יורי גאגארין און הערמאן טיטאָוו, די ערשטע קאָסמאָנאווטן אין דער וועלט, וועמעס נעמען עס וועלן לעבן אין דוירעס, ווי א סימבאָל פון געוואגטקײַט און העלדנמוט, — געהערן צו דער סאָוועטישער הײַנטצײַטיקער יוגנט.

ניין, איך האָב צו דער יוגנט קיין טײַנעס ניט. מיך פארדריסט בלויז, וואָס איך בין ניט איינער פון איר.

עמעס, א נײַער דאָר גייט געוויינלעך ניט אין די דראָכים פון זײַנע פאָרגענגער. איז אזוי ווײל צו דער יוגנט פון אלע פריערדיקע צײַטן, וואָס האָט זיך ניט געטאָפּטשעט אף די שפּורן פון די עלטערן. א שיין פּאָנעם וואָלט די וועלט געהאט, ווען קינדער זאָלן גיין בלויז אין די טריט פון זייערע טאטעס און מאמעס. דאן וואָלטן אין דער געשיכטע געפעלט די בלעטער פון די פראנצויזישע רעוואָליוציעס און פון דער פאריזשער קאָמונע; קינדער פון רוסישע אדעליקע וואָלטן ניט ארויס אפן סענאט־פלאץ אין פּעטערבורג פאָדערן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן א קאָנסטיטוציע; פויערים וואָלטן נאָך אלץ געווען לײַבייגענע פון רײַכע פּריצים; די ראָמאנאָוו־דינאסטיע וואָלט נאָך אדהײַעם געזעסן אפן טראָן און געהערשט איבער דעם „פינצטערן" פאָלק. ווען די יוגנט וואָלט געגאנגען בלויז אין די טריט פון אירע עלטערן, ווען זי וואָלט ניט אויסגעטראָטן קיין נײַע וועגן, וואָלט ניט פאָרגעקומען די גרעסטע געשעעניש אין דער וועלט־געשיכטע — די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, מיר וואָלטן ניט געלעבט אין לאנד פון סאָציאליזם. דוירעסלאנג פארשקלאפטע

פעלקער וואָלטן פון זיך ניט אראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון קאפּיטאל און קאָלאָניאליזם, די וועלט וואָלט אויסגעזען, ווי זי האָט אויסגעזען מיט פיל צענדליקער און הונדערטער יאָרן צוריק, אזוי ווי זי האָט אויסגעזען אין די צײַטן פון אונדזערע טאטעס, זיידעס און עלטערזיידעס. אונדזערע ייִדישע באָכערים וואָלטן נאָך אלץ „שטודירט״ אף טאנדעטנע שנײַדערס אָדער דארדעקע־מעלאמדים און אונדזערע ווילע כיינעוודיקע מיידלעך וואָלט מען נאָך צו זעכצן יאָר געגאָלט די קעפּ און פארביטן זיי די שיינע האָר מיט טשיפּיקעס. אלץ וואָלט געווען ווי אין די „גוטע אלטע צײַטן״...

איך וויל, אָסער, ניט באפּוצן די יוגנט מיט קאָלירטע פעדערן, באפארבן מיט העלע פארבן, לאקירן זי. אז איר מאָלט א פּרעכטיקן דעמב אף א זוניקער לאָנקע, מוזט איר מאָלן אויך זײַן שאָטן. אָן דעם וועט דאָס בילד זײַן ניט רעאליסטיש, ניט פולקום. ס׳איז קיין סאָד ניט, אז צווישן דער יוגנט זײַנען פאראן „סטיליאגעס״, „פיזשאָנעס״, „פּאַצעטן״, „ביטניקעס״, צי ווי זיי הייסן דאָרטן, — יוגנטלעכע, וואָס מיינען, אז שמאָלע הויזן ביז די קנעכל, שפּיצאסטע שיך און העמדער מיט א זאָאָלאָגישן גאָרטן — דאָס איז ציוויליזאציע, אז דזשאז—דאָס איז מוזיק, ראָק־ען־ראָל— קולטור, אמעריקאנער „קאָמיקס״ און „בעסטסעלערס״ — ליטעראטור. פאראן יוגנטלעכע מיט א לײַכטער באציִונג צו פרויען. מיר באגעגענען נאָך מיידלעך, וואָס גלייבן, אז פלירט — דאָס איז ליבע, ליבע — דאָס איז „סעקס״, מיידלעך, וואָס שטייען נישט אָפּ פון זייערע ייִנגלעך ניט אין רייכערן, ניט אין טרינקען, ניט אין קיין שום אנדערע „פארגעניגנס״ און פארווײַלונגען.

פון איינעם און דעם זעלבן מאטעריאל קאָן מען דאָך בויען אי א קולטור־פּאלאץ, אי א טורמע — עס ווענדט זיך אין די בויער, ניט אין מאטעריאל.

עס איז א באוווּסטער פאקט, אז דאָס־ראָוו „סטיליזירטע״ ייִנגלעך און מיידלעך, ליידיקגייערס און פוסטעפּאסניקעס זײַנען קינדער פון גוט באצאָלטע ספּעציאליסטן, „פאראנטוואָרטלעכע טוער״, וואָס „האָבן קיין צײַט ניט״ צו פארנעמען זיך מיט דער דערציִונג, נאָר וועלכע זאָרגן דערפאר, אז בא די זינדלעך און טעכטערלעך זאָל שטענדיק זײַן גענוג טאשן־געלט אף צו באפרידיקן אלע פארלאנגען — דערלויבטע און ניט דערלויבטע. „איבערגעגעבענע, הייס ליבנדיקע״ מאמעס ציטערן איבער די קינדער, גיבן נאָך אלע זייערע קאפּריזן, היטן, דער פאָטער זאָל, כאָלילע, זיך ניט דערוויסן, אז דער זון אָדער די טאָכטער האָט באקומען אין שול א שלעכטן באל. אזעלכע מאמעס און טאטעס דערציִען ניט אין זייערע קינדער קיין ליבע צו ארבעט, קיין אכטונג צו מענטשלעכער מי, קיין רעספּעקט צו זיך און צו לײַטן.

קינדער ווערן ניט געבוירן שלעכט און צעלאָזן. מע מ א כ ט זיי שלעכט און צעלאָזן. טאָ לאָמיר ניט ווארפן די גאנצע שולד אף דער יוגנט.

און נאָך דארפן מיר געדענקען, אז א מענטש איז ניט קיין שמעטערלינג. א שמעטערלינג, וואָס ווערט געבאָרן אין א זוניקן זומער־פרימאָרגן און שטארבט א פּאָר שאָ פאר זון־אונטערגאנג פונעם זעלביקן טאָג, גייט אוועק פון דער וועלט מיט דעם גלויבן, אז דער טאָג איז אייביק, אז אייביק שײַנט די זון. א מענטש אָבער לעבט גענוג לאנג, באגעגנט אומפארמײַדלעך אין זײַן לעבן שטורעמס און פינצטערע כמארעס, דונערס און בליצן, שנייען און בייזע ווינטן, ליכטיקע טעג און פינצטערע נעכט. פריִער אָדער שפּעטער וועט דאָס לעבן זיך ארײַנמישן אין דער דערציונג פונעם יוגנטלעכן. ער וועט אופהערן שוועבן פון איין פארגעניגן־בלימל צום צווייטן, ער וועט, ווי עס רעדט זיך, קומען צום סייכל. דאָס הייסט ניט, אז מע דארף זיך פארלאָזן אפן נאטירלעכן גאנג פון דער צײַט. אָבער גלייבן אין דער דערציִונגס־קראפט פונעם לעבן — דאָס איז אונדזער כויוו.

לעשעם עמעס דארף איך זאָגן, אז מײַן אייגענע יוגנט קאָן, צווישן אונדז גערעדט, ניט דינען אלס מוסטער פאר דער הײַנטצײַטיקער יוגנט. איך וועל דעריבער ניט שרײַבן קיין זיכרוינעס, וואָס דארפן דינען ווי א מין וועגווײַזער. זאָל די יוגנט אויסטרעטן איר אייגענעם וועג פאָרויס. נאָר, ווי א מענטש פון „פארפולקומטער עלטער״, וואָס האָט א זיבן צענדליק פון זײַנע עטלעכע און אכציק יאָר, ווי עס רעדט זיך, „געריבן זיך צווישן מענטשן״, — ווילט זיך מיר זאָגן מײַנע יונגע פרײַנט:

אויב עמעצן פון אײַך געפעלן הויזן 18 סאנטימעטער שמאָל, בעסער איידער הויזן 28 סאנטימעטער די ברייט, זאָל ער טראָגן געזונטערהייט שמאָלע הויזן, קאָלירטע העמדער און בונטע קראוואטן. מיר, „אלטמאָדישע״ אלטע לײַט, זײַנען ניט קעגן דער מאָדע. מיר זײַנען בלויז קעגן בלינד נאָכמאכן פ ר ע מ ד ע מאָדעס. מיר זײַנען פאר אנטוויקלען אונדזער אייגענעם עסטעטישן געשמאק. פונקט ווי מיר האָבן אונדזער אייגענע סאָוועטישע מאָראל און עטיק, ווילן מיר אויך האָבן אונדזער אייגענע סאָוועטישע עסטעטיק, אונדזער אייגענעם אויסוואל פון מאָדעס.

פארקעמען די האָר הײַנט ווי זשעראר פיליפּ, מאָרגן ווי איוו מאָנטאן, איבערמאָרגן — טראָגן צעשויבערטע האָר, ווי וואן קליבערן, אָדער פארלאָזן זיך בערדלעך, ווי די קובינער יוגנטלעכע, ווײַל „אזוי פאָדערט די מאָדע״, איז ניט קיין פארלעצונג פון די נאָרמעס פון געזעלשאפטלעכער אופירונג, — עס איז בלויז נוצלאָז. א סאך וויכטיקער איז ניט אויסערלעך, נאָר אינערלעך זײַן ענלעך אף אײַערע אויסגעקליבענע באליבטע מוסטערן. וויכטיק איז, אז יעדערער אף זײַן אָרט, אין זײַן געביט זאָל שטרעבן צו דערגרייכן די שליימעס, די פולקומענהײַט פון א וואן קליבערן, זאָל דינען זײַן פאָלק און זײַן לאנד, אזוי ווי פידעל קאסטראָ דינט זײַן לאנד און זײַן פאָלק.

און נאָך ווילט זיך מיר זאָגן מײַנע יונגע פרײַנט: אין נאָמען פון אלץ, וואָס אײַך איז ליב, פארשווענדט ניט אײַער יוגנט אומזיסט, ניצט זי אויס, ווי ווײַט נאָר איר קאָנט, לעטויוועס אונדזער לאנד, ווײַל דאָס, וואָס איר וועט אופטאָן אין אײַער יוגנט, וועט איר שפּעטער אין לעבן שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען איבערכאזערן: פאראן זאכן, וואָס גיבן זיך אײַן נאָר דאן, ווען מען איז יונג. די נוצלעכע מײַסים פון אײַער יוגנט וועט איר שפּעטער שטענדיק דערמאָנען מיט פרייד און שטאָלץ, ווי אײַער ערשטע ליבע.

אין דער גראנדיעזער בויונג פון אונדזער לאנד, אין דער טיטאנישער ארבעט פון אופהייבן נײַערד, אין דער וויסנשאפט און אויך אין דעם קאמף פאר באהערשן דעם קאָסמאָס באטייליקט זיך די יוגנט פון אלע סאָוועטישע פעלקער, דערונטער אויך די ייִדישע יוגנט. מײַן ווונטש איז, אז דער אָנטייל פון אונדזער יוגנט אין די דאָזיקע היסטאָרישע ארבעטן זאָל זײַן גרעסער, ווי ער איז געווען ביז איצט. דער עלטערער דאָר סאָוועטישע מענטשן האָט אָנגעהויבן די סאָציאליסטישע איבערגעשטאלטונג פון אונדזער לאנד. איר דארפט אָט די ארבעט פארענדיקן.

ניטאָ קיין גרעסערע באפרידיקונג, ווי די באפרידיקונג פון ערלעכער און נוצלעכער מי, און ניטאָ קיין מער ביטער געפיל, ווי דאָס געפיל פון אן אומזיסט פארטאכלעוועטער יוגנט, ווי דאָס באוווסטזײַן, אז איר לאָזט ניט איבער קיין שפּורן נאָך זיך אין לעבן.

צום שלוס ווילט זיך מיר זאָגן אונדזער יוגנט: היט זיך פון פריצײַטיק אלט ווערן. עלטער איז א רעלאטיווער, א באדינגלעכער באגריף, — עס זײַנען פאראן אלטע יוגנטלעכע און יונגע זקיינים. דער, וואָס לעבט מיט די אינטערעסן פון זײַן לאנד, פון זײַן פאָלק, דער, וואָס שאפט און בויט, דער, וואָס האָט א האנט צו העלפן זײַן כאווער אין א נויט, א טרער פאר פרעמדע ליידן און א גוטן שמייכל פאר פרעמדע פריידן, — דער איז קיינמאָל ניט אלט.

בלײַבט זשע יונג ביזן סאָף פון אײַערע טעג, מײַנע טײַערע יונגע פרײַנט!

.1961

אוורהאָם גאָנטאַר



געבוירן אין 1908 אין בערדיטשעוו. פאַרענדיקט דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פונעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1927. וווינט אין מאָסקווע.

# אַ זעלטענע אײַספּאָבע

גאנצפרי האָט סימע סלוצקי אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן און מיר געזאָגט, אז פינקטלעך צוועלף באַטאָג וועט זי וואַרטן אף מיר אין איר מאשין לעבן מײַן הויז, אנטקעגן די גרויסע טרעפ פון האָטעל „אוקראַינע". לויטן קאָל אירן איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אז דאָס מיידל נעמט זיך איבער מיט „איר מאשין". איך בין איר אָבער מויכל געווען — א יונג מיידל, וואָס איז מאַקריוו א שאָ פון איר זונטיקטאָג צוליב מיר, שוין ניט גאָר קיין יונגן „קאַוואַליער", איז ווערט, אז מע זאָל איר פאַרגעבן אַזעלכע קלייניקייטן.

פאַריקן זונטיק האָב איך באַגעגנט אין מעטראָ סימעס פאָטער — מײַן בען־איר רוּוון סלוצקי. אזעלכע צופעליקע באַגעגענישן אפן עסקאַלאַטאָר, איך — ארוף, און ער — אראָפּ, האָבן זיך שוין איבערגעכאַזערט ניט דאָס ערשטע מאָל, און קימאַט שטענדיק אף דער סטאַנציע „דינאַמאָ".

נאָך פונדערווײַטנס באַגריסן מיר אייַנער דעם צווייטן מיט אופגעהויבענע הענט. וואָס נעענטער די עסקאַלאַטאָרס פירן אונדז צונויף, אַלץ וואַרעמער און ברייטער ווערט דער שמייכל פון מײַן פרײַנט, און איך פאַרשפּאָר שוין פרעגן דעם טראַדיציאָנעלן, גאָרניש זאָגנדיקן „וואָס הערט זיך?"

דעם פאַריקן זונטיק האָב איך אָבער בא דער העלער שײַן פון די מעטראָלאָמפּן אופגעכאַפּט עפּעס א באַזונדער פײַערל אין רוּוון סלוצקיס אויגן.

איך האָב א מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט און אויסגעשריגן, אז באַלד וועל איך זיך צוריק אראָפּלאָזן — זאָל ער צוּוואַרטן.

אין א מינוט ארום זײַנען מיר שוין ביידע געשטאַנען אין געראַומען וועסטיביול.

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, — האָט רוּוון געזאָגט, — איך האָב דיר שוין געוואָלט אָנקלינגען. זונטיק וועט סימע צופאָרן צו דיר...

ס'ווײַזט זיך ארויס, אז קיין מאָסקווע פאָרן זיך צונויף אַלע סלוצקיס: די מיזינקע סימע האָט כאַסענע.



* * *

פאַרנדיק מיט סימען איבער די מאָסקווער גאַסן, האָב איך געטראַכט: ווען איך וואָלט ניט זײַן פאַרליבט אין דעם קוטוזאָוו־פּראָספּעקט, ווו איך וווין, וואָלט איך געוויס מאַסקים געווען מיט די סלוצקיס, וואָס האַלטן, אַז קיין שענער אָרט, ווי זייער לענינגראַדער פּראָספּעקט, איז גאָר ניטאָ.

די שטענדיק רוישיקע גאָרקי־גאַס ווימלט טאָג און נאַכט מיט פילקאָלירירטע אַווטאָס און מיט מענטשן, וואָס באַוועגן זיך געשיקטער, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און אף אַלע אַנדערע גאַסן; עס ווייסן זי, די גאָרקי־גאַס, אפילע די, וואָס האָבן פאַרבײַפאָרנדיק זיך אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע בלויז אף געציילטע שאָען; וועגן איר ריידן אפילע יענע מענטשן, וואָס זײַנען קיינמאָל אין דער הויפּטשטאָט ניט געווען, — אין דער הייסער אַפריקע און אין אייראָפּע דערציילט מען, אַז אין די גרעסטע פרעסט פאַרקויפט מען דאָ אײַזקרעם. די דאָזיקע גאַס גיסט זיך ארײַן מיט איר אימפּעט אין דעם לענינגראַדער פּראָספּעקט, שטויסט זיך אָן אין די ברייט־צעוואַקסענע בולוואַרן, וואָס ציִען זיך ווערסטן לאַנג.

די געפלאַסטערטע וועגן נעמען ארום דעם צעוואַקסענעם בולוואַר פון ביידע זײַטן, ווי אין א ראַם. די ברייטע טראָטואַרן מיט די בלומען־קלומבעס טרעטן צו ביז די פילשטאָקיקע הײַזער. אָט דאָ הייבן אָן די מענטשן באַוועגן זיך לאַנגזאַמער, און די אַווטאָס — האַסטיקער. וואָס ווײַטער ווערט דאָס גערויש שטילער, און ווען מע דערנעענטערט זיך צום סטאַדיאָן „דינאַמאָ", הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז מע געפינט זיך אין א פּרעכטיקער קוראָרט־שטאָט, וואָס איז זומער פאַרפלייצט מיט בלומען און ווינטער מיט ווײַס־בלוילעכע הורבעס שניי, מיטביימער און קוסטעס, אָנגעפּעלצטע אין פראָסט־טוי, צווישן וועלכע עס ציִען זיך, ווי אָנגעצויגענע סטענגעס, די אַווטאָמאַגיסטראַלן.

אין די אָוונטן, ווען א יאַם מיט פײַערן שפּרייט זיך אויס ביז צום סאַמע האָריזאָנט, קומט אראָפּ אף דער גאַס א פרייַלעכער יאָמטעוו, און שלאַנקע מיידלעך און יונגע באָכערים פאַרגעסן געהיט זײַן פאַר א פרעמד אויג. יונגע מאַמעס וויקלען אײַן זייערע אייפעלעך אין פוכיקע קאָלדרעס און פירן זיי ארויס אין די וועגעלעך אף פרוזשיניקע שינעס — זאָלן זיי שלאָפן געזונטערהייט. ווינטער רויטלט זיי די בעקלעך דער פראָסט, זומער — די דופטיקע לזפט פון בלומען און ליפּעס.

אף די באַלקאָנען און אין די הויפסקווערן, אף די בולוואַרן און ארום די פאָנטאַנען רוען אָפּ אַרבעטס־מענטשן.

פאַרנדיק מיט סימען — מיט דער מיזינקע פון מײַן בערדיטשעווער בען־איר, האָב איך זיך דערמאָנט:

* * *

אין שפּעטן האַרבסט פון דעם שווערן 1941 מילכאָמע־יאָר האָט דער באַשקירער מיליטער־קאָמיסאַריאַט מיך באַפולמעכטיקט באַגלייטן בא צוויי הונדערט ייִנגלעך קיין אַרכאַנגעלסק אין דער יונגאַ*־שול. איבערקוקנדיק די צעטלען, האָב איך זיך פאַרהאַלטן אף א באַקאַנטער פאַמיליע — סלוצקי וולאַדימיר רוּוימאָוויטש... מיר איז געקומען אפן זינען, אז דאָס קאָן אַמאָל זײַן א זון פון מײַן קינדהײַט־כאַווער. רוּוונס א קינד! א וואַרעמער שטראָם האָט א שלאָג געטאָן אין האַרצן.

פאַר די אויגן איז אופגעשוווּמען מייער גענדזערס גרויסער הויף אף די בערדיטשעווער פּיסקעס, וואָס אפילע צווישן די „פּיסקעוואַטע" האָט ער געשעמט מיט זײַן שמוץ. דער בוריאַן ארום די שטיבלעך, אײַנגעזונקענע אין דער ערד, האָט דערגרייכט ביז די קרומע לאָדן, ער איז געוואַקסן אף די פּריזבעס, אף די שינדל־דעכער און אפילע אף די ווענט. דאָס געפילדער פון די פילצאָליקע גענדז, וואָס דער באַלעבאָס פון הויף האָט געהאָדעוועט פאַרן מאַרק, האָט זיך געטראָגן ביז צו דעם הימל. די שכיינים האָבן געוווּסט, אז באַסיע, מייער דעם גענדזערס עלטסטע טאָכטער, איז טאַקע מעשוגע געוואָרן איבער דעם ווילדן גע־

* יונגאַ — א ייִנגל, וואָס לערנט זיך אף מאַטראָס.

שריי פון די גענדז. אַפּטמאָל פלעגט זי זיך ארויסרײַסן פון איר כיידערל, ווו זי איז געווען פארשפארט, ארײַן אין די גרויסע שטײַגן פון די גענדז און אָנהייבן מיט זיי א מילכאָמע.

די ווײַסע און ראבע פייגל פלעגן אופהייבן אזא געשריי, אז אף אונדז, קינדער, וואָס זײַנען שוין געווינט געווען דערצו, פלעגט אָנפאלן א פאכעד. דורך די שפּארונעס פונעם פלויט פלעגן מיר פארגאפטע זען, ווי די מעשוגענע באסיע קײַקלט זיך א נאקעטע צווישן די ווילדגעוואָרענע גענדז, רײַסט פון זיי די פעדערן, טאָפּטשעט מיט די באָרוועסע פיס...

פאר די אויגן איז אויסגעוואקסן רוונס אויסגעדארטע מאמע לייע די קורעלאפניטשקע מיט צוויי גרויסע געפלאָכטענע קוישן איןביידע הענט, לייע מיט איר גאנץ געזינדל — „הינדעלעך און ענדעלעך” פלעגט מען זיי רופן, און געהייסן האָבן זיי: ברײַנדל, הינדל, הענדל, פרויקע, זינדל, רוון.

דעם מיזיניק, מײַן כאווער רוון, האָט די מאמע זײַנע אליין א נאָמען געגעבן „דער פרינץ הויל־און־נאקעט”. אמאָל האָט מען בא אים צוגעגאנוועט די מײַטקעלעך, וועלכע ער האָט געלאָזט אפן ברעג פון גנילאָפּיאט, און ער איז געקומען צו לויפן פון טײַך א נאקעטער. אָט אזוי איז ער שוין אף אייביק פארבליבן — „דער נאקעטער פרינץ”.

שוין צענדליקער יאָרן, אז מיר האָבן זיך ניט געזען, נאָר דאָס געשטאלט פון מײַן קינדהײַט־כאווער האָב איך זיך בוילעט פאָרגעשטעלט, גלײַך איך וואָלט זיך ערשט נעכטן געזעגנט מיט אים.

נאָך אין די צוואנציקער יאָרן זײַנען זיך אונדזערע וועגן צעגאנגען: איך — קיין אָדעס, אין אינסטיטוט, און ער — קיין כארקאָוו, אין א גרויסן מעטאלור־גישן זאוואָד.

אין יענע יאָרן האָט די שטעטלדיקע יוגנט זיך א לאָז געטאָן אין די גרויסע שטעט — ווער אין די לערן־אנשטאלטן, ווער אין די פאבריקן און זאוואָדן. עס האָבן זיך דאן אָן עפן געטאָן פאר אונדז אלע וועגן, און יעדערער איז אוועק אהין, וווהין דאָס הארץ האָט געצויגן. וווהין די אויגן האָבן געפירט. שפּעטער מיט יאָרן האָבן מיר זיך באגעגנט און קוים דערקענט איינער דעם צווייטן. ווי אף א וווּנדער האָבן מיר געקוקט אף דעם וואָס עס איז געוואָרן פון די אָרעמע און פארשטויסענע מוישעלעך און שלוימעלעך, הינדעלעך און הענדעלעך! מײַנע „פּיסקעוואטע” ייִנגלעך האָב איך באגעגנט אפן עקסטן צאָפן, אין די צעטלען פון לעבעדיקע און העלדיש אומגעקומענע שלאכטלײַט, צווישן די נעמען פון באוווּסטע געלערנטע, קונסט־טוער.

פארשטייט זיך, אז איך האָב זיך ניט געכידעשט, ווען איך האָב נאָך צוריק מיט יאָרן באגעגנט אין דער פרעסע רוונס סלוצקים נאָמען צווישן די בעסטע פון איינעם א זאוואָד — צווישן די, וואָס זײַנען אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט מעלוכישע באלוינונגען.

אָט אנערעך אזעלכע געדאנקען זײַנען מיר דעמלט ארופגעשוווּמען, ווען כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אף דער פאמיליע סלוצקי.

כאָטש עס האָט מיך אונטערגעטריבן דאָס אומגעדולד, האָב איך דאָך באַשטימט ניט ארויסרופן צו זיך דאָס ייִנגל, נאָר אליין דעם אופזוכן צווישן די צוויי הונדערט בלאָנדע, שווארצע און ברוינע קעפּלעך.

אין איינעם א קאָרידאָר פון דעם אינטערנאט, ווו די קומענדיקע יאמלײַט האָבן זיך געפונען ביז זייער אָפּפאָרן קיין ארכאנגעלסק, האָב איך דערזען א באָכערל פון א יאָר עלף־צוועלף, וואָס האָט זיך מיט זײַן אויסגעדארטן קערפּערל אויסגעצויגן אפן דיל און פלײַסיק געמאָלט א פלאקאט מיט רויטער און שווארצער פארב — א מענטשן מיט אַן ארויסגעשטעקטער לאנגער צונג און א שווערע האנט, וואָס וויל אים פארמאכן דאָס מויל.

יאָ, דאָס איז געווען רוונס זון — דער טאטע מיט די ביינער, מיט אלע זײַנע באוועגונגען, מיט א ווײַטן אָפּשײַן פון הונגעריקע אויגן, מיט א פארכידעשטן שמייכל.

דאָס ייִנגל האָט באמערקט, אז איך קוק אף אים, און פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אף מיר אַן אומרוּיִקן בליק.



נאָך עטלעכע ווײַלעס האָב איך געקוקט אף זײַן פלאקאט און שטיל, ווי פאר זיך אליין, א פרעג געטאָן:

— די באָבע דײַנע, לייע, לעבט נאָך?

דאָס ייִנגל איז אופגעשפּרונגען פון אָרט און פארווּנדערט מיר ארײַנגעקוקט אין פּאָנעם.

איך האָב אים אָנגענומען פאר די אקסל און ווײַטער זיך נאָכגעפרעגט:

— דײַן פאמיליע איז סלוצקי? וולאַדימיר רוּוימאָוויטש?

— סלוצקי. וואָלאָדיע הייס איך.

...אין דעם זעלבן אָוונט האָב איך באַזוכט לייע די קורעלאפּניטשקע, וועלכע די מילכאָמע האָט פארטראָגן אזש קיין אופא.

ווען עס ליגט ניט אף איר די אכרײַעס פארן לעבן פון איר אייניקל, וואָלט זי אפילע ניט געטראכט זיך רירן פון די פּיסקעס, און אירע אלטע ביינער וואָלטן שוין געלעגן אפן „גאלעכס פּלאץ”, ווו טויזנטער בערדיטשעווער ייִדן זײַנען דערשאָסן געוואָרן פון די היטלעריסטן.

— גאָט אליין האָט אָבער געוואָלט, אז איך זאָל נאָך דערלעבן דעם היצעלס מאפּאָלע...

פונעם קאָמאָד, וואָס איז געשטאנען לעבן פענצטער, האָט לייע מיר דערלאנגט איין פאָטאָגראפיע נאָך דער צווייטער: אירע זין און טעכטער, איידעמס און שניר, — אלע „הינדעלעך און ענדעלעך”, אָנגעטאָן אין רויטארמייִשע שינעלן און אין ארבעטער־ספּעצאָווקעס. זי האָט געקוקט אף מיר שטרענג, גלײַך זי וואָלט זיך געגרייט פארטיידיקן יעדן פון זיי, אויב איך וועל פרוּוון עפּעס שלעכטס זאָגן.

באמערקט א שמייכל אף מײַנע ליפּן, איז לייע מילדער געוואָרן. זי האָט פון שופלאָד פון דעם זעלבן קאָמאָד ארויסבאקומען א פּאק מיט בריוו און זיי אויסגעשאָטן אפן טיש, זי איז גרייט געווען מיר לייענען אלע בריוו פון אָנהייב ביזן סאָף. נאָר באלד האָט זי זיך געכאפּט:

— האָט קיין פאריבל ניט... איך נעם בא אײַך אָפּ צײַט...

באטראכטנדיק די פאָטאָגראפיעס פון לייעס קינדער, וועלכע האָבן אראָפּגעקוקט פון די רעמלעך אָפּגעפרעמדט, נאָר דאָך געוועקט עפּעס אן אומרו, איז מיר געקומען אפן געדאנק: קעדיי צו זען, וויִאזוי דער מענטש האָט זיך געענדערט, דארף מען טאקע אָפּטרעטן פון אים אף א געוויסן מעהאלעך... ניט שוין זשע זײַנען דאָס לייע דער קורעלאפּניטשקעס קינדער?

און מיר איז אײַנגעפאלן צו פרעגן:

— און מיך וואָלט איר דערקענט?

לייע האָט געענטפערט:

— דער טאטע דײַנער איז אין דײַנע יאָרן שוין געווען אַן אלטער אויסגעהאָרעוועטער ייִד...

* * *

אין א פּאָר טעג ארום האָב איך צוזאמען מיט די יונגאס זיך געלאָזט מיטן וואסער קיין ארכאנגעלסק, דורך די טײַכן בעלאיא, קאמע און וואָלגע.

צוריק בין איך געפאָרן מיטן צוג און אף עטלעכע טעג זיך אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע. איך האָב געהאט בא זיך וואָלאָדיע סלוצקים א בריוו צו זײַנע עלטערן.

די זעלבע גאָרקי־גאס, וואָס איז שטענדיק בארימט געווען מיט איר שוווּנג און יאָמטעוודיקײַט, האָט מיך באגעגנט אָנגעכמורעט און שטרענג. שוין אפן ערשטן ראָג האָט א מיליטער־פּאטרול דורכגעקוקט מײַנע דאָקומענטן, און ביז איך בין געקומען צו דעם נייטיקן הויז, האָב איך נאָך פיר מאָל געמוזט ווײַזן מײַן שײַן.

די פארלאָשענע גאס־לאמטערנס, בלאָווע פײַערלעך פון די פארבײַלויפנדיקע מאשינעס, פארמאסקירטע פענצטער, זעק מיט זאמד ארום די צאָקאָלשטאָקן האָבן ארויסגערופן אין זיקאָרן א שורע פון א ליד, וואָס האָט דאן פּינקטלעך אויסגעדריקט די ארומיקע שטימונג: „דער סוינע בא די טויערן”.

ניט אין ארכאנגעלסק, ניט אין אופא, ווו דאָס לעבן איז אין גרונט נאָרמאַל פאָרגעזעצט געוואָרן, האָט זיך אזוי ניט געפילט דער אָטעם פון מילכאָמע, ווי דאָ אין מאָסקווע. סײַ די מענטשן, סײַ די גאסן האָבן אויסגעזען ניט געוויינלעך — א מין ערנסט פון גרויסער פאראַנטוואָרטלעכקײַט איז געלעגן אף אלע־

מענס פענעמער. מיט הארץ־ציטערניש האָבן די מענטשן זיך איַינגעהערט אין די לעצטע ניַיס פון סאָווינפאָרמביוראָ, זיך איַינגעקוקט אין די שורעס פון ציַיטונגען. קיין קינדערשע וויגעלעך האָט מען אין די בולווארן ניט געזען. אונטער די הויכע ליפּעס פון די מאָסקווער בולווארן, ווו יונגע מאמעס פלעגן ארויספירן זייערע קינדער אין די וועגעלעך, זיַינען איצט געשטאנען צוגעבונדענע צו די שטאמען פון די ביימער אעראָסטאטן, און יונגע מיידלעך אין מיליטער־קליידער האָבן געהאוועט ארום זיי.

די טיר האָט מיר געעפנט אנע איליניטשנע. מיידלוויַיז האָט מען זי אין דער היים גערופן כאנקע עלעק דעם שניַידערס. א שטאלטנע מיידל געווען, מיט א ריין ברוין פּאָנעם. בא אונדז זאָגט מען אף אזעלכע: „אזא יאָר אף מיר, כוץ שווארצכיינעוודיקיַיט”.

זי האָט מיך דורכגעלאָזט פאָרויס אין צימער אריַין, גליַיך זי וואָלט זיך פון פריִער געגרייט צו מיַין קומען. מיך געבעטן זיצן און אליין זיך צוגעזעצט אנטקעגן מיר.

נאָך דעם, ווי איך האָב איר גענוי דערציילט וועגן דעם ייִנגל, האָב איך זיך ניט איַינגעהאלטן און א זאָג געטאָן:

— ווען איך באגעגן איַיך אין גאס, וואָלט איך געוויס דערקענט כאנקע עלעק דעם שניַידערס...

פון אומדערווארטקיַיט האָט זי זיך אזש א הייב געטאָן פון אָרט.

— איר זיַיט?..

— יאָ, איך בין יודל דעם מוליערס, רוונס כאווער, פון מייער דעם גענדזערס הויף...

כאנקע עלעק דעם שניַידערס, וואָס פלעגט שאבעס פארנאכט ארויסגיין אפן שפּאציר אף דער בעליפּיליער גאס, לעבן שרענצים־טעאטער, האָט צוגעצויגן צו זיך ניט נאָר אונדז, פּאָשעטע ייִנגלעך. מיר האָבן געוווּסט, אז דער אדוואָקאט שאפּירע, וואָס איז געווען א באַרימטער פארשוין אין שטאָט, שטארבט נאָך אירע טריט, ער האָט שוין אריַינגעשיקט מענטשן צו עלעק דעם שניַידער, געפּרוּווט אליין א רעד טאָן מיט אים ביים דעם מעסטן אן אָנצוג. נאָר זי האָט ניט געוואָלט הערן וועגן קיינעם, כוץ וועגן רוון סלוצקי דעם טאָקער פון זאַוואָד „פּראָגרעס”. צוליב אים האָט זי געפּוצט די שיכעלעך אף די הויכע קנאפּל, געפּרעסט די וויַיסע בלוזקעלעך אירע, פאר אים פארקעמט די האָר אין א קראנץ. און זי האָט אירס טאקע אויסגעפירט: פון בערדיטשעוו זיַינען זיי אוועקגעפאָרן צוזאמען. צוזאמען געארבעט, צוזאמען געלערנט אין אָוונט־ארבפאק. די ערשטע ציַיט געלעבט באזונדער, כאָטש זיי זיַינען שוין געווען מאן און וויַיב, — זי אין צוזאמענוווינונג פון ארבפאק און ער אין זאוואָד־צוזאמענוווינונג.

די ניַיע שניַידמעסערס, וואָס רוון סלוצקי האָט צוגעטראכט, די ניַיע מעטאָדן פון פארהארטעווען זיי, האָבן אים געמאכט א שעם אף דעם גרויסן מאָסקווער זאוואָד.

אנע איליניטשנע האָט גערעדט וועגן אים מיט שטאָלץ:

— רוּווענען ניצט מען איצט אויס אף וויכטיקע ארבעטן. אין אָנהייב פון דער מילכאָמע איז ער אוועק אין אָפּאָלטשעניע. נאָר דער זאוואָד האָט אים עקסטרע ארויסגערופן צוריק. ניט מער, ווי איין מאָל אין וואָך קומט ער אהיים. אויב איר וועט פארבליַיבן ביז זונטיק, וועט איר זיך זען מיט אים...

...מיט רוּווענען האָב איך זיך דעמלט ניט באגעגנט. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט יאָרן שפּעטער אף א קוראָרט אין דרוסקעניקי.

אָט דעמלט האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם גורל פון אלע סלוצקים, וועגן דעם גורל פון א געוויינלעכער מישפּאָכע, וואָס האָט דורכגעמאכט א וועג פון דער טיפסטער אָרעמקיַיט ביז א ווירדיק לעבן.

* * *

בא די סלוצקים, וווּהין סימע האָט מיך אראָפּגעבראכט אין איר מאשין, האָט מיך באגעגנט די גאנצע מישפּאָכע. עס האָבן מיך ארומגערינגלט באַיאָרטע פרויען און מאנצבלען, קינדער — גרעסערע און קלענערע, און יעדערן איז



טשיקאווע געווען וויסן, צי דערקען איך אים.

מיַין זיקאָרן איז די לעצטע יאָרן אָפּגעשוואכט געוואָרן, נאָר דעם יונגא וואָלאָדיען האָב איך גליַיך דערקענט. א הויכוווּקסיקער שטאלטנער מאן פון א יאָר עטלעכע און דריַיסיק, האָט ער עטוואָס טרויעריקלעך מיר דערלאנגט די האנט און זיך אומגעקערט צו דער אומגעריכטער פראגע, וואָס איך האָב אים געשטעלט צוריק מיט קארגע צוויי צענדליק יאָר:

— און די באָבע לייע געדענקט איר?

איך האָב געוווּסט, אז וואָלאָדיע האָט פארענדיקט די מיליטערישע יאם־אקאדעמיע און לערנט איצט אין דער אדיונקטור. דער פאָטער זיַינער האָט מיר שוין ניט איין מאָל באוויזן די זשורנאלן, ווו עס זיינען געדרוקט געווען וואָלאָדיעס וויכטיקע ארטיקלען.

— „דער פרינץ הויל־און־נאקעט”, — האָט רוון געלאכט, — וועט נאָך האָבן א זון אן אדמיראל.

— בא לייע דער קורעלאפּניטשקע, — האָט זיך אָנגערופן א קליינוווּקסיקע פרוי, וואָס האָט צוגענומען בא מיר דעם מאנטל, — פלעגט ניט אופהערן גיסן פון דאך און פון די ווענט. דערפאר, מינאַסטאם, ציט עס אונדזערע קינדער צום וואסער. מיַין זון איז אויך א מאטראָס...

איך האָב דערקענט איר שטים. דאָס איז געווען בריַינדעלע.

— בריַינדעלע קאָזאק! — האָב איך זיך דערפרייט. דאָס דאָזיקע קאָל וואָלט איך דערקענט אפילע אין הונדערט יאָר ארום. פון קינדוויַיז אָן האָט זיך איַינגעשניטן בריַינדעלעס באפוילערישע שטים. ניט געקוקט אף איר דאר און קוואר קערפּערל, איז איר ווילן געווען א געזעץ ניט בלויז פאר אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך, נאָר אויך פאר אלע איבעריקע הויף־קינדער. מיט פולן רעכט האָט זי געקאָנט זאָגן:

— מיַין אייגענעם גורל האָב איך אליין באשאפן...

בריַינדעלע האָט אמאָל „פארליבט אין זיך” דעם שטארקסטן בויאן פון די פיסקעס, שלוימקע אָדלער, פאר וועמען עס האָבן געציטערט די גרעסטע בורדיקעס.

נאָר דער כידעש איז ניט אין דעם, וואָס ער איז איר נאָכגעגאנגען פוסטריט, נאָר דאָס, וואָס זי האָט אים געצווּונגען, שלוימען, זיך זעצן אף דער שול־באנק. ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט פארענדיקט די וועטערינאר־שול, האָט זי כאַסענע געהאט מיט אים.

אין טיומען, ווו בריַינדל איז פארוואלטערן פון דער סאניטאריש־עפּידעמישער סטאנציע, קענען זי אלע ווירטשאפט־טוער. א סאך פון זיי האָבן זיך שוין ניט איין מאָל צעצאָלט פון דער איַיגענער קעשענע איבער דעם „גוט־אויג” פון דער דאָזיקער באַיאָרטער ענערגישער פרוי — זיך צעצאָלט פאר ניט אָפּהיטן די סאניטארע נאָרמעס...

געוויס, האָב איך געטראכט, געדענקט נאָך בריַינדל מייער גענדזערס הויף, וואָס אפילע אף די פיסקעס האָט ער געשעמט מיט זיַין שמוץ.

רוון האָט מיך געוואָרנט, אז וועגן בריַינדלס מאן שלוימען און וועגן איר עלטערן זון דארף מען ניט ריידן. ביידע זיַינען אומגעקומען אפן פראָנט שוין אין די לעצטע טעג פון דער מילכאָמע. ביז איצט יאָטרען נאָך אין איר הארץ די דאָזיקע וווּנדן, און כאָטש קיינער האָט קיינמאָל ניט געזען אירע טרערן, ווייסן אלע, אז ס׳איז ניטאָ די שאָ, זי זאָל זיי ניט באוויינען...

ריידנדיק מיט בריַינדלען, האָט מען געקאָנט מיינען, אז דאָס וויכטיקסטע פון אלץ אף דער וועלט איז איר סאניטאריש־עפּידעמישע סטאנציע. צווישן אונדז גערעדט, טראכטן אלע אזוי וועגן זייער ארבעט.

— אָט לאָמיר א פרעג טאָן בא סימען, בא אונדזער קומענדיקן פילאָסאָף... וואָס, סימעלע, האלטסטו פאר דעם וויכטיקסטן אין לעבן?

סימע טראכט ניט לאנג:

— בא היַינטיקן טאָג באקומען אן אטעסטאט פון א שאָפער, עס זאָל שטיין שווארץ אף וויַיס: „שאָפער פון ערשטן קלאס”... און וועגן מאָרגן האָב איך ניט קיין זאָרגן! — האָט זי זיך הויך און קלינגענדיק צעלאכט.

הינדען, לייע דער קורעלאפּניטשקעס מיטלסטע טאָכטער, וואָס איז שוין בא

דרײַ צענדליק יאָר א לערערן פון ענגליש, איז סימעס ענטפער ניט געפעלן געוואָרן.

— אין דײַנע יאָרן, סימע, האָבן מיר געהאַט אנדערע דײַגעס, — האָט זי געזאָגט מיט רוגזע, — האלעווײַ זאָל זיך גוט ענדיקן מיט דײַן מאשין, און כאָטש איך האָב א כײלעק אין איר, בין איך געווען קעגן אזא מאטאָנע.

סימע האָט ארומגעכאפּט די מומע ארום האלדז:

— אויב דיר טוט באנק דײַן צושטײַער, מומע הינדעלע, וועל איך דיר אָפּגעבן... אָט וועל איך ענדיקן דעם אינסטיטוט, וועל איך פארדינען מערער פון דיר.

ערשט איצט האָב איך זיך דערוווּסט, אז אלע געסט, וואָס זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אף סימעס כאסענע, האָבן א כײלעק אין דעם מײדלס מאשין, דאָס איז דער „דראָשעגעשאנק" פון די מומעס און די פעטערס...

קײן מאָסקווע האָט די מאשין געבראכט זינאָווי סלוצקי פון גאָרקי, ווּ ער ארבעט אלס אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר פונעם אווטאָזאוואָד.

אין דעם דאָזיקן וווּקסיקן מענטשן מיטן פראָטעז אַנשטאָט דעם רעכטן פוס איז אוממעגלעך געווען דערקענען דאָס געוועזענע באָכערל פון די פּיסקעס, וועלכן מיר האָבן אמאָל גערופן זינדל.

— דאָס רעדעלע דרייט זיך ניט שלעכט, אמאָל פלעגן מיר זיך „קאטײַען" אפן „זאדאָק" פון כאַים פּאָטקאָוועס בריטשקע. די שמיץ פון זײַן בײַטש ליגן מיר נאָך הײַנט אין טאם, — ער האָט צוגעטוליעט סימעס קאָפּ צו זײַן אקסל און איר ווײַטער ארײַנגערעדט אין אויער ארײַן:

— דו, סימקע, הער זיך ניט צו, וואָס עס וועלן דיר זאָגן דײַנע „טיאָטקעס" און „דיאדקעס". דו פאָר ווײַטער! דיך וועט מען ניט שמײַסן מיט קײן בײַטש. מײַנע שנעקעס טײַנען אויך, אז די עלטערן זײַנען קאָנסערוואטאָרס. מינאָסטאם ווייסן זיי בעסער... זייערע אויגן זײַנען יינגער, זעען זיי ווײַטער.

ניט ווילנדיק האָב איך איבערגעפירט דעם בליק אף זינאָווים אמפּוטירטן פוס. ער האָט ארופגעלייגט די האנט אף מײַן אקסל און געזאָגט:

— עפּעס ביסטו מיר צו פרי גראָ געוואָרן...

* * *

אָט דאָס האָב איך געוואָלט דערציילן וועגן מײַנע געוועזענע בערדיטשעווער שכײנים. וועגן א פּאָשעטער סאָוועטישער מישפּאָכע.

— נו, און ווּ זײַנען לײַע דער קורעלאפּניטשקעס איבעריקע קינדער? ווּ איז הענע און פרויקע? — קאָן מען פרעגן.

וועגן זיי וועל איך בלויז זאָגן:

דאָס אייביקע פײַער, וואָס ברענט אפן קייווער פון דעם אומבאקאנטן סאָלדאט, דערמאָנט אויך אין זיי.

.1961



# ליטעראַטור-און-קונסט

## וו. ג. בעלינסקי

(צו זײַן 150-טן געבורטסטאָג)

טויזנטער און טויזנטער סאָוועטישע מענטשן דערמאָנען הײַנט מיט דאנקבארקײַט דעם נאָמען: וויסאריאָן בעלינסקי. נאָך אין דער פריִער יוגנט זייערער האָט ער זיי געגעבן דעם הויכן באגריף וועגן ליטעראטור און קונסט, געפלאנצט אין זייערע הערצער דעם גלויבן, אז שיינקײַט און גערעכטיקײַט טאָרן ניט זײַן צעשיידט, אז דאָרט, ווּ עס פעלט די סאָציאלע גערעכטיקײַט, האָט דער קינסטלער נאָך איינציקן באַרוף: אויסטרעטן פאר איר דעם וועג, אויסקעמפן זי און, אויב נייטיק, אויך אויסשטיין די שווערסטע לײַדן אין דעם דאָזיקן קאמף.

אין דער באוווּסטער ארבעט „די קינדערקרענק פון „לינקשאפט" אין קאָמוניזם" האָט לענין געשריבן: „דער באָלשעוויזם איז אנטשטאנען אין 1903 יאָר אף דער סאמע פעסטער באזע פון דער מארקסיסטישער טעאָריע... דעם מארקסיזם, די איינציקע ריכטיקע רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, האָט רוסלאנד בעעמעס אויסגעליטן דורך דער פופציקיאָריקער געשיכטע פון אומגעהערטע לײַדן און קאָרבאָנעס"*.

צווישן די פאָרגייער פונעם מארקסיזם אין רוסלאנד, וואָס האָבן אין מעשעך פונעם גאנצן לעבן לײַדנשאפטלעך געזוכט דעם וועג צו א ריכטיקער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע און רעוואָלוציאָנערער עסטעטיק און וואָס האָבן בוכשטעבלעך „אויסגעליטן" די דאָזיקע רעוואָלוציאָנע־ע טעאָריע און עסטעטיק, פארנעמט בעלינסקי דאָס אָנגעזעענסטע אָרט. בעלינסקי האָט אויסגעטראָטן א וועג און צוגעגרייט דעם באָדן ניט בלויז פאר טשערנישעווסקין און דאָבראָליובאָוון, נאָר אויך פאר פּלעכאנאָוון און פאר דער קומענדיקער אנטוויקלונג פון דער מארקסיסטיש-לעניניסטישער סאָוועטישער קריטיק.

די רעאקציאָנע־ע רוסישע קריטיק האָט שטענדיק געקעמפט קעגן בעלינסקין און געפרוווט אויסלאכן זײַנע אומדערמידלעכע שעפערישע זוכונגען, באקעמפן זײַנע אידייִשע, פילאָסאָפישע און עסטעטישע אָנשטרענגונגען. די רעאקציאָנערע קריטיק ניט נאָר אין בעלינסקיס צײַטן, נאָר אויך אין XX יאָרהונדערט (אקים וואָלינסקי, אייכענוואלד אא.) האָבן פאָרגעוואָרפן בעלינסקין, אז ער האָט ניט קײן שטאנדהאפטיקע עסטעטישע טעאָריע, אז בא אים זײַנען „זיבן פרײַטיקס אין וואָך", ווי זיי פלעגן זיך אויסדריקן.

בעלינסקי האָט דורכגעמאכט א ריי סטאדיעס אין זײַן פילאָסאָפישער אנטוויקלונג: פון שעלינגען און פיכטען צו העגעלן און פון העגעלן צו פייערבאכן. נאָר די רעאקציאָנערע קריטיק האָט ניט געוואָלט פארשטיין, אז אין דער דאָזיקער עוואָליוציע איז באשטאנען די קראפט פון בעלינסקין אלס דענקער. אין געביט פון פילאָסאָפיע האָט ער דורכגעמאכט די עוואָליוציע פון אידעאליזם צו מאטעריאליזם. אין געביט פון עסטעטיק האָט ער געשאפן זײַן טעאָריע, וואָס האָט פראָקלאמירט רעאליזם, פאָלקסטימלעכקײַט פון דער קונסט, איר ענגע פארבינדונג מיטן לעבן, מיט די וויכטיקסטע אקטועלע נויטן פונעם סאָציאלן קאמף אין רוסלאנד, מיטן קאמף קעגן דער צארישער זעלבסטהערשונג און לײַבייגנטום. און אומעטום, אין אלע געביטן איז ער געווען א רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראט, וואָס האָט געשטרעבט אף א רעוואָליוציאָנערן אויפן אראָפּוואַרפן דעם צאריזם און אײַנשטעלן א דעמאָקראטישע מאכט פון פאָלק.

די ערשטע גרעסערע ארבעט בעלינסקיס „ליטעראַרישע טרוימען" (1834) האָט אים גע-

* וו. אי. לענין, ווערק, ב. 31, 4-טע אויסגאבע, ז. 9.

מענטש לעבט איבער „גוואַלדיקע איבערלאַדונגען" און דאָס געפיל פון „פאַרלירן די נאַטירלעכע מענטשלעכע וואָג". יורי גאַגאַרין האָט אין אַזעלכע אויסטערלישע אומשטענדן אָף קיין איין רגע ניט פאַרלאָרן זײַן מאָראַלישע גבֿורה.

ווו זײַנען די קוואַלן פון אָט דער גבֿורה?

קוידעמקאָל אינעם געפיל פון אַכרײַעס פונעם סאָוועטישן מענטשן פאַר זײַן פאָלק און אַכרײַעס פונעם פאָלק פאַר זײַן העלדישן זון. צו דער ערד, וואָס איז דעם קאָסמאָנאַווט אין די רוימען נאָך ליבער און נעענטער געוואָרן, האָט ער זיך צוגעהערט אין מעשער פון אַלע 108 מינוט, און זי האָט זיך צוגעהערט צו אים. סײַ וויאַזוי זײַן האַרץ קלאַפּט, סײַ וואָס זײַן אויג זעט — אַלץ האָט די ערד געוווּסט. „מיר איז ניט געווען אומעטיק און איך בין ניט געווען איינזאַם... אין יעדן וואָרט, וואָס איז אָנגעקומען פון דער ערד, האָב איך געפילט די שטיצע פונעם פאָלק, פון דער רעגירונג, פון דער פּאַרטיי", — דערציילט גאַגאַרין.

אָף דער ערד און אין די ווײַטע הימל-רוימען בלײַבט גאַגאַרין אַ קאָמוניסט, אַ קעמפער פאַר שאָלעם, פעלקער-פרײַנטשאַפט און גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט.

„אָפּן זיכער זײַנען געקומען אַלערלײ געדאַנקען און אַלץ אַזעלכע ליכטיקע, יאָמטעוודיקע... איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז די קאָסמישע שיף טראָגט מיט זיך לענינס אידייען אַרום דער גאַנצער ערד..."

לענינס אומשטערבלעך געשטאַלט איז מיט גאַגאַרינען אומעטום: סײַ אין דער נאַכט ערעוו דעם אַרויספלי, סײַ אין דעם פרימאָרגן, ווען ער פליט איבער דער „קאָסמישער מאַגיסטראַל".

און אָט איז געקומען דער טאָג פון 14 אַפּרעל. גאַגאַרין דער זיגער, דער העלד איז אָפן רויטן פּלאַץ. דאָס פאָלק באַגריסט אים. „דרײַ שאָ נאָכאַנאַנד איז ראַשיק געפלאָסן דער לעבעדיקער מענטשן-טײַך איבער דעם רויטן פּלאַץ, און ווען די לעצטע קאָלאָנעס זײַנען דורכגעגאַנגען, האָט ניקיטאַ סערגייעוויטש, אָנשטויסנדיק זיך וועגן מײַן באַגער, אַרײַנגעפירט מיך אין מאַוזאָליי צו לענינען, וועמען איך האָב קיינמאָל ניט געזען. מיר זײַנען שווײַגנדיק געשטאַנען באַם סאַרקאָפאַג, זיך אײַנגעקוקט אין די טײַערע שטריכן פון דעם גרויסן מענטשן — דעם גרינדער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטן-מלוכע".

דאָס זײַנען שורעס פונעם לעצטן קאַפּיטל.

יורי גאַגאַרין האָט אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס וועט, פונקט ווי זײַן העלדנטאַט, לעבן אין דורות.

ס. פרײַ.

# א נײַע אויסגאַבע

## פֿון

## אַשער שוואַרצמאַנס לידער

שוין צום וויפלטן מאָל ווערן בא אונדז אין לאַנד איבערגעדרוקט אָט די לידער, וואָס זײַנען געשריבן קימאַט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. און דאָך, אַז מע נעמט אין די הענט די נײַ-דערשינענע לידער-זאַמלונג, פילט מען באַשײַמפּערלעך, אַז אַשער שוואַרצמאַן איז אָט דאָ נאָענט לעם אונדז, ער גייט האַנט בא האַנט מיט די סאָוועטישע דיכטער פון דער הײַנטיקער צײַט. פונוואַנען שטאַמט אָט דאָס געפיל? קאָנטיק, אַז דאָס דערקלערט זיך ניט בלויז מיט דער מײַסטערשאַפט פון שוואַרצמאַנס ליד, מיט דער אומפאַרגעסלעכקײַט פון די בילדער, וועלכע ער האָט געשאַפן. אומפאַרגעסלעך מאַכט אַשער שוואַרצמאַנען דער רעוואָלוציאָנערער מעהום פון זײַנע ווערק, די הויכע קאָמוניסטישע מאָראַל, וואָס דערהייבט איר שטים אין זײַנע לידער.

אין דער נײַ-דערשינענער אויסגאַבע געפינען מיר אַ ליד, וואָס איז ביז אַהער געווען אומבאַקאַנט דעם ברייטן לייענער. דאָס איז די ליד „דער שניטער" — ריכטיקער, אַ פּאָעמע, אַ העלפאַרביקע, זונרײַכע פּאָעמע, וואָס באַזינגט די מענטשלעכע מי. און געשריבן איז זי דאָך אין יאָר 1909. אין יענע פינצטערע רעאַקציע-יאָרן האָט „דער שניטער" איידעס געזאָגט, אַז שוואַרצמאַנס דיכטונג שעפּט אירע זאַפטן פונעם אַרבעטספאָלק, פונדאַנען שעפּט דער דיכטער זײַן אָפּטימיזם, זײַן מעכטיקן גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפט. און אַזאַ איז ער פאַרבליבן אין פאַרלויף פון זײַן גאַנצן לעבן.

אַשער שוואַרצמאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט אין דער יִדישער סאָוועטישער דיכטונג זײַן אייגענעם לירישן העלד. הייסן הייסט אָט דער לירישער העלד: „מײַן ברודער". ווער איז ער, אָט דער העלד שוואַרצמאַנס? עס איז דער מענטש „פון הײַזער אָרעמע, פון שטיקנדע וואַרשטאַטן", ס'איז דער מענטש פון „שטילער מי", יענער מענטש,

וואָס האָט אין ריזן-שטאָט, אָף ריזן-שטאָק
פון יעדער זײַט געפּאַסט
און אײַנגעקלעפּט דעם ציגל...

צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד האָט מען אין דער יִדישער דיכטונג פון די ביז-אָקטיאַבער-דיקע צײַטן אָף פאַרשיידענע אויפאַנים אידעאַליזירט די אָנמעכטיקײַט, ראָמאַנטיש פאַרפּוצט דעם „בונד פון שוואַכע", ווי ס'האָט אָנגערופן זײַנס אַ ווערק שאָלעם אַש. אַשער שוואַרצמאַנס לידער זײַנען געגאַנגען קעגן אָט דעם שטראָם פון שוואַכקײַט-אידעאַליזאַציע. געקומען איז אַשער שוואַרצמאַן מיט זײַן ליד, וואָס האָט גערימט די „מוט צו טאַט און לעבן", געקומען מיטן גרוס פון דעם קראַפטפולן מענטשן, וואָס טראָגט פאַר זיך דעם „גרויסן זײַן". אַשער שוואַרצמאַן האָט אַלעמאָל מיט אַ באַזונדער וואַך אויג נאָכגעשפּירט נאָך דעם, ווי זײַן לירישער העלד באַפרײַט זיך פון ווילנלאָזער נאָכגיביקײַט, פון מאַכטלאָזער האַכנאָע. אַפילע אין אַ ליבע-ליד לייענען מיר בא אַשער שוואַרצמאַנען:

דערפאַר, וואָס ליב געהאַט האָסט מיך
און אומטערטעניקײַט איז ניט געווען אין
דײַנע אויגן, —
דערפאַר דערמאָן איך דיך.

יאָ, שוואַרצמאַנס לירישער העלד צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס קיינמאָל, בא די שווערסטע אומשטענדן, איז קיין אומטערטעניקײַט ניט געווען אין זײַנע אויגן.

און נאָך דאַרף געזאָגט ווערן וועגן אַשער שוואַרצמאַנס לירישן העלד: ס'איז דער מענטש, וואָס קיינמאָל פריִער האָט מען זײַן העלדישקײַט ניט באַמערקט, ס'איז אַ מענטש פון דער מאַסע, וועלכע האָט ערשט אין דער רעוואָליוציע-שלאַכט באַוויזן איר ריזנקראַפט. און גראַדע דעם מאָמענט פיקסירט עס אַשער שוואַרצמאַן:

א זון-באַשײַנטער ריז האָט ער זיך
אופגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האַנט אָפ גאָרער
וועלט...

אָט אַזוי — שטריך נאָך שטריך — צייכנט אַשער שוואַרצמאַן זײַן לירישן העלד. און באָטש צו פאַרגאַנצן אָט די שילדערונג איז אַשער שוואַרצמאַנען ניט באַשערט געווען, איז דאָך דאָס געשטאַלט פונעם „ברודער" געוואָרן דאָס ערשטע פּאָזיטיווע געשטאַלט אין דער יִדישער סאָוועטישער דיכטונג.

אַשער שוואַרצמאַנס שאַפונג איז דורכגעדרונגען מיט גלויבן אינעם ענדגילטיקן ניצאָכן פון די אופגעוואַכטע פאָלקסמאַסן. אָבער פונקט אַזוי פעסט איז געווען שוואַרצמאַנס זיכערקײַט אין דעם, אַז קומען צו זייער ניצאָכן קאָנען די „ברידער מײַנע פילע" נאָר דאַן, ווען זיי וועלן אופזאַמלען אַלע זייערע קויכעס, ווען זיי וועלן ווידמען דאָס גאַנצע לעבן זייערס דעם היסטאָרישן באַרוף צו באַפרײַען די וועלט פון אומרעכט און אונטערדריקונג. ווי די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון אָט דעם הויכן באַרוף איז פאַר אַשער שוואַרצמאַנס אויגן געשטאַנען די יונגע סאָוועטן-רעפּובליק, וואָס האָט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געפירט איר העראָישן קאַמף קעגן די ווילד-אָנגרײַפנדיקע קויכעס פון דער וועלט-רעאַקציע. דערפאַר ווערט די ליבע צו דעם דאָזיקן לאַנד, דער סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם — אַשער שוואַרצמאַנס הויפּט-מאָטיוו. די גרייטקײַט צו פּאַרטיידיקן דאָס סאָוועטישע לאַנד דיקטירט דעם דיכטער אי דעם אינהאַלט, אי די פאָרם פון דער ליד. אין אַשער שוואַרצמאַנס דיכטונג קומט דערמלט פאָר אַ טיפער איבערבראָך. אַ דיכטער, וואָס האָט אין 1913 דעביוטירט אַלס צאַרטער ליריקער, פאַרוואַנדלט ער אין די יאָרן 1917—1919 זײַן ליד אין אַ קאַמפס-רוף. ס'איז די ליד, וואָס קומט צו מעלדן:

ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן —
דער סוינע בא די טויערן!

אין העסקעם דערמיט בויט זיך איבער די גאַנצע דיכטונג שוואַרצמאַנס. די זוניקע פעלדער, וועלכע ער האָט באַזונגען אינעם „שניטער", זײַנען געוואָרן שלאַכטפעלדער, דאָ גייט אַ וועלט-היסטאָרישע שלאַכט, אין וועלכער עס ווערט אָנטשיידן דער גוירל פון סאָוועטישן לאַנד. אַשער שוואַרצמאַן, דער מײַסטער פון נאַטור-שילדערונג, ענדערט אין גרונט דעם כאַראַקטער פון זײַן לאַנדשאַפט-מאָלערײַ. זײַן וואָך געהער פאַרנעמט אויך איצט יעדן מינדסטן „רוע-קלאַנג", אָבער שטאַרקער פון אַלץ קלינגט אין זײַן ליד „דער ווייטעק פון לײַבער פאַרדרייטע אין קראַמף". זײַן נאַטור-געמעל דרינגט זיך דורך מיט אָט דעם ווייטעק. מיר באַקומען דאָ אַ זעלטן אופריכטיקן אויסדרוק פון קעמפערישער ברידערלעכקײַט, כאַווערישער ליבע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אָפן שלאַכטפעלד אין קאַמף קעגן אומרעכט און אונטערדריקונג. שוואַרצמאַנס צאַרט, ליריש וואָרט באַקומט אַ נײַע אָנווענדונג: עס טראָגט אין די רייען פון די קעמפנדיקע פאָלקסמאַסן גלויבן און מוט, עס ברענגט די „שטראַלנדיקע ברידער" דעם גרוס פון דער גליקלעכער צוקונפט און דעם רוף צו קעמפן פאַר אָט דער צוקונפט.

אָט אַזוי קייטלט זיך אין אַשער שוואַרצמאַנס דיכטונג אַ ליד צו אַ ליד, אָט אַזוי פורעמט זיך פאַר אונדזערע אויגן אָט די וווּנדערלעכע ליטעראַטור-דערשײַנונג, וועלכע מיר באַצייכענען מיטן נאָמען: אַשער שוואַרצמאַן.

נ. אויסלענדער.

---

אַ ש ע ר  ש וו אַ ר צ מ אַ ן. אַלע לידער און בריוו. פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, מאָסקווע, 1961, 156 ז.

# בײַ די בירָאבידזשאַנער שרײַבער

מיט אינטערעס לייענען זיך די פרישע נומערן פון דער צײַטונג „בירָאבידזשאַנער שטערן". עס פילט זיך אין זיי דער וואַרעמער אָטעם פונעם פרעכטיקן ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט. קימאַט אין יעדן נומער קאָן מען טרעפן ליטעראַרישע ווערק — דערציילונגען, לידער, וועלכע באַווײַזן, אַז די בירָאבידזשאַנער שרײַבער לעבן אַ רײַך און אינטענסיוו ליטעראַריש לעבן. אין די ווערק פון די בירָאבידזשאַנער שרײַבער זעען מיר נײַע בילדער, אַ נײַעם פייזאַזש, נײַע געשטאַלטן.

אָט איז, לעמאָשל, אַזאַ כאַראַקטעריסטישער בײַשפּיל.

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט געפינט זיך, ווי באַוווּסט, אין נאָענטער שכייניעס מיט דער כינעזישער פאָלקס-רעפּובליק. מיט איר גרענעצט זי אָפּ אַ שטרעקע פון 500 קילאָמעטער לענגוים דעם אַמור — פונעם ייִשעוו אָפּ טעלמאַנס נאָמען און ביזן דאָרף פּאַשקאָווע. דער בירָאבידזשאַנער דיכטער איציק בראָנפמאַן האָט אָנגעשריבן וועגן דעם אַ ליד „געסט פון כיילונצזיאַן"*:

אָפּ גאַסן זומערדיקע, גרינע
פון יונגער שטאָט בירָאבידזשאַן
שפּאַצירט עס האָבן פרײַנט פון כינע,
געגאַרטע געסט פון כיילונצזיאַן.

אין דער ליד ווערט געשילדערט, ווי־אַזוי מע נעמט אויף אין בירָאבידזשאַן געסט פון כינע און ווי־אַזוי אַ „פרײַנטשאַפט, וואָס פאַרייניקט", ווערט איבערגעגעבן פון האַרץ צו האַרץ. די ליד איז איבערצײַגנדיק דערפאַר, ווײַל, שרײַבנדיק זי, האָט דער דיכטער געהאַט פאַר די אויגן דעם לעבעדיקן בײַשפּיל פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וווּ איבערוואַנדערער-ייִדן מיִען זיך און לעבן אײַנייִנעם מיט זייערע רוסישע, אוקראַיִנישע ברידער און מענטשן פון אַנדערע נאַציעס, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיט זיי און נאָך פריִער געקומען אַהער אופהייבן די נײַערד. זיי אַלע אײַנייִנעם זעען פאַר די ווײַטערדיקע איבערגעשטאַלטונג פון דעם רײַכן טײַגע-קאַנט.

עס דערמאָנט זיך איציק בראָנפמאַנס לידער־זאַמלונג „אויף ליכטיקע וועגן", וועלכע איז אַרויס אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. עס האָט צו אונדז גערעדט אַ דיכטער, וואָס איז דערצויגן אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט און שעפּט פון איר אַלע מאָטיוון פון זײַן שאַפן.

דעם שמועס מיטן לייענער הייבט אָט דער שרײַבער אָן מיט אַ „ליד פון דער פאַרטייגעשיכטע":

אַ ליבע פרייד האָט מיך הײַנט צאַרט אַרומגענומען,
און כ'האָב איר קוואַל אין דענקעניש געזוכט.
כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז הײַנט איז צוגעקומען
אין ביכערשראַנק בײַ מיר אַ נײַער בוך.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

איך לייען דעם בוך... עס שלאָגט אַ פרייד אין האַרצן,
דורך שורעס-שנירעלעך עס קומט אַ בילד צוגאַסט,
ווי לעניִן לייענט אַ בוך פון ענגעלסן און מאַרקסן
בײַ שײַן פון קאַנעצל אין וואַלד, אין אַ שאַלאַש...

געקומען קיין בירָאבידזשאַן אין 1931, האָט בראָנפמאַן נאָך פאַר דער אויסבילדונג פון דער געגנט שוין באַוויזן אָפּאַרבעטן עטלעכע יאָר אַלס טראַקטאָריסט אין אַמורזעט און אויך אַלס געהילף-מאַשיניסט אין אַ האָלצבאַאַרבעטנדיקן זאַוואָד און אין לאָקאָמאָטיוו-דעפּאָ. זײַן שטענדיקע טריבונע איז געווען און געבליבן די געגנטלעכע צײַטונג. דאָ, אין דער צײַטונג, דרוקט ער זײַנע ווערק, אין וועלכע עס פילט זיך שטענדיק דער אָטעם פונעם אַרומיקן לעבן. דאָס איז צו זען כאָטשבי פון פאָלגנדיקע צוויי לידער זײַנע. דער לירישער העלד פון דער „ליד פון אַסטראָנאַווט" („בירָאבידזשאַנער שטערן", 22 נאָיאַבער 1959) האָט זיך געריסן אין קאָסמאָס:

...טרויער ניט באַם פענצטער, —
דו, מײַן אַלטע מוטער,
כ'וועל זיך ניט פאַרבלאָנדזשען,
כ'ווייס אַהין דעם וועג!

און פרײַטיק דעם 12 אַפּרעל 1961, ווען דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט אַזוי פריידיק באַגעגנט גאַגאַרינען, האָט מען אין „בירָאבידזשאַנער שטערן" שוין געקאָנט לייענען אַ נײַע ליד פון דעם זעלבן אווטאָר:

...אויף ריזיקער שיף איז מיט אים אויך געפלויגן
דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק, —
געגערט אים מיט קראַפט און מיט שטאָלענעם גלויבן,
געווּנטשן אים גליק און דערפאָלג...

---

* „ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט", זאַמלונג, 1960, ז 63—64.



איציק בראָנפמאַנס דיכטונג זוכט דעם אײַנקלאַנג מיט די שטורמישע טעמפּן פון אונדזער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. עס ווילט זיך אויסדריקן אונדזער גלויבן, אַז מיט דעם וועג וועט ער גיין אויך ווײַטער. זײַן רײַכע לעבנס-דערפאַרונג און די געבענטשטע ערד, אויף וועלכער ער שאַפט, זײַנען די בעסטע גאַראַנטיע פון זײַן ווײַטערדיקן וווּקס.

* * *

ליובע וואַסערמאַן שרײַבט סײַ לידער, סײַ פּראָזע. אין אירע פּראָזע-ווערק, מערסטנס פאַרצייכענונגען, גייט דורך אַ גאַלעריי מענטשן פון דער געגנט. דאָס זײַנען אַלס קלאַל געוויינלעכע האָרעפּאַשניקעס. זי דערציילט וועגן זיי וואַרעם, באַמערקט דעטאַלע שטריכן פון זייער כאַראַקטער, גיט לעבעדיק איבער זייער שפּראַך. אָט די אייגנשאַפט זעען מיר אין אַ ריי פאַרצייכענונגען אירע, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט אין „בירָאבידזשאַנער שטערן". אונדז דוכט אָבער, אַז די באַגאַבטע שרײַבערין וואָלט געדאַרפט זײַן מער דרייסט אינעם איבערגיין פון דער קורצער פאַרצייכענונג צו דער סוזשעטישער, פּסיכאָלאָגיש פאַרטיפטער דערציילונג. ס'איז שוין לאַנג צײַט!

פאַר ליובע וואַסערמאַן אַלס דיכטערין איז כאַראַקטעריסטיש די ליד וועגן גאָרקין, וועלכע זי האָט אָפּגעדרוקט אין „בירָאבידזשאַנער שטערן".

געברענט האָבן שטערן אויף פראָסטיקע שויבן.
געשוועבט האָבן שנייעלעך — ליכטיקע טויבן...
אין קעלער-שטוב קאַלטער, אין דאַכקעס און נויט,
צום מויל ניט דערטראָגן אַ שקאָרינקע ברויט,
באַם קאַנעצל בלאַסן ביז שפּעט אין דער נאַכט —
אַ קינד, איך פלעג זיצן פאַרכאַפּט און פאַרגאַפּט...
מײַן ברודער, דער בעקער, דער שטרײַקער ראַכמיל
דערציילט, ווי געלעבט האָט אַ פרוי איזערגיל,
ווי שטאָלץ איז אין הימל דער סאָקאָל געפלויגן,
ווי דאַנקאָ זײַן ברענענדיק האַרץ האָט פאַרהויבן.

ליובע וואַסערמאַן האָט דורכגעמאַכט אַ גאָר שווערן וועג פון נויט און רעוואָלוציאָנערן קאַמף אינעם פּאַנסקע פּוילן. אירע ליטעראַרישע פעיִקײַטן האָבן זיך אַנטפּלעקט אין בירָאבידזשאַן.

אין ליובע וואַסערמאַנס לידער טרעפן מיר אָפּט די נעמען פון גאַסן אין דער שטאָט בירָאבידזשאַן — די לעניִן-גאַס, די קאַליניִן-גאַס, די גאַס אויף גאָרקיס נאָמען. און אָט לייענען מיר אַ ליד וועגן נאָך איינער — דער שאָלעם-אליייכעם-גאַס:

רײַן גאַס איז דאָ מיט יונגע טאָפּאָלן באַזוימט,
און הויז צו הויז קומט צו דאָ הויך און העכער.
אויף יעדן הויז איז אויסגעקריצט דײַן טרוים,
אויף שילדל איינפאַכן: גאַס שאָלעם-אַלייכעם.
כ'האָב ליב צו זיצן דאָ אין שיינעם סקווער,
פון יונגע מיידלעך הערן דאָס געלעכטער.
און וויסן: ס'וועט ניט איבערכאַזערן זיך מער
דער אַלטער וויי פון טעוויעס טעכטער...
און דו אַמאָל, אין שווערע טונקלע טעג,
האָסט דאָך געגלייבט — די הייך וועט ליטער ווערן!
באַשײַנט איז יעדער שטעג און וועג,
און ניט קיין „בלאָנדזשענדיקע שטערן" —
צוויי שטערן, ליכטיק ווי די וועלט, —
אַרום דער ערד, אַרום דער זון שוין יאָגן.
און רום פון לאַנד דײַנעם צעהעלט
אין רוימען קאָסמישע זיי טראָגן.

דאָ זעען מיר נאָך אַ ליניע אין וואַסערמאַנס שאַפונג, נאָך אַ טעמע, פון וועלכער די דיכטערן דערווײַטערט זיך קיינמאָל ניט, — דאָס איז דער נײַער גורל פון דער ייִדישער פרוי אין סאָוועטנפאַרבאַנד. און ווי טרעפלעך עס קלינגען די שורעס וועגן די אַמאָליקע „בלאָנדזשענדע שטערן" און הײַנטיקע סאָוועטישע ספּוטניקעס.

* * *

אונדזערע לייענער איז שוין פון לאַנג באַקאַנט דער נאָמען פונעם אַקטיוון און שעפערישפּרוכטבאַרן שרײַבער בוזי מילער. נאָך אין די 30-ער יאָרן האָט ער — דעמלט אַ יונגער כאַרקאָווער פאַבריק-אַרבעטער — דערפרייט אונדז מיט צוויי פּראָזע-זאַמלונגען „מישמוירעס בײַ זיך" און „אונטערן רעגנבויגן". באַזונדערס אויסגעוואַקסן איז מילער אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וווּ ער האָט געשאַפן די גרויסע דערציילונגען „גאָלד" און „בירָאבידזשאַן" און אַ סאַך אַנדערע ווערק.

אין אָט דער נאָטיץ ווילט זיך אופמערקזאַם מאַכן אויף אַ נײַעם זשאַנער, אין וועלכן ער איז טעטיק. מיר מיינען דאָ זײַנע לידער.

צווישן אָט די לידער זײַנען פאַראַן אייניקע, וווּ דער דיכטער שילדערט קאָנקרעטע געשטאַלטן. אַזאַ איז, לעמאָשל, די גרעסערע ליד „אַ קאַנדידאַט", געווידמעט דעם לעבנסוועג פון דער לערערן און דירעקטאָר פונעם בירָאבידזשאַנער שול-אינטערנאַט ווערא גלייזער, וואָס איז אין 1958 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פונעם אויבער-סאָוועט פון פּססר. אַזאַ איז די פּאָעמע „מאַרט", אָנגעשריבן גלײַך נאָך דער ערשטער סעסיע פונעם אויבער-סאָוועט פון פּססר אין מאַרט 1958, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן דאָס געזעץ וועגן דער רעאָר-

נאַניזאַציע פון די מאַשין-טראַקטאָרישע סטאַנציעס.

פאַר די יאָרן 1959—1961 האָט מילער אָנגעשריבן ניט ווייניק לירישע לידער, אַזעלכע, ווי „ס'האָט די פּאַרטיי דײַן וועג געצייכנט קלאָר", „צום גליק פונעם מענטשן" און אַנדערע, אין וועלכע מיר געפינען אַ דירעקטן אָפּקלאַנג אַף די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער צײַט. און כאָטש מיר האָבן שוין ציטירט בראָנפמאַנס און וואַסערמאַנס לידער וועגן קאָסמאָס, וועלן מיר בעקיוון ברענגען אויך מילערס ליד אַף אָט דער טעמע, ווײַל די קאָסמאָסעפּאָפּיי פאַרנעמט אַלץ מער און מער אָרט אין אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור. און ס'איז אָנגענעם צו פאַרצייכענען, אַז בא פאַרשיידענע יִדישע סאָוועטישע דיכטער, וואָס לעבן און אַרבעטן אין בירָאבידזשאַן, הערן מיר דעם דיכטערישן אָפּקלאַנג פון אָט דער היסטאָרישער געשעעניש.

אַף כוואַליעס פון מענטשלעכער גרעסטער אַנציקונג,
אַף ווינטן פון פרילינג, אַ גליקלעך באַנײַטן,
זי שוועבט אוף, די שיף, און קאָסמאָס צעוויקלט
פאַר איר זײַנע טיפע פאַרהוילענע ווײַטן.
עס טראָגט זיך איר קלוגע פּילאָטניקע מאַסע
אַרום אונדזער ערד — אַ פאַרליבטער באַגלייטער.
אַזוי ווערט מעקוּיעם אַן אַלטינקע מײַסע
פון מענטשן, וואָס שטעלן צום הימל אַ לייטער...
עס רוקט אין אַ זײַט זיך די וועלט אָט די אַלטע,
מיט וואָס נאָך, מישטיינסגעזאָגט, קען זי זיך רימען?
מיט ליגנערישע רעדעס? מילכאָמעס מיט קאַלטע?
מיט ראָצכים פאַרשיקטע אין אונדזערע הימלען?
ווי ס'זאָלן ניט לײַגן דאָרט קאָלערלײַ מיסטערס,
נאָר דײַטלעך דעם כילעק איצט אָנזען מע קען שוין:
פון לעבן די שײַן זיי מיט כוצפּע פאַרמײַעסן,
מיר — פאָרשן דעם קאָסמאָס צום גליק פונעם מענטשן.
איז ברייטער צעעפנט זיך, מײַוּקע הימלען!
נאָך העלער צעשטראַלט זיך, זוניקע הייכן!
אַ פריידיקן אָנהייב פון קינפטיקע הימנען,
פון מענטשלעכער גוורע אַ ליכטיקן צייכן.
דעם וווּנדער און פּראַכט פון פאַרוווּנדערלעכטע טרוימען —
נעמט אוף אונדזער שיף אין די קאָסמישע רוימען.

אַזוי שרײַבט מילער אין דער ליד „צום גליק פונעם מענטשן", וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „בירָאבידזשאַנער שטערן". ניין, בוזי מילער איז ניט קיין פּראָזאַיִקער, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דיכטער-צעך. פונקט ווי עס מאַכט זיך, אַז אַ דיכטער קומט אין די רײַפע יאָרן צו פּראָזע, אַזוי האָט אויך מילער נאָטירלעך און רײַף געפונען אַ וועג צום בילדעריש-געפּרעסטן און פילזאָגנדיקן פּאָעטישן אויסדרוק.

* * *

דער סאַמע יִנגסטער פון די בירָאבידזשאַנער פּאָעטן איז מאַקס ריאַנט.

אַ בירָאבידזשאַנער טוישעוו, איז ריאַנט נאָך פון קינדווײַז אָן געווען צווישן די ערשטע איבערוואַנדערער. אים איז גוט באַקאַנט זייער לעבן און זייער מי. וועגן דעם דערציילט ער אין זײַן ליד „אַ נײַע קאָלווירטישע גאַס".

ס'זײַנען מיר באַקאַנט די ווײַטע ווערסטן,
ווילדן ברום פון טײַגע כ'האָב געהערט,
ווען מע האָט פאַרלייגט די שטוב די ערשטע
אַף דער נאָך ניט אויסגעפּרוּווטער ערד.
כ'גיי פאַרבײַ — דערינערונגען רוישן —
ניט קיין שטעגל מיך אַהערצו פירט.
אין דער שטוב נאָך לעבט דער עלטסטער טוישעוו
און דער בעסטער בויער פון קאָלווירט.
דופטיק האָבן אָפּגעצוויטעט זומערס,
און די ערד מיט זיסן זאַפט געגערט.
וואָס אַ יאָר — אַלץ מערער בויער קומען,
און עס קומען שכיינים צו אַלץ מער...

וועגן מאַקס ריאַנטן ווילט זיך זאָגן, אַז ער שטייט איצט באַם אָנהייב און איז אינגאַנצן נאָך אין דער צוקונפט. בירָאבידזשאַן דאַרף ווערן פאַר אים ניט קיין לאָקאַלע טעמע, נאָר אַ סטימול צו גאָר אַ נײַער און ראַכוועסדיק-ברייטער שילדערונג.

מאַכמעס מאַנגל אין אָרט ריידן מיר דאָ ניט וועגן דער שאַפונג פון אַזעלכע שרײַבער, ווי נ. פרידמאַן, ה. ראַבינקאָוו, מ. באָרזשעס און אַנדערע. עס ווילט זיך בלויז צום שלוס זאָגן, אַז צו דער גרופּע שרײַבער, וואָס אַרבעטן אין בירָאבידזשאַן, קאָן די ליטעראַטור אַרויסשטעלן ערנסטע פאָדערונגען: די יִדישע אווטאָנאָמע געגנט ברענגט מיט זיך נײַע מאָטיוון און נײַע קינסטלערישע מעגלעכקײַטן. און ווער עס פאַרמאָגט אַ סאַך, פון דעם פאָדערט זיך אַ סאַך.

ל. טשערניאַק.



ע. פאַלקאָוויטש

געבוירן אין 1898 אין האָמעל. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1927. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דאָצענט.

# אַפּשײַ פֿאַרן לאָשן

אַפּשײַ פאַרן לאָשן דריקט זיך אויס קוידעמקאָל דערין, וואָס מע באַמיט זיך צו שרײַבן (און ריידן) אַף דער ליטעראַרישער שפּראַך, אויסמײַדנדיק די ווערטער און גראַמאַטישע פאָרמעס, וועלכע ווערן גענוצט אין דעם אָדער יענעם דיאַלעקט, **אָבער זײַנען** ניט אָנגענומען אין דעם איינהײַטלעכן לאָשן.

אַן איינהײַטלעכע ליטעראַרישע שפּראַך פורעמט זיך געוויינלעך גאַנץ לאַנג, און בא פאַרשיידענע פעלקער אַף פאַרשיידענע אויפאַנים. פאַרגלײַכט אַשטייגער דעם אַנטוויקלונגס-וועג פון רוסיש, פויליש, דײַטש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש.

די יִדישע ליטעראַרישע שפּראַך האָט זיך אויך איר גאַנג און האָט פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר דורכגעמאַכט אַ ריי עטאַפּן. פאַר מײַן טעמע דאָ איז באַזונדערס וויכטיק אופצודעקן די עוואָליוציע פון יִדיש פאַרן לעצטן יאָרהונדערט, זינט עס איז אין דער ליטעראַטור געקומען דער גרונטלייגער פון דעם קלאַסישן יִדיש — מענדעלע מויכער-ספאָרים, וועלכער האָט אַ סאַך מער, ווי די שרײַבער ביז אים, זיך פאַרנומען מיט רייניקן, פאַרפולקומען און פאַרייִנהײַטלעכן דאָס לאָשן.

אין לאָמיר טאַקע פון אים אָנהייבן.

מענדעלע מויכער-ספאָרים, אַן עכטער ריאַליסט און עמעסער פאָלקסשרײַבער, וואָס האָט געהאַט אַ סאַך צו זאָגן און צו שילדערן, האָט געלייגט גרויס אכט אַף דער שפּראַך. פאַר זײַנע פּייזאַזשן און פּאָרטרעטן, פאַר די געדאַנקען און איבערלעבונגען פון זײַנע העלדן, צווישן וועלכע עס האָט אָפּט פיגורירט ער גופע, האָט מענדעלע געזוכט אָפּצוקלײַבן וואָס מער פּאַסיקע ווערטער און אויסדרוקן, ניט פאַרגעסנדיק אַף קיין איין מינוט, ערשטנס, אַז ער שרײַבט ניט נאָר וועגן פאָלק, נאָר אויך פאַרן פאָלק; צווייטנס, אַז וואָס מער מע שאַרפט, מע שלײַפט די שפּראַך, אַלץ קלערער און פינקטלעכער ווערט דער געדאַנק.

ווי אַזוי מענדעלע האָט געאַרבעט אַף אויסצובעסערן די שפּראַך, קאָן מען זען פון די ענדערונגען, וועלכע ער פלעגט מאַכן אין זײַנע **ווערק פון** אויסגאַבע צו אויסגאַבע. אָט אַשטייגער וואָס מענדעלע ענדערט אין דער צווייטער אופלאַגע פון דער „קליאַטשע" (1888) אין פאַרגלײַך מיט דער ערשטער (1873):

1. ער בײַט אַ ריי העברעיִשע און סלאַווישע ווערטער אַף פּראָסט יִדישע. לעמאָשל: 1) מעשולאַכאָסן — אָנשיקעניש; בישליימעס — געטרײַ; מאַמצע (געווען) — אויסגעטראַכט...; 2) אָבשטשעסטוואָ — געמיינדע; איספּראַוונע — פינקטלעך; נאַזנאַטשעט — באַשטימט...

2. ער בײַט העברעיִשע און סלאַווישע ווערטער אַף אַנדערע העברעיִשע און סלאַווישע אָדער אַף אינטערנאַציאָנאַלע. לעמאָשל: 1) נעפעש (זײַן נעפעש זאָלסטו היטן) — נעשאָמע; מוצלעך — מאַזלדיק; נישט געווען שאָווע-בעשאָווע — געווען קאָנטרע... 2) קליאַטשע — שקאַפּע; קאַנאַווע — קאַנאַל; פּאָיערינאָק — דועל...

3. ער ברענגט אָנשטאָט סלאַווישע—פאָלקסטימלעך העברעיִשע: סווערעניעם — יעדיִעס; ראַסכאָדן — הויצאָעס; זיך נאַמערעט — געהאַט בעדייע...

4. העברעיִשע אויסדרוקן און סלאַווישע ווערטער באַשרײַבט ער אַף יִדיש: 1) ...האָט ער קוינע-שעם געווען — ...האָט מיט אים די וועלט געקלונגען...; 2) ראַסוזשדאַיען — אַרײַנלאָזן זיך אין כקירעס; פּאָקאָרנע — אָנבייגנדיק דעם קאָפּ....

5. ער לאָזט העברעיִשע אויסדרוקן, נאָר פאַרטײַטשט זיי אַף יִדיש: זע האָפּעררל האָלאַך

לעמיסע — זע האָפּערדל, אָט דאָס פערדל, האָלאָך לעמיסע, האָט א מיסע-מעשונע אײַנגענומען...*

פון די אַלע מוסטערן איז צו זען, וויאַזוי מענדעלע האָט געשטרעבט צו לײַטערן די שפּראַך, מאַכן זי וואָס פאַרשטענדלעכער, פאָלקסטימלעכער, אָבער גלײַכצײַטיק אויך וואָס אויסדריקלעכער, פּינקטלעכער, בילדערישער, דעמאַסקירנדיקער, האַרמאָנישער. דערפון שטאַמט, וואָס אָנשטאָט דעם וואָרט „בידנער" אין דער ערשטער אויפלאַגע פון דער „קליאַטשע" גיט ער אין פאַרשיידענע ערטער פון דער צווייטער אויפלאַגע: „אומגליקלעכער", „אָרעמינקער" אָדער „וויסטער"; אָנשטאָט „מוטשען" — „פּײַניקן", „פּלאָגן"; אָנשטאָט „אַכרײַעם" — „סאַקאָנע". דערפון שטאַמט אויך, וואָס א ריי העברעיִשע און סלאַווישע ווערטער, וועלכע ער מײַדט אויס אין איין קאָנטעקסט, ברענגט ער אין אַן אַנדערן. דערפון שטאַמט די היפּשע צאָל אַרכאַיִזמען (אַלטוואַרג), ווי אויך א ריי נײַבילדונגען, וואָס מע טרעפט אין זײַנע ווערק. מענדעלע איז ניט געווען קיין פּוריסט, קיין אָנהענגער פון סטאַם „ריינקייט" אין דער שפּראַך, ער האָט זיך ווייניקער פון אַלץ גערעכנט מיטן יִחוס פון א וואָרט. מענדעלען האָט אינטערעסירט דעריקער די פּאַסיקייט פונעם וואָרט פאַר דעם געגעבענעם פאַל: דער קאָנקרעטער באַטײַט פונעם וואָרט, די אַסאָציאַציעס, וואָס עס רופט אַרויס, זײַן וואָג, זײַן קלאַנג, זײַן רייעך — פון טשאָלנט צי פון פעלד, פון בליִען צי פון וועלקן.

מענדעלע איז דאָך ניט געווען קיין פּרימיטיווער שטייגער-שרײַבער, קיין גלײַכגילטיקער פאָטאָגראַף, קיין קאַלטער רעגיסטראַטאָר פון די אָדער יענע געדאַנקען, געשעענישן, בילדער, שטימונגען, איבערלעבונגען. מענדעלע איז געווען אַן עמעסער קינסטלער, א קינסטלער א דעמאָקראַט. ער האָט מיט א שאַרף אויג פון א קריטישן רעאַליסט זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן און קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט אַף זייערע וויכטיקסטע נויטן און לײַדן, באַטאָנענדיק די סיבעס פון די לײַדן: רעכטלאָזיקייט און עקספּלואַטאַציע, סאָציאַל-עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט, פאַנאַטיזם און קולטורלאָזיקייט. מענדעלע האָט געזען און געוויזן א גרויס געזעמל קריפּלען, טויגעניכצן, מעלאַמדים, אַלערליי אָרעמעלײַט. זיי אַלע מיט זייער אומעסטעטישן אַנטוראַזש זײַנען געווען ניט גאָר דער פּאַסיקסטער מאַטעריאַל פאַר קינסטלערישע ווערק. אָבער דער גרויסער מײַסטער האָט, צורירנדיק זיך צום דאָזיקן מאַטעריאַל, אויפגעהויבן אַזעלכע וויכטיקע פּראָבלעמען, באַהויכט אים מיט אַזאַ וואַרעמען אָטעם און געשילדערט מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט און שליימעס, אַז דער לייענער מענדעלעס האָט גרויסע דערקענטעניש-האַנאָע, פאַרגעניגן פון דער טיפער מענטשלעכער ליבע, וואָס פילט אָן די זײַטלעך פון מענדעלעס א בוך, אַפילע ווען עס רעדט זיך וועגן נעגאַטיווע פאַרשײַנען, און א היפּשן ריין עסטעטישן גענוס.

און בעעמעס, ווי קאָנט איר בלײַבן גלײַכגילטיק, ווען מע ווײַזט אײַך אַשטייגער אַזאַ מין בילד (פון ליבצע דעם רויטנס איידעמל): „אײַנמיטנדערינען... טוט זיך אָן עפן די טיר — און עס ווײַזט זיך א גרויסער טאַלעס-און-טפילן-זאַק... נאָך דעם טאַלעס-און-טפילן-זאַק ווײַזט זיך א הענטל, עס טוט א שמיר די מעזוזע. נאָך דעם שמיר הערט זיך א קוש, נאָך דעם קוש ווײַזן זיך פיסלעך — און אין שטוב רוקט זיך אַרײַן מיט א מעשונע-ווילדן „גוטמאָרגן" א קליין יונגערמאַנטשיקל, א דאַרס, א בלייכס אין א לאַנגער לאַסטיגענער קאַפּאָטע מיט א יאַמשן* שטעקעלע אין דער האַנט" („דאָס ווינטשפינגערל", בוך 4, קאַפּיטל 2).

וואָס פאַר אַן אַקטיאָרישע מײַסטערשאַפט, וואָס פאַר א וווּנדערלעכע עקספּרעסיע! אַף אַלע הײַנטצײַטיקע עקספּרעסיאָניסטן געזאָגט געוואָרן! באַנאַנד מיטן בילד זעט איר אויך דעם שעפער, איר פילט זײַן באַציִונג צום אָביעקט, צום איידעמל. ווי אַן עכטער קינסטלער, אַנטפּלעקט מענדעלע זײַנע קאַוואָנעס ניט דירעקט, ניט פּובליציסטיש, נאָר אַף א ריין קינסטלערישן אופן: אפן ערשטן פּלאַן איז דאָ ניט דאָס איידעמל, נאָר דער טאַלעס-און-טפילן-זאַק — א „זאַק" און ניט קיין „זעקל"; דערנאָך ווײַזט זיך א הענטל — א „הענטל" און ניט קיין „האַנט"; דאָס הענטל טוט א ש מ י ר די מעזוזע; און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. אָט אַזוי אויסדריקלעך, בוילעט, מײַסטעריש זײַנען אַלע בילדער בא דעם גרונטלייגער פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור, און דערגרייכט האָט ער עס טאַקע דערמיט, וואָס ער איז געווען זייער מאַקפּיד באַם אָפּקלײַבן ווערטער און אויסדרוקן און האָט זיך געדולדיק און ערנסט פאַרנומען מיט פײַלן די שפּראַך.

שטרעבנדיק צו פאַרפולקומען און פאַרריינהײַטלעכן דאָס לאָשן, האָט מענדעלע ניט ווייניק אַכט געלייגט אויך אַף די פאָרמעס פון די ווערטער, אפן זאַצבוי. לויטן אָפּשטאַם א ליטוואַק (פון ווײַסרוסלאַנד), באַמיט ער זיך אויסצומײַדן ליטווישע אויסדרוקן און ליטווישע גראַמאַטישע פאָרמעס. ער שרײַבט אַשטייגער: א זײַדן קינד, א פרומס, מיט א ווויל קעפּל; אַן אויסגעווייקט פּענעמל, א בלייך באָכערל, א דאַרס; א קליין בערדל; מיקויעך דעם מיידל; דאָס רעכטע אויג; ער רופט מיך (דיך, זי)... א ליטוואַק וואָלט דאָ געזאָגט: א זײַדענע קינד, א פרומע, מיט א וווילע(ר) קעפּל; אַן אויסגעווייק-

* די בײַשפּילן זײַנען גענומען פון מ. קוויטניס אַרטיקלען „סלאַוויזמען בא מענדעלען", „העברעיִזמען בא מענדעלען" אין זשורנאַל „די ייִדישע שפּראַך", קיִעוו, 1927, נום. 7; 1928, נום. 3.

* בא מענדעלען שטייט „לאַסטיגענער... מיט א יאַמשוימען"...



טער פּענעמל, א בלייכער באָכערל, א דאַרער; א קליינע בערדל; מיקויעך דער (די) מיידל; די רעכטע אויג; ער רופט מיר (דיר, איר)...

מענדעלע האָט ניט נאָר אויסגעמיטן ליטווישע פאָרמעס אין די אייגענע ווערק, ער האָט עס געפאָדערט אויך פון אַנדערע פעדער-מענטשן. אין א בריוו צו שאָלעם-אַליכעמען (פון 28 יון 1888) שרײַבט ער: „...זאָגט נאָר, זײַט איר נישט קיין ליטוואַק? אין אײַערע ספאָרים געפין איך עפּעס אַמאָל ליטווישע ווערטער און ליטווישע גרײַזן"*.

מענדעלעס שאַפן האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע ווירקונג אַף דעם ווײַטערדיקן גאַנג פון דער ליטעראַרישער שפּראַך. אָבער ניט ווייניק אַרבעט איז נאָך געבליבן אָפּצוטאָן „דעם אייניקל" — שאָלעם-אַליכעמען, ווי אויך א ריי אַנדערע שרײַבער.

* * *

ווען שאָלעם-אַליכעם איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור (1883), האָבן נאָך אין איר טיילווײַז געבאַלעבאַטעוועט די „פּונפּאַפּיר-שמאַטעמאַכער", ווי שאָמער און זײַנע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן געשפּײַזט דעם לייענער מיט „האַרצרײַסנדע", „העכסט-אינטערעסאַנטע" בולוואַר-ראָמאַנען, געשריבן אין א פּרימיטיווער, א ביסל פאַרדײַטשמערישטער שפּראַך. שאָלעם-אַליכעם האָט זיך אונטערגענומען אָפּצוראַמען פון וועג די אַלע פאַרדאַרבער פונעם פאָלקס געשמאַק, און נאָך א ריי ליטעראַרישע שלאַכטן איז עס אים געראָטן**.

שאָלעם-אַליכעם האָט זיך געמיט צו מאַכן וואָס מער אָרדענונג אין דער שפּראַך. דאָס איז באַזונדערס צו זען פון דער נאָטיץ, וועלכע ער האָט געהאַט בײַגעלייגט צו דעם ערשטן בוך פון „דער יודישער פאָלקס-ביבליאָטעק", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין קיִעוו אין 1888.

פאַרופנדיק זיך אַף „אונדזער גרויסן פאָלקס-שרײַבער" אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט „קימאַט אין א גאַנצן צענדלינג גרויסע זשאַרגאָנישע ביכער" באַוויזן, „אַז מע קאָן זיך גאַנץ לײַכט באַגיין אָן טיף דײַטש און אָן לאָשנקוידעש, נאָר מיט פּאָשעט ייִדיש", פאָרמולירט שאָלעם-אַליכעם אייניקע קלאָלים וועגן דער שפּראַך און אויסלייגן:

„1. מע דאַרף שרײַבן ייִדיש, אַזוי ווי מע רעדט.

2. מע דאַרף שרײַבן אַזוי, אַז סײַ דער פּוילישער לעזער, סײַ דער ליטוואַק זאָלן קאָנען פאַרשטיין.

3. יעדער זשאַרגאָניסט דאַרף געדענקען, אַז ער שרײַבט ז ש אַ ר ג אָ ן, ד. ה. מער פאַרן פאָלק, פאַרן האַמוין-אָם"...

נאָך די דרײַ גייען צוויי קלאָלים ספּעציעל וועגן אויסלייג. דערנאָך ווײַזט שאָלעם-אַליכעם אָן, אַז „דאָס לאָשן פון דער „ביבליאָטעק" ביכלאַל איז מער פּויליש, אַלס ליטוויש, דאָס הייסט: מער ווי מע רעדט בא אונדז אין פּוילן, אין וואָלין, אוקראַינע... און דאָס איז דערפאַר, ווײַל אין דער „ביבליאָטעק" זײַנען די שרײַבער מערסטנטייל פּוילישע ייִדן. קיינער וועט אונדז אָבער נישט אײַנריידן, אַז דער ליטוואַק פאַרשטייט ניט אונדזער פּוילישן זשאַרגאָן"...*

ווײַטער פּאָלעמיזירט שאָלעם-אַליכעם מיט די, וואָס מאַכן כוויזעק איבער אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „באַשײַמפּערלעך", „קלאָמפּערשט", „משטיינסגעזאָגט", „סײַוויסײַ", „קאַטאָוועס", „מאַכטייסע", „אי אהער אי אהין", „בישקאָשע", „כלעבן" און אַנדערע „אַזעלכע ווערטער, וואָס ווערן באַניצט, געוויינלעך, נישט אין הויכע פילאָזאָפישע אָדער פּאָליטישע שמועסן, נאָר אין אַזעלכע ערטער, ווו עס קומט פאָר צו באַשרײַבן דאָס ווירקלעכע לעבן פונעם פאָלק..."

אינטערעסאַנט איז אויך שאָלעם-אַליכעמס צוגאַנג צו אינטערנאַציאָנאַליזמען: „אויך האַלטן מיר פאַר נישט איבעריק אַרײַנצופירן אין אונדזער ייִדיש פ ר ע מ ד ע ווערטער, נאָר אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין אַזוי נייטיק, אַז מע קאָן זיך אָן זיי אין דער ליטעראַטור נישט באַגיין בעשום-אויפן, לעמאָשל: „פּאָעזיע", „קריטיק", „יובילייום", „בעלעטריסטיק", „אָרטאָגראַפיע", „פאַנאַטיזם", „קאָמיזם" און נאָך אַזעלכע; כּישקאָשע, עס מעג אונדז אָנשטיין: שענערע לעשוינעס האָבן מער אַלס צו הונדערט טויזנט פרעמדע ווערטער אין זיך".

צולעצט ווײַזט דער אַרויסגעבער פון דער „ביבליאָטעק" אָן, אַז ייִדישע שרײַבער וועלן „נאָך לאַנג בלאָנדזען אין דער פינצטער", ווײַל „מיר האָבן נאָך ניט קיין גראַמאַטיק". „מיר מאַכן אויפמערקזאַם דעראַף אַלע אונדזערע לעזער און איבערהויפּט די געלערנטע לײַט, וואָס פאַרשטייען מער שפּראַך, אַז זיי זאָלן זיך נעמען ערנסט אויסצואַרבעטן א זשאַרגאָנישע גראַמאַטיק; זיי וועלן באַקומען דערפאַר א יאַשער-קויעך פון אונדזער פאָלק און פון זײַנע שרײַבער".

ווי ס'איז צו זען, האָבן די אַלע אָנווײַזונגען שאָלעם-אַליכעמס ניט בלויז א היסטאָרישן אינטערעס. זיי זײַנען ביז גאָר וויכטיק אויך הײַנט. וואָרעם עס זײַנען נאָך אַלץ פאַראַן

* דער „זיידע" האָט דאָ אין זינען שאָלעם-אַליכעמס „סענדער בלאַנק" און אַנדערע ווערק, וואָס זײַנען אַרויס ווי בײַלאַגעס צום פּעטערבורגער „יודישן פאָלקסבלאַט", אין וועלכע דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג י. לעווי, א ליטוואַק, א גראָבעריונג, א סוינע פון די פאָלקסמאַסן און פון דער פאָלקסשפּראַך, האָט געמאַכט ענדערונגען, אַרײַנגעשריבן זײַנס (וועגן דעם דאָזיקן לעווי זע: ש. ל. צ י ט ר אָ ן. דרײַ ליטעראַרישע דורות, ב. 3, ווילנע, 1922).

** זע: ש אָ ל ע ם-א ל י י כ ע ם. שאָמערס מישפּעט; ש. ל. צ י ט ר אָ ן. דרײַ ליטעראַרישע דורות, ב. 1, ווילנע, 1922.

* שאָלעם-אַליכעם ניצט דאָ די ווערטער „פּוילישער", „פּוילישן" אין ברייטן זין, מיינענדיק אויך די אוקראַיִנישע ייִדן און דאָס אוקראַיִנישע ייִדיש.

מענטשן, וואָס ווילן ניט „שרײַבן אַזוי, אַז סײַ דער פּױלישער לעזער, סײַ דער ליטוואַק זאָלן קאָנען פֿאַרשטיין", עס זײַנען נאָך אַלץ פֿאַראַן מענטשן, וואָס זיי דוכט זיך, אַז אָן „פּראָפּעטן", „ענגעלן" אָדער „האָכצײַט" קאָן מען זיך אין ייִדיש ניט באַגיין, אַז מע מוז אומבאַדינגט „שליכטן", „פֿאַרהינדערן", „באַריקזיכטיקן", האָגאָם עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע ווערטער, ווי „נעוויִים", „מלאָכים", „כאַסענע" אָדער: „אויסגלײַכן" (אײַנרעגולירן, ליקווידירן, מאַכן שאָלעם...), „אויסמײַדן" (ניט דערלאָזן, שטערן, פֿאַרהיטן פֿון...), „לייגן אכט" (נעמען אין אכט, האָבן אין זינען...). עס זײַנען דאָך נאָך אַלץ פֿאַראַן מענטשן, וואָס מיינען, אַז מע מוז אומבאַדינגט שרײַבן „עמודים", „צמחים", „במשך ימי חיי" (אַמודים, צמאָכים, בעמעשעך יעמיי כאַיײַ), האַלטנדיק אָפּגעם, אַז די דאָזיקע זײַנען פֿײַנער פֿון „זײַטן", „געוויקסן" (שפּראָצונגען), „פֿאַר מײַן לעבן" אָדער „אין מעשעך פֿון מײַן לעבן", ווי עס זײַנען נאָך אויך פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס מײַדן אויס יעטווידן אינטערנאַציאָנאַליזם אָדער, פֿאַרקערט, אַזעלכע, וואָס האַלטן אין איין „דעצידירן", „רעדוצירן", „קאָנטינגווירן"*, ווען עס רעדט זיך וועגן גאַנץ פּאָשעטע זאַכן און ווען מע דאַרף די דאָזיקע ווערטער ווי אַ לאָך אין קאָפּ**.

זייער טרעפֿלעך איז אַגעוו אויך שאָלעם-אַלייכעמס באַהויפּטונג וועגן דער גרויסער נאָענטקײַט צווישן די ייִדישע דיאַלעקטן, ווי אויך די באַמערקונג, אַז דאָס לאָשן פֿון דער „ביבליאָטעק" איז „מער פּױליש, אַלס ליטוויש"... ווײַל אין דער ביבליאָטעק זײַנען די שרײַבער „מערסטנטייל פּוילישע ייִדן" (געמיינט: אוקראַיִנישע). שאָלעם-אַלייכעם האָט דאָ אופּגעדעקט אַ פֿאַקט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך ביכלאַל און וואָס אָדהײַעם האָבן אים נאָך ניט אַלע ייִדישע קולטור-טוער באַנומען. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז די גראַמאַטיק פֿון אונדזער ליטעראַריש לאָשן — דאָס איז די גראַמאַטיק פֿונעם אוקראַיִנישן (דאָרעמדיקן) ייִדיש, פֿון דעם ייִדיש, וועלכן עס האָבן קולטיווירט אין זייערע ווערק אַ סאַך אָנגעזעענע שרײַבער ביז מענדעלען (מענדל לעפֿין, כײַקל הורוויץ, ייִסראָעל אַקסענפֿעלד, ייִצכאָק-בער לעווינזאָן, אווראָם-בער גאָטלאָבער אאַ.), מענדעלע גופֿע, ייִצכאָק-יויעל לינעצקי, אווראָם גאָלדפֿאַדען, דער לעקסיקאָגראַף ליפּשיץ***, שאָלעם-אַלייכעם און אַ ריי אַנדערע.

דאָ גייט, נאַטירלעך, די גאַנצע צײַט אַ רייד וועגן דער ליטעראַרישער שפּראַך און ניט וועגן דער ליטעראַרישער אויסשפּראַך (אָרטאָעפּיע). די דאָזיקע שטיצט זיך אין טאָך אַף דער ליטעראַרישער שריפֿט (אָרטאָגראַפֿיע), וואָס אירע גרונטפּרינציפּן זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק. און כאָטש פּרווון אַריבערצופֿירן די ייִדישע שריפֿט אַף אַ געוויסן דיאַלעקט, אָפּן אוקראַיִנישן אָדער פּױלישן, זײַנען שוין עטלעכע מאָל געמאַכט געוואָרן (אַקסענפֿעלד, ליפּשיץ, עטינגער אאַ.), דאָך היט די ייִדישע שריפֿט אין טאָך אָפּ אירע גרונטפּרינציפּן, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון זיי פֿאַלט צונויף מיט דער ליטוויש-ווײַסרוסישער אויסשפּראַך.

האַקלאַל, שאָלעם-אַלייכעמס אָנווײַזונגען וועגן דער שפּראַך זײַנען נאָך אָדהײַעם ביז גאָר אַקטועל, און ס'איז קעדײַ זיי אָפּטער צו דערמאָנען. פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַקטועלער זײַנען זיי געווען אין די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, ווען אין דער ליטעראַטור האָבן אָפּט געבאַלעבאַטעוועט רעאַקציאָנער געשטימטע, אַנטידעמאָקראַטישע גראָבעיונגען, ווי אַשטייגער דער שוין דערמאָנטער לעווי — דער פֿאַקטישער רעדאַקטאָר פֿון דעם „יודישן פֿאָלקסבלאַט" פֿון 1887 ביז 1890.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער שפּראַך־אַרבעט פֿון אונדזער גרויסן הומאָריסט.

שאָלעם-אַלייכעם איז געווען פֿאַרליבט אין דער פֿאָלקסקונסט. נאַטירלעך, אַז גאָר שטאַרק האָט אים געצויגן צו דער פֿאָלקסשפּראַך. ער האָט זי אַלזײַטיק שטודירט און האָט זי ברייט פֿאַרגעשטעלט אין זײַנע ווערק, בעסערנדיק זי פֿון בוך צו בוך, פֿון אויפֿלאַגע צו אויפֿלאַגע.

אַשטייגער: אין 1903 האָט שאָלעם-אַלייכעם איבערגעאַרבעט די דערציילונג „העכער און ניִדעריקער", וואָס איז צוערשט דערשינען אין 1884. ער האָט זי שטאַרק געקירצט, אַרויסגעוואָרפֿן אײַנצלנע ווערטער, זאַצן און גאַנצע אַבזאַצן. דערבײַ האָט ער אויך סיסטעמאַטיש פֿאַרביטן „וועלכער" אַף „וואָס", „אָנפֿאַנג" — „אָנהייב", „אורזאַכע" — „טאַם", „גערעשעט" — „געפּויעלט..."*.

זײַנע העלדן — די באַלמעלאָכעס, זינגער, קלעזמער, פּורימשפּילער, דינסטן, באַלעבאָסטעס, מאַרקזיצערנס, אַגענטן, שאַדכאָנים, מעקלער, מעלאַמדים, ראַבאָנים, גאַבאָיִם, אַקטיאָרן, פּורלײַט און אַלע אַנדערע — האָט שאָלעם-אַלייכעם געלאָזט ריידן אין זייער לאָשן, אָבער ווי געלײַטערט ער האָט עס. ער האָט דעם לאָשן פֿון די אַלע פֿאָלקסמענטשן צוגעגעבן אַ באַזונדערע פֿײַנקײַט, אַ לירישע ווייכקײַט, אַ גראַציעזע לײַכטקײַט, וואָס האַלטן דעם לייענער און דעם צוהערער אַזוי שטאַרק, אַז זיי קאָנען זיך ניט אָפּרײַסן פֿון שאָלעם-אַלייכעמס אַ דער-

* דעצידירן — באַשליסן, באַשטימען, אָנטשיידן; רעדוצירן — קירצן, פֿאַרקלענערן, מאַכן נידעריקער (ווייניקער), אָפּשאַפֿן; קאָנטינגווירן — פֿאַרזעצן, פֿירן (טאָן, ציִען) ווײַטער...

** אין געוויסע פֿאַלן קאָן מען די דאָזיקע ווערטער ניצן, אָבער וועגן דעם שפּעטער.

*** אין זײַנע ווערטערביכער: „ייִדיש—רוסיש" און „רוסיש—ייִדיש".

* שאָלעם-אַלייכעם. אַלע ווערק, ב. 1. מאָסקווע, 1948, ז. 524—528.



ציילונג. געוויס שטעקט דער סאָד ניט בלויז אין דער שפּראַך. שאָלעם-אַלייכעמס אַ דערציילער רעדט אָפּט וועגן קלייניקײַטן—און צווינגט אײַך צו פֿאַרטראַכטן זיך אַף אַ גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער פּראָבלעם. ער רעדט שטיל, גוטמוטיק, מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן, אָבער איר פֿילט, ווי פֿאַרביטערט ער איז. ער גייט, דאַכט זיך, אַראָפּ פֿון דער טעמע, אָבער זעט, ווי מײַסטעריש ער קערט זיך צו איר אום. זעט אויך, וויפֿל פֿאָלקסכאָכמע און פּיקבעס שטעקן אָפּט אין זײַנע רייד. הײַנט וואָס פֿאַר אַ טיפּע מענטשן-ליבע שטראַלט געווײַנלעך אַרויס פֿון שאָלעם-אַלייכעמס אַ מײַסע! אַוודע שטעקט דער סאָד ניט בלויז אין דער שפּראַך. אָבער דורך איר ווערן דאָך אַלע שרײַבערשע קאַוואָנעס אַנטפּלעקט, אַדאַנק איר ווערט דער לייענער צוגעזאָגט צו שאָלעם-אַלייכעמס אַ ווערק פֿון דעם ערשטן זאַץ אָן.

די פֿאַרשוינען בא שאָלעם-אַלייכעמען ריידן, נאַטירלעך, פֿאַרשיידן. יעדערער האָט זיך זײַן וואָרט-מאַטעריאַל, זײַן זאַצבוי, זײַנע אינטאָנאַציעס, צומאָל אויך זײַנע שפּראַכלעכע האַמצאָעס, וואָס דערגייען בא אייניקע, לעמאָשל בא טעוויען, ביז עכטער ווירטואָזישקײַט. אָבער אַלע ריידן זיי פֿײַן, אַף אַ גוטער שפּראַך, וואָס האָט אין זיך אי דעם כיין פֿון אַ שטיק נאַטור, פֿון אַן אומיטלבאַרן ריידשטראָם, אי דעם גלאַנץ פֿון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס האָט זיך צו איר אַ ביסל צוגערירט און זי אַ פּוץ געטאָן. און ווײַל שאָלעם-אַלייכעם שטראָפֿן אַ מענטשן, נעמט ער בא אים צו דאָס מאַמעלאָשן און לאָזט אים ריידן אַף אַ זשאַרגאָן, ווי אַשטייגער די באַלעבאַטישע סאָניטשקע פֿון „מענאַכעם-מענדל", וואָס „רעדט האַלב אַף ייִדיש, האַלב אַף רוסיש", אָדער ווי יודל קאָטויגנטי פֿונעם ראָמאַן „אין שטורעם", וואָס „קימאַט נאָך יעדע צוויי-דרײַ ווערטער ייִדיש מוז ער אַרײַנוואַרפֿן איין וואָרט אַ לאָשנקוידעשדיקס, וואָסער-ניט-איז, צי עס פּאַסט זיך צי ניין, אַבי לאָשנקוידעש".

אַ גרויסער קענער פֿון דער פֿאָלקסשפּראַך, פֿון אירע אוצרעס, ווי אויך פֿון די אַלטע ייִדישע און העברעיִשע קוועלן, האָט שאָלעם-אַלייכעם אַרויסגעבראַכט אין זײַנע ווערק אַ שלאַל גלײַכווערטלעך, פֿאָלקס-אויסדרוקן, וואָרטשפּילן און לויט זייער שניט געשאַפֿן אַ סאַך אייגענע, וואָס האָבן שטאַרק באַרײַכערט און באַשײַנט די ליטעראַרישע שפּראַך. באַנאַנד דערמיט האָט שאָלעם-אַלייכעם שאַפֿן אַלץ מער באַוווּסט גרויסע מאַסן ייִדישע לייענער און צוהערער פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן און לענדער, אַנטוויקלט בא זיי גרעסערע פֿאָדערונגען צום געשריבענעם און גערעדטן וואָרט און אַזוי-אַרום געבעסערט זייער שפּראַך, היפּש דערנענטערט זי צום ליטעראַרישן לאָשן.

(סאָף קומט)

# פּ·ר·אָ·נ·י·ק

## לענין־פּרעמיעס פאַר ליטעראַרישע ווערק

צו דער רומפולער פּלעיאַדע לאַורעאַטן פון די לענין-פּרעמיעס זײַנען היאָר צוגעקומען נײַע שעפער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

איינער פון זיי איז דער דיכטער אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי, וועמעס פּאָעמע „ווײַט-נאָך-ווײַט" איז שוין אַרײַן אין גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. די לענין-פּרעמיע האָבן אויך באַקומען אַלעקסאַנדער פּראָקאָפיעוו — פאַר דעם בוך לידער „אין אײַנלאַדונג צו אַ רײַזע", וואָס דערציילט וועגן דער שעפערישער מי פון די סאָוועטישע מענטשן; דער אוקראַיִנישער שרײַבער מיכאַיִל סטעלמאַך — פאַר דער טרילאָגיע „אַ גרויסע מישפּאָכע", „מענטשלעך בלוט איז ניט קיין וואַסער" און „ברויט און זאַלץ" — אַן עפּיש לײַוונט, געווידמעט דעם לעבן און קאַמף פונעם אוקראַיִנישן פּויערטום אין פאַרלויף פון קימאַט אַ האַלבן יאָרהונדערט; דער עסטאָנישער שרײַבער יאָהאַנעס סמוּל — פאַרן בוך פאַרצייכענונגען וועגן דער אַנטאַרקטיק — „דאָס אײַזבוך".

## דעם XXII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געווידמעט

שוין דאָס פערטע מאָל פירט דורך די פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע די זיצונגען פון איר סעקרעטאַריאַט אין די הויפּטשטעט פון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן און אין די געגנטלעכע צענטרען. אַזעלכע אַרויספאָר-זיצונגען זײַנען פאָרגעקומען אין נאַלטשיק, סווערדלאָווסק, סאַראַנסק.

אויף דער זיצונג אין דער הויפּטשטאָט פון בוריאַטיע — אולאַן-אודע (אין יול בויִדעש) זײַנען זיך צונויפגעפאָרן שרײַבער פון מאָסקווע, לענינגראַד, אוראַל, פון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן כאַקאַסיע, קאַלמיקיע אאַ.

מיט אַ פאָרטראָג אויף דער טעמע „די הײַנטצײַטיקײַט און די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס אין דער בוריאַטישער ליטעראַטור" איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון בוריאַטישן שרײַבער-פאַרבאַנד נאַמזשיל באַלדאַנאָ.

דער סעקרעטאַריאַט האָט געווידמעט זײַן אַרבעט דעם XXII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

---

די כראָניק האָט צוגעגרייט ס. ראַבינאָוויטש.

## יובּילײ־אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלײכעמס ווערק

עס איז דערשינען דאָס לעצטע בוך פון דער זעקסבענדיקער יובּילײ-אויסגאַבע פון שאָלעם-אַלייכעמס אויסגעוויילטע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך. די איבערזעצונג איז געמאַכט פון מ. שאַמבאַדאַל, יאַ. סלאָנים, ל. יודקעװיטש, ר. רובין, ב. פּלאַווניק, ב. איוואַנטער, יאַ. טײַץ, מ. זאָשטשענקאָ, י. גורעוויטש, ב. טשערניאַק און אַנדערע. די קאָמענטאַרן צו אַלע זעקס בענדער האָט אָנגעשריבן אַ. פרומקין. די אויסגאַבע איז דערשינען און פאַרשפּרייט געוואָרן אין 225 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

## ייִדישע אויסגאַבעס

אין מעלוכע-פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור זײַנען היאָר דערשינען אין ייִדיש דאָוויד בערגעלסאָנס „אויסגעוויילטע ווערק" און אָשער שוואַרצמאַנס „אַלע לידער און בריוו".

אַ פּאָר ווערטער וועגן די טיראַזשן פון די ייִדישע אויסגאַבעס. ווי די פאָריקע דרײַ ביכער — פון שאָלעם-אַלייכעם, מענדעלע מויכער-ספאָרים און יִצחאָק-לייבוש פּערעץ — איז אויך ד. בערגעלסאָנס בוך דערשינען אין אַ טיראַזש פון 30 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אָשער שוואַרצמאַנס לידער-זאַמלונג איז אַרויס אין 10 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אונדזערע אויסלענדישע פּען-קאָלעגן זאָגן צומאָל מיט געזונטער קינע: „האַלעווײַ אויף אונדז געזאָגט געוואָר־ן אַזעלכע טיראַזשן". די פרײַנט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור פרייען זיך. אָבער די סאָנים אירע האָבן האַרץ-קלעמעניש, טראַכטן זיי אויס פאַרשיידענע רעכילעס. אָט קומט איינער אַ י. שמולעוויטש און שרײַבט אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער רעאַקציאָנערער צײַטונג „פאָרווערטס", אַז די ייִדישע ביכער אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווערן אַרויסגעגעבן אין... „נישטיקע צאָלן", אַז „זיי גייען מערסטנטייל אויף עקספּאָרט", אַז בלויז „אין די גרויסע האָטעלן, וווּהין ס'קומען ייִדישע טוריסטן פון אויסלאַנד, שטעלט מען אַרויס אַזעלכע ביכלעך". אַ נײַער מוסטער פון באַקן ליגנס אין „פאָרווערטס"-סטיל!

די ייִדישע ביכער זײַנען צעשיקט געוואָרן איבערן גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד. אומעטום האָט מען זיי שנעל צעקויפט. וואָס שײַך „עקספּאָרט", איז קלאָר, אַז מיר קאָנען ניט און טאָרן ניט אָפּזאָגן זיך צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די אויסלענדישע לייענער. פון יעדער אויסגאַבע ווערט פאַר דעם צוועק אויסגעטיילט אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן.





## ייִדישע ביכער אין רוסיש

ווי באַוווּסט, ווערן בײַ אונדז אין לאַנד ברייט אַרויסגעגעבן אין דער רוסישער איבערזעצונג ווערק פון ייִדישע שרײַבער. ביז איצט זײַנען שוין דערשינען בײַ זעקס צענדליק אַזעלכע ביכער. אָט די זייער וויכטיקע אַרבעט ווערט פאָרגעזעצט. היאָר האָבן די סאָוועטישע לייענער באַקומען צוויי בענדער דיכטונג פון פּערעץ מאַרקיש, לידער-זאַמלונגען פון אַרן ווערגעלים, שיפרע כאָלאָדענקאָ, שיקע דריז, פּראָזע-ביכער פון נייער לוריע, יוסף ראַבין.

## געשיכטע פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור

אינעם פאַרלאַג פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פססר איז דערשינען דער דריטער, לעצטער באַנד „געשיכטע פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור". די דאָזיקע אויסגאַבע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פונדאַמענטאַל ווערק, וואָס באַווײַזט די אַנטוויקלונג פון דער רוסישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע פערציק יאָר.

אינעם בוך געפינען מיר אַ גענויעם אַנאַליז פון די אַנטוויקלונגס-פּעריאָדן פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור, מאָנאָגראַפיעס וועגן די אָנגעזעענסטע וואָרט-מײַסטערס — מ. גאָרקי, וו. מאַיאַקאָווסקי, אַ. בלאָק, ס. יעסענין, ע. באַגריצקי, אַ. טאָלסטאָי, נ. אָסטראָווסקי, אַ. פאַדייעוו, ק. פעדין, ס. מאַרשאַק אאַ.

## קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע

דער פאַרלאַג „סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע" איז צוגעטראָטן צום אַרויסגעבן אַ „קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע" אין זעקס בענדער.

די ענציקלאָפּעדיע וועט אַנטהאַלטן בײַ פופצן טויזנט אַרטיקלען — איבערזיכטן וועגן די ליטעראַטורן פון אַלע לענדער אין דער וועלט, ביאָגראַפישע ידיעות וועגן שרײַבער אאַוו.

הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער ענציקלאָפּעדיע איז דער דיכטער אַ. סורקאָוו.

## כיווי האַבאַלכיס אַנטיביבלישע טעזיסן

מיט טויזנט יאָר צוריק האָט כיווי האַבאַלכי, איינער פון די גרעסטע פרײַדענקער פון יענער צײַט, אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס האָט אײַנגעשלאָסן „200 דערווידערונגען קעגן דער געטלעכער אָפּשטאַמונג פון דער טוירע". ניט אַלץ איז צו אונדז דערגאַנגען. די קלייקוידעש, וואָס האָבן אַכזאָריִעסדיק פאַרפאָלגט כיווי האַבאַלכין פאַר זײַן אַפּיקאָרסעס, האָבן געפּרוּווט פאַרניכטן דאָס ווערק.

דער זשורנאַל פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פססר „פראַגן פון דער געשיכטע פון רעליגיע און אַטעיִזם" האָט די לעצטע צײַט פאַרעפנטלעכט 66 פון די דערמאָנטע „דערווידערונגען". אָט זײַנען אייניקע פון זיי.

„אינעם ערשטן פּאָסעק פון „בראשית" ווערט געזאָגט: צום אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן די הימל און די ערד. און די ערד איז געווען וויסט און לער, און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פונעם טהאָם. פרעגט זיך: ווי האָט מען געקאָנט ריידן וועגן פינצטערניש, ווען פינצטערניש און ליכט זײַנען אָפּהענגיק פון זון-אונטערגאַנג און זון-אופגאַנג. אין „בראשית" אָבער זאָגט זיך, אַז די זון האָט גאָט באַשאַפן אויפן פערטן טאָג. אין דער ביבל איז אַלץ ווידערשפּרעכלעך און אומלאָגיש. די וועלט האָט קיינער ניט באַשאַפן, זי עקזיסטירט אייביק און און פאַר זיך".

„אויב גאָט זעט אַלץ און ווייסט אַלץ, פאַרוואָס זשע האָט ער געפרעגט בײַ אָדאָמען: ווו ביסטו?"

„ער האָט געראַטעוועט נויעכן פונעם מאַבל, כאָטש נויעך איז ניט געווען בעסער פון זײַנע מיטצײַטלער. אין דער טוירע איז דאָך געזאָגט געוואָרן, אַז נויעך איז געווען אַ שיקער"...

## „אַ וויקועך אינעם טאָג פון ראָשעשאָנע"

אַזוי הייסט מ. אַלטשולערס בוך, וואָס איז היאָר דערשינען אין מאָסקווע.

שלוימע און מענדל. צוויי אַלטע כאַווײרים. דער ערשטער האָט שוין לאַנג צעריסן מיט דער רעליגיע. דער צווייטער האַלט זיך נאָך בײַ איר, כאָטש אַ סאַך זאַכן זײַנען אים אומפאַרשטענדלעך. צווישן שלוימען און מענדלען פאַרפירט זיך אַ הייסער וויקועך. איינער פרעגט, דערווידערט, דריקט אויס זײַנע ספייקעס, און דער צווייטער, אַ טיף איבערצײַגטער אין דער מאַרקסיסטישער וועלט-אָנשויונג, דערווײַזט גרינטלעך און מיט אומבאַשטרײַטבאַרע פאַקטן, אַז די ייִדישע רעליגיע, ווי יעטווידע אַנדערע רעליגיע, איז רעאַקציאָנער לויט איר מאָך, אַז זי שטימט לאַבלוטן ניט מיטן לעבן, מיט די אינטערעסן פונעם סאָוועטישן מענטשן.

צום סוף פון שמועס ווערט קלאָר, אַז מענדל וועט סאָפּקאָלסאָף קומען צום ריכטיקן אויספיר. שלוימע האָט אים מאַמעש די אויגן געעפנט.

מ. אַלטשולערס בוך איז אָנגעשריבן אין אַ לעבעדיקער, זאַפטיקער שפּראַך. דער טיראַזש — 100 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

## „דער פאַרקישעפטער שנײַדער"

אַן אַלבאָם אוטאָליטאָגראַפישע איליוסטראַציעס פונעם קינסטלער-גראַפיקער טאַנכום קאַפּלאַן צו שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונג „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" איז אָפּגעדרוקט מיט דער האַנט אין די גראַפישע וואַרשטאַטן פונעם קינסטלערישן פאָנד פון פססר. דער אַלבאָם

איז דערשינען אין הונדערטער עקזעמפּליאַרן. אין דער לענין-ביבליאָטעק ווערן קאַפּלאַנס אווטאָליטאָגראַפּיעס געהאַלטן אין די פאָנדן פון אוניקאַלע ווערק.

עס גרייט זיך צום דרוק ט. קאַפּלאַנס א נײַער אַלבאָם — אווטאָליטאָגראַפישע איליוסטראַציעס צו שאָלעם-אַליכעמס „טעוויע דער מילכיקער". אן אַרײַנפיר צו דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט אָנגעשריבן איליא ערענבורג.

## אן אויסשטעלונג פון בירָאָבידזשאַנער מאָלער

אינעם קאַנטקענטעניש-מוזיי פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט האָט זיך געעפנט אן אויסשטעלונג פון בירָאָבידזשאַנער קינסטלער. די טעמאַטיק איז א פאַרשיידנאַרטיקע. דער יונגער קינסטלער נ. טשיטשקאָ ווײַזט דאָס געשטאַלט פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יויסעף בומאַגין. אפן בילד איז אויפגעשטעלט דער מאָמענט, ווען בומאַגין וואַרפט זיך אפן דזאָט פונעם סוינע. א. סמעלאָווס ווערק זײַנען געווידמעט דער נאַטור פונעם סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך. א ריי ארבעטן שילדערן דאָס לעבן אין די שטעט און דערפער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

## קאָנצערטן פון ייִדישער ליד

די ייִדישע אנסאַמבלען אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די צושויער. אין מעשעך פונעם לעצטן יאָר האָט די צאָל באַזוכער פון אַזעלכע קאָנצערטן דערגרייכט ביז 300 טויזנט מענטשן.

מיט א נײַער פּראָגראַם אף הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק — „אין א מאַזלדיקער שאָ" (איומאָר — מ. סאַקציִער, רעזשי פון ע. קאָלטעניוק) טרעט ארויס דער אנסאַמבל פון סידי טאַל. די קאָמעדיע איז שוין באַוויזן געוואָרן אף אוקראַינע, אין מאָלדאַוויע, אין די באַלטישע רעפּובליקן, אין מאָסקווע, לענינגראַד, סווערדלאָווסק, סאַראַטאָוו...

דער אנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון עמיל האָראָוועץ האָט ניט לאַנג צוריק גאַסטראָלירט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. האָראָוועץ האָט זיך ארויסגעוויזן אלס אויסגעצייכנטער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער סאָוועטישער ליד.

דער ווילניוסער זעלבסטעטיקער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו באַווײַזט איצט א נײַע אַרבעט — מ. קולבאַקס פּיעסע „בויטרע". מיט זײַנע ספּעקטאַקלען „צוויי הונדערט טויזנט", „פריילעכס", „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" און „בויטרע" האָט דער קאָלעקטיוו, וואָס באַשטייט פון פופציק ליבהאָבער, דערוואָרבן בא די צושויער אַכטונג און ליבע.

זייער וואַרעם ווערט אויפגענומען דער ריגער ייִדישער כאָר, וואָס ציילט מער פון הונדערט זינגער. ער טרעט ארויס מיט ייִדישע, רוסישע און לעטישע לידער אין קלובן און קולטור-פּאַלאַצן, אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דורך ראַדיאָ אאַוו.

## א באַזוך אין רעדאַקציע

### רוט רובין — זאַמלערן פון דער ייִדישער פאָלקסליד

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַזוכט די באַוווּסטע אמעריקאַנער זינגערן און זאַמלערן פון דער ייִדישער פאָלקסליד רוט רובין. אף דער באַגעגעניש זײַנען געקומען שרײַבער, קאָמפּאָזיטאָרן, זינגער, מוזיק-פאָרשער, פאָלקלאָריסטן.

רוט רובין האָט דערציילט וועגן איר שעפערישער טעטיקײַט, וועגן די שוועריקײַטן, וואָס טרעפן אפן וועג פון א פאָרשער פון ייִדישן מוזיקאַלן פאָלקלאָר אין אמעריקע.

פּראָסט און מיט גרויס געשמאַק זינגט רובין א ריי פאָלקסלידער, און פאַר די אויגן פון די צושויער שטייען אוף בילדער פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט. עס דוכט זיך, אז עס קלינגט דאָס געזאַנג פון א פאַרליבט שטעטלדיק מיידל, וועלכע דער כאָסן האָט פאַרלאָזט, עס הערט זיך די וויגליד פון א יונגער פאַרזאָרגטער מוטער...

רוט רובינס אנאַליז פון די ייִדישע פאָלקסלידער איז טיף דורכגעטראַכט און באַגרינדעט.

די בײַוועזנדע האָבן האַרציק באַדאַנקט די זינגערן און געווונטשן איר דערפאָלג אין דער שעפערישער אַרבעט.

ИЗДАТЕЛЬСТВО „СОВЕТСКИЙ ПИСАТЕЛЬ“

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор Б 8-27-91, ответственный секретарь — К 4-46-69;
отделы прозы и поэзии — Б 3-96-07; отдел критики и библиографии — Б 8-49-42.

Художественный и технический редактор *Л. М. Дворкин*

Подписано к печати 2/VIII 1961 г. Тираж 25 000 экз. Формат бумаги $70 \times 108^{1}/_{16}$.
Печ. л. 8 (10.96), бум. л. 4+вкладка $^{1}/_{8}$ л. Цена 50 коп. Зак. 2603.

Московская типография № 3 Мосгорсовнархоза.

# אין דעם ליטעראַריש-קינסטלערישן זשורנאַל

# „סאָוועטיש היימלאַנד"

וועלן געדרוקט ווערן ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמאַטישע ווערק, קינסטלערישע פאַרצייכענונגען, פּאָעמעס, לידער, ליטעראַטור-פאָרשערישע און קריטישע אָפּהאַנדלונגען פון די סאָוועטישע שרײַבער.

**„אין סאָוועטיש היימלאַנד" וועלן רעגולער אָנטייל נעמען:**

נאָכעם אויסלענדער, מוישע איטקאָוויטש, מוישע אלטמאַן, נאַטאַן אלטמאַן, מוישע אלטשולער, מייער אקסעלראָד, הירש אַשעראָוויטש, ריווע באַליאַסנע, איטשע באָרוכאָוויטש, סאַלוואַדאָר באָרזשעס, יויסעף בוכבינדער, ראָכל בוימוואַל, כאַיִם ביידער, הירש בלאָשטיין, הירש בעריאָזקין, מוישע בערעגאָווסקי, דאָוויד בראָמבערג, איציק בראָנפמאַן, אווראָם גאָנטאַר, עליע גאָרדאָן, שאָלעם גאָרדאָן, שמועל גאָרדאָן, מענדל גאָרשמאַן, שירע גאָרשמאַן, אלעקסאַנדער גובניצקי, טעוויע גען, מאָטל גרוביאַן, מאָטל גרוומאַן, הירש דאָבין, כאַיִם דאָבין, אירמע דרוקער, שיקע דריז, אויזער האָלדעס, וועלי האָפּשטיין, מוישע העלמאָנד, אַרן העפּטער, ליובע וואַסערמאַן, אמאַליע וואָרטמאַן, כאָניע ווײַנערמאַן, ז. וווענדראָוו, אַרן ווערגעליס, ס. ווערעטע, נאַטאַן זאַבאַרע, כאַיִם זילבערמאַן, כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, אלעקסאַנדער טישלער, מוישע טייף, זיאַמע טעלעסין, שלוימע טשערניאַווסקי, יויסעף טשערניאַק, ליובע טשערניאַק, לייב יאַמפּאָלסקי, פּייסי יאַנאָווסקי, יאַנקל יאַקיר, יאַנקל יאַסאַדע, מייער יעלין, שיפרע כאַראַץ, דווירע כאַלאָדענקאָ, כאַראַל, דאַרע כײַקין, נאָטע לוריע, עפראַיִם לויטער, כאַיִם לויצקער, יעשוע ליובאָמירסקי, מענדל ליפשיץ, מישע לעוו, יאַנקעוו לעווין, כאַנע לעווין, יאָסל לערנער, כאַיִם מאַלטינסקי, בוזי מילער, כאַיִם מעלאַמוד, כאַיִם נאַדעל, מוישע נאַטאָוויטש, מאָטל סאַקציער, שמועל סענדעריי, ייִסראָעל סערעבריאַני, הירש פּאָליאַנקער, לייב פולווער, יעכיעל פאַליקמאַן, עליע פאַלקאָוויטש, אַבע פינקעלשטיין, נאָכעם פרידמאַן, סאָניע פרײַ, אווראָם קאַהאַן, בלומע קאָטיק, יויסעף קאָטליאַר, זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, איציק קיפּניס, פּייסי קיריטשאַנסקי, יויסעף קערלער, הירש קראַווצאָוו, יויסעף ראַבין, סיאָמע ראַבינאָוויטש, הירש ראַבינקאָוו, מאַרק ראַזומני, ליימע ראָזנהויז, מענדל ראָזנהויז, ריווקע רובין, עפראַיִם רויטמאַן, שלוימע רויטמאַן, מאַקס ריאַנט, יאַנקל ריוועס, הירש רעלעס, הירש רעמעניק, מ. שאַץ-אַניִן, מויני שולמאַן, מאָטל שטורמאַן, יאַנקעוו שטערנבערג, עליע שעכטמאַן, יעכיעל שרײַבמאַן און אַנדערע.

לייענט און פאַרשפּרייט
דעם זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד"!

△ УР 2617.35
в

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY NOV 2 1961

# Советиш Геймланд

·СОВЕТСКАЯ РОДИНА·

**В НОМЕРЕ:**

Т. Ген. В родном городе (повесть)

Ч. Айтматов. Джамиля (повесть)

М. Тейф. Братья (поэма)

Стихи С. Галкина, Я. Штернберга, М. Грубиана и др.

Рассказы И. Шрайбмана, И. Рабина, Л. Вассерман

**Трибуна писателя:**

З. Вендров. Молодежь — наше будущее

А. Гонтарь. Обыкновенная семья